STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08895

DI DRITE SUDE

Jacob Isaac Segal

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. י. סיגאַל

די דריטע סעודה

לידער

מאנטרעאל, 1937

Copyrighted by J. I. Segal

„קענעדער אדלער“ דרוקעריי 9a

י. י. סיגאַל:

די דריטע סעודה

I

די פרייד דיין נאָמען צו דערמאָנען.
דיינע קערנער־ווערטער דאָ פאַרזייען
אין אונזער גרויען אָרים.
אונזער טאָג איז שטיינעריק,
האָט נאָך נישט פאַר מאָרגן קיין געזאַנג און ליבע,
און שווער איז מיר צונויפרופן אַ מנין
דיין אַ ניגון, דיין אַ מעשה זינגען.
איך רייס זיך אויך אַרויס צום וועג
וואו בוימער האָרכן וואונדער,
מיין געמיט, מיין ליד פאַר זיי אַרויסשווייגן.
עס קלייבט זיך אָן אין מיר דורך טעג און נעכט
גאַל און גאָלד און האָניק.
אויף מיין צונג אַזויפיל פרומע שורה׳ס,
און כוויל רעדן צו די ערדן, פעלדער, ווייטן
פון דיין לעבן און דיין שטאַרבן.
און קומען ווידער אין דער שטאָט
פון בלאָנדזשענדיקן און געיאָגטן דור,
פּרוּוון נאָכאַמאָל דורך נייער לייטערונג
אַרויסברענגען אַ העלן משל אין דיין נוסח.
אין פאָלקסהויז זיך אָריינשטעלן אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט
מיט אַ דרשה פון פאַרצייטן —
די וואונדער פון קליינע טעג מיט ווייטע טיפע וועגן.
אַ מענטש דאַרף ברויט, אַ פעלד דאַרף זון און רעגן
און איך בין אויך געגאַנגען צום טויט פרעגן:
וואו איז גאָט?
אַרום מיר, אין שטומען פעלד
זיינען געשטאַנען יונגע בוימער און געגרינט,
און פון די גראָזן האָט געאָטעמט פרישער ווינט,
און ביים ברעג טאָל האָט אַ וואַסערל געמורמעלט, — פון וואָס?
פון אַלץ וואָס וועלט באַגערט.
עס האָט גערעדט און געגאַנגען דורך לאַנד,
און זיך געצויגן ווי אַן אומענדלאָכע האַנט
ווייט וואו. און דער וועלט דערלאַנגען — וואָס?
אַלץ וואָס איז אַוועקגעגאַנגען
און גייט ווייטער, ווייטער אַן אַ סוף
באַרג אַראָפּ און — טאָל אַרויף.

ליכטיק

כוועל אויפבויען פאַר דיר אַ הויז
אַ שטילע שטוב זאַלסט קומען רוען:
טוסט וועלט און עלנט פון זיך אויס
און אַלע שווערע גרויע שעה׳ן.

און זעסט נישט מער פאַר זיך דעם תהום—
די נישט דערגרייכטע ווייט־און הויכן.
אויף וועגן ערגעץ זינגט אַ שטראָם
אין גאַנג צו רו, צו טאָל און טייכן.

אַ ווינט האָט נאָר געבראכט קלאַנג
און מילד צוריק אַוועקגעפלויגן.
און אייביק טריבט אַ וואָרט דיר קראַנק
מיט רויט און גאָלד אין זיינע אויגן.

כהאָב וואַגלענדיק דיך שטום געזען
אויף וועג און ווייסט אין מידקייט פאַלן,
און וואָס עס איז מיט דיר געשען —
פאַרנאַכט—פאַרנאַכטיק ליכט אויף שטאַלן.

די בענקשאַפט רופט דיך פון ווייטן וועג
אַהיים, אין ישוב צוריקזיכקערן.
אויף מידע פעלדער — ביים שמאָלן ברעג,
קלייבט אויף די קעלט די ראָסע־טורערן.

קוקסט אום זיך מיט פאַרשוויגענעם וויי
און שאָטנס פאַלן פון דיינע בליקן,
נאָר סטוט אַ לויכט דער יונגער שניי
אויף שטיבער, וועגן, גאָרטנס, בריקן.

דער לעצטער אַנבליק פון דער היימ
דער לעצטער גרוס — אַ טונקעלער פייגל
און אויפן פעלד — אַ פרומער בוים
אַביסל צו דער ערד געבויגן.

וואוהין ?

— וואוהין מיט אַזעלכע קליינע לידער ?
— נישט ווייט, מיין ליבער, צום פֿאָטער : גאָט,
מען פֿאָרט דאָס קליינע בריקל אַריבער,
ער וואַרט אויף מיר דאָ הינטערן שטאָט.

זיך ווייניק מיט לומדות אָפּגעגעבן,
אַ שווערער עזותדיקער מאַרק ביי אונז,
וויל שטיקער זאַפּטיק בלוטיק לעבן
פֿאַר איטלאַד קליינעם רויטן לינז.

מען שעלט אים ביי אונז מיט טויטע קללות
און מען צאָלט אים בלוטיק גאָלדן צינז,
און משפּרייט דעם דלות׳ זיבן פֿאָלעס,
פֿאַר איטלאַד קליינעם רויטן לינז.

אַ אינגעלע האָב איך צום האַר פֿאַרדינגעז
אַ שיינס און אַ וואוילס און אַזאַ מין דינס.
אַזש סהאָט דער האַר די סלונע געשלונגען,
מצאָלט פֿאַרן קלענסטן רויטן לינז.

אַז ער קומט פֿאַרנאַכט טוט ער מיך פֿרעגן
(און אַזוי פֿינסטער־עלנט ווערט מיר דערפֿון) :
צי ס׳איז אויפֿן גאָס היינט געגאַנגען אַ רעגן,
צי סהאָט אויפֿן דאַך געשיינט די זון.

דעם האַרס פֿאַבריק איז אַ טוכלער קעלער
מיט פֿענסטער־שפּאַלטן קליין און שמאָל.
פֿאַרנאַכט איז דער שיין דאָרט אַזאַ טרויעריק געלער ;
כ׳בין געקומען אַהין רופֿן מיין אינגל אַמאָל :

ער האָט אין אַ ווינקל צונויפֿגעקליבן
שטיקלאַך אָפּפֿאַל פֿון טונקל געוואַנט.
און אויף זיין דינער פּלייצע האָט דער פֿאַרנאַכט געשריבן
זיין טרויער מיט אַ געלער קראַנקער האַנט.

פרידן

איך זע פון ווייט דיין הערלאַך הויז פון פרידן
אַ ליכטיקס און אַ ווייס אין מיטן פעלד.
און פרישע שטעגן גאָלדיק־אויפגעשניטן
צעשטרעקט צו די פיר זייטן פון דער וועלט.

עס פלאַטערט נישט קיין פאָן אין שטאָלץ־קאָלירן,
קיין צלם גלאַנצט נישט, פינקלט ניט און בלענדט.
נאָר אַלע ווענט האָבן צוועפנט ברייטע טירן,
ווי רופנדיקע פאַטערלאַכע הענט.

אין גרויסן הויז — אַ לאַנגער טיש אינמיטן
און די געבענטשטע סעודה צוגעגרייט.
מיר וועלן עסן פון דיין ברויט פון פרידן
און וועלן בענטשן דאָס געבענטשטע ברויט.

דו ביזט געגרעכט ווען דו האָסט אַנגעקינדיקט
אַז אַלע וועלן קומען אין דער גרויסער שעה,
אַפילו די וואָס האָבן אַלץ פאַרזינדיקט,
און זיינען לאַנג שוין אויף דער וועלט נישטאָ.

ווייל איטלאַכער האָט אויף זיין אַקסל, אָרעם,
געטראָגן שווער דעם דורותדיקן עול.
פון הינטער שטיינער, ווי באַהאַלטן צווישן קברים,
שרייט דאָס געוויין פון קינ׳ס בלוטיק קול.

געלייטערט בלוט דער הימל הויך־דערהויבן
און דורכזיכטיק און מילד די וואַרימע זון.
די גרינע ערד איז אונזער אַלעמענס גלויבן,
די ליכטיקע זון איז אונזער אַלעמענס פאָן.

סהאָט איטלאַכער זיין שטראָף שוין אָפּגעליטן,
און איטלאַך אומריין האַרץ — שוין ריין און אויפגעהעלט.
און אָפן שטייט דיין ליכטיק הויז פון פרידן
פאַר אַלע פרייע וועגן פון דער וועלט.

לידער

— וואָס האָסטו געוואונען אין אומעט ?
— אַ ווינקל פאַר זיך אין דער וועלט.
— וואָס האָסטו געבויט אין דיין אומעט ?
— דאָס איינזאַמסטע שטילסטע געצעלט.

— ווער קומט דען צו דיר און דיין אומעט ?
— דער הערבסטיקער ווינט קומט צוגייך,
און שפּילט מיטן קרענקלאַכן זונליכט
דעם תהילים פון טויט און פאַרגיין.

אַ וואַלד שטייט אַן אַלטער און ווייטקייט
נאַקעט פון קאָפּ ביז די טריט.
און איבער אים האָט זיך אין בלויקייט
דער לויטערסטער הימל צובליט.

דער טאָג איז זיין קינדערשער בלויאונג —
אַ ליכטיק גרינג בלימל אין פעלד.
סעפּטעמבער הילט אָפּ אַלע שלייערס,
און עפנט דאָס אויג פון דער וועלט.

אפשר פראָוועז נאָך קראָען כשוף
אין וואַלד אויף אַ פינסטערן פיעז.
שפינען שלאָפן אין היילן פון בוימער
פאַרוועבט אונטער שווינוועבסן צעז.

נאָר—לייכט אַזוי שווימען די שעהן
אויפן לויטערן טאָג ביז פאַרנאַכט.
אין גאָלדענעם ווייך זינגט דער טרויער
ביים אָפענעם טויער פון נאַכט.

הינטערן וואַלד שטייט אַ קוזשניע
אין קוזשניע — דער לירישער שמיד,
שמידט גאָלדענע קייטלאַך און רינגען,
און גלעקלאַך פון גראָם פאַר זיין ליד...

פרי

וואו די קליינע אפּלייקענער קומען,
דאָרטן קום איך מער שוין ניט.
צווישן פרומע, שטילע פרומע
מיינע ווענט און מיין געמיט.

מיינע לידער — אַלטע תּפילות,
טרעטן פון מיין טריט ניט אָפּ.
כּזע זיך אויפן וועג קיין שילה
בערגל־אויף און בערגל־אָפּ.

אַלע פירן־מיט קרבּנות,
איך — אַ קינד אַ קליינס ביים האַנט.
דער פרימאָרגן וואַרפט מתּנות
גאָלד און ריחות איבערן לאַנד.

מיטן אויפבראַך זיך געפּעדערט,
מונטער אונזער פריער גאַנג.
קנאָספּ פון טאָג האָט זיך צובלעטערט
זונענאויפגאַנג, זון־אויפגאַנג.

ווייסט, מיין אינגל, וואו מיר גייען?
—כוויס, הויבט ער ארויף זיין קאָפּ.
גרינגער ווינט נעמט פרישער ווייען,
און מיר גייען — באַרג אראָפּ.

כּהאַלט זיין קליינע האַנט צו פעסטער
אַזאַ דינע קליינע האַנט.
אַ געצוויטשער פון די נעסטן
גאָלדענע ריחות איבערן לאַנד.

דערמאָנונג

דיין קאָפּ פאַרזילבערט זיך שוין אויך, מיין נאָנטע
און — קליין אַזוי, ביי אונזער דיך, די קינדער.
איך קוק אויף דיר און — עס דערמאָנט זיך מיר
דער קילער זונשיין אין די פענסטער אָנהויב ווינטער.

דאָס איז שוין לאַנג צוריק — אונזער אוקריינער היים,
ניט בענקשאַפט רעדט אין מיר נאָר — העל־דערמאָנען
סהאָט אַזאַ שטילקייט זיך ביי אונזער שטוב געלייגט —
דער אינדערפרי וואָס איז ערשט אויפגעשטאַנען.

די קוקורוזן אינעם גאָרטן שטייף און זשאָוור־ברוין,
די קליינע ביימלאַך ביי די פּלויטן — דין, דורכזיכטיק,
די שענסטע און די זינגענדיקסטע זומער־טעג
האָבן ניט געשפּילט און נישט געלויכטן אַזוי ליכטיק.

און דאַך — איז אומעטיק אַזוי געווען דער אינדערפרי
און טרויער־קלאַנגען אין די פענסטער אָנגעקלונגען,
זון און שאָטן ביי דער טיר, ווי סוחרים צוויי,
האָבן זיך די גאַנצע צייט געדונגען און געדונגען

איבערן מאַרק — צעוואָרפן אויסגערעגנט טונקל שטרוי
און פּירן, פורלאַך, מידע פערדלאַך ביי די קלייטן,
און — פון אַ פרעמדן קאַנט דרייט אום זיך אַ פאַרשויץ,
אַ לאַנג געל העמד מיט בלויע און מיט רויטע קווייטן

און שטיוועלאַך מיט אַזאַ פינקלענדיקן פיינעם גלאַנץ,
די טשופרינע — ווינטיק און אין מויל — מאַכאָרקע.
איך טראַכט אַצינד דערפון און קלער: ווער ווייס, סקאָן זיין
אַז סאיז געווען אפשר דער וואונדערלאַכער גאָרקי?

כווייס... יענע צייט? אפשר אַ טעות? — אין דער לופט
האָט אַזאַ פאַרביקייט און זוניקייט אַדורכגעקלונגען,
און זילבערליכט, און בלויער־גרויער שאָטן אינדערהויך
האָבן זיך ווי סוחרים צוויי איבערן טאָג געדונגען.

טוי

אונטער דער האַרבער רוט פֿון טויט־יסורים
בין איך געפֿאַלן, פֿינסטער אין מיין בלוט
און אויפֿגעוועקט האָסטו מיך צווישן קברים
און — כהאָב לעבן די קברים אָפּגערוט.

אין אַזאַ טיפֿער שטילקייט איז געלעגן
די ערד אין וואונדער פֿון איר רונדער גרויס,
און האָט געקוקט צו מיר פֿון אירע ברעגן
פֿון דאָ און דאָרט מיט אַ פּאַראיינזאַמט הויז.

און אין זיין לויטערער קלאָרקייט איז געהאָנגען
דער הימל אין פֿרימאָרגנדיקן בלוי:
און וואו ניט וואו איז נאָך אַרומגעגאַנגען
איבערן גראָז אַ וואָלקנדל פֿון טוי.

מיט אַט דער רו פֿון אונטן און פֿון אויבן
ביזטו געקומען היילן מיין געמיט,
און אויסגעשטרעקט אַ האַנט מיך אויפֿצוהייבן,
איך האָב געהערט דעם אָטעם פֿון דיין טריט

איך האָב געהערט דיר איבער מיר זיך בויגן
און האָב געשפּירט דעם אָנריר אויף מיין קאָפּ.
און דורכן גרינגן טוי אויף מיינע אויגן
געזען דיך זיך אַראָפּקניען אַראָפּ.

און נאָכדעם זיינען מיר שוין שטיל געגאַנגען
און האָבן זיך צום טאָל אַראָפּ געלאָזט.
און וואו ניט וואו איז נאָך אַרומגעגאַנגען
אַ טויאיק כמאַרעלע איבערן גראָז.

מ י ד

אַ מענטש ווערט מיד פון אַלץ, פון אַלץ,
און גרויט אַ האַלבן לעבן מיד.
קוקט דורכן פענסטער אין אַ פרעמדער וועלט:
אַ בוים, אַ דאַך, אַ פייגל פאַרפליט.

די גאַס האָט שטענדיק נאַאיווע פרייד
יומטוב מיט וואָך און קינדעריש גליק.
די גאַס האָט איר טונקעלן טרויער אויך —
אַ בלינדער בעטלער ביים זייט פון בריק.

זיין לירע זינגט אַ טרויעריק ליד,
וועגן אַ שיינקייט וואָס אַ מענטש האָט פאַרשפּילט.
און ווען אויף דער וועלט דען רירט עס ניט
און וועמעס געמיט ווערט ניט גוט און מילד?

דער בעטלער שאַרט זיך פון בריק אַהיים
מיט זילבערן און מיט קופּערן געלט.
און פאַרן שלאָף שטעלט ער די לירע אַז
אויף מאָרגן—צו זינגען זיין ליד פאַר דער וועלט:

אַ מענטש ווערט מיד פון אַלץ, פון אַלץ,
און שאַטנט אַ האַלבן לעבן מיד.
קוקט דורכן פענסטער אין דער וועלט אריין:
אַ בוים, אַ דאַך, אַ פויגל פאַרפליט.

מיין מאַמע

איך גערענק דיינע עלנטע טעג
אינם פּילדער פון מאַרק און געזעמל.
אונזער מארק מיט זיין גרויען געפּעק —
אַן אַלטער געהויקערטער קעמל.
גייסט פון וואָגן צו ייאָגן אַרום
קויפסט דיין סחורה פאַר קופּערנע גראַשנס.
איך געדענק־דיך אין אָוונטן — שטום
און מיט אויגן, ווי ליכט אויסגעלאָשן.
האָב איך ווינקל פאַרנומען מיין אָרט
איבערן ביכל אַריבערגעבויגן
נאָר אַן איינציק, אַן אומבאַשטימט וואָרט
קריכט פון אַלע מיר שוואַרץ אין די אויגן.
אינם בוד ווערט אַ מעשה דערציילט,
נאָך כהאָב זי פאַרגעסן אינמיטן.
דאַכט זיך עפּעס אַ טונקעלע הייל,
און פון דאָרט האָט אַ רייטער געריטן.
און אַרויס אויפן מדבּרשן זאַמד —
האָט דער טאָג זיינע טירן צוגומען.
און דער הימל אין פייער און פלאַם
און אין פאַרכטיקן שווייגן אין פרומען,
מיין קאָפּ אויף מיין אינגלשער האַנט
אַריבערן ביכל געניִדערט.
אַט אַ זע איך דיך נאָך ביי דער וואַנט,
ווי עס וויגט זיך דיין שאָטן אַ מידער.
דאָס טיכל אַריבער דיין קאָפּ
פאַלט שוין איבער דיין שטערן אַריבער.
און אַט זע איך — די גאַסן אַראָפּ,
אין די לעצטע געהויקערטע שטיבער.
און — דער נידעריקער פאַרקען פון שטיין
און דאָס הילצערנע טירל דאָס קליינע.
כוואָלט נאָך וועלן ווען קומען צוגיין
צו דיינע פאַרוואָגלטע ביינער.
און ברענגען מיין שטומקייט פאַר דיר
פאַר דיין ליבשאַפט, צער און פאַרגעבן,
און פאַר דיין אייביקער טיר
לייגן דעם שטויב פון מיין לעבן.

אין וועלט

דער נאַרישסטער פון הי,
וואָס קאָן נאָר אויפהויבן אַ שטרוי
שטרעקט טעמפן קעלבערנעם ניצחון
גאָט אין פנים.

און איז אַ מענטש
פאַרבונדן און פאַרבאַנדערט
מיטן היינטיקן געשמאַקן טאָג
און האָט נאָך גרויסע נחלות, גיטער,
ווייט ווייט אַריבער די גרעניצן פון מיטוואָך.

האָט דען די טיפסטע ליבשאַפט פון דיין בלוט
וואָס האָט דיך אָפּגעלאָזט —
דעם קלענסטן אין דער וועלט,
פאַרמיטן איין פּאַסקודניק
דיך נישט ווי־צו־טאָן ?
אין יעדן פינגער דיינעם שטומט אַ כעס,
פונדעסטוועגן ביזטו אין מעשות זוכנדיק
געקראָכן אויף די קנאַכן־קני —
אַ שאָטן פאַרן געשטאַלט
וואָס האָט ארומגענומען די וועלט צושטראַלט.
נישטאָ קיין שטוב, קיין טיר,
אַז אַ צייכן אומגליק אויף מיר.
אַלע מאַמעס אויגן טראָגן קלאָג,
אויף פאָטערס פנימער —
פאַרהאַרבט, פאַרקאַרבט געוויין —
שנירלאַך אָדערן אויף שטומען שטיין
פליסנדיק געבליבן שטיין.

צו ...

איבערן דאָרף טויבט אַ גרויער נעפּל
דאָס גראָז אויף דער ערד געלט טויט.
די גערטנער דרימלען מיד.
הינטער אַ טויטן באַרג קרייט דין אַ האָן.
דער אינדערפרי איז טויב, הערט ניט,
און עס גייט אים ניט אָן.

לעבן פענסטער אין פרעמדן רעסטאָראַן
ביים קליינעם פרישטיק טיש,
אויסבאַהאַלטנדיק זיך פון אונזער היימישער גאַס,
האָסטו אומעטיקלאַך־ליב צו מיר גערעדט:
פאַראַן פאַר אַלץ אַן אויסוועג.
און דער קלאַנג פון דיין קול האָט זיך געשעמט
פאַר זיין ניט דרייסטער פרייד,
ווי מיט דער זיסקייט פונם יונגן לייב אונטערן העמד.

היימלאַךפרעמד קוקט אויף אונז
דער לייוונטענער טישטוך פונם טיש,
די פאַרביקע גאַטבילדער פון די ווענט אַראָפּ,
די גרינלאַכע דאַרפישע סטעליע איבערן קאָפּ.
נאָך פרי. ביז האַלבן טאָג נאָך אַ לאַנגער שטח צייט.
מיר הערן דאָס רעדעריי פון טראַם פונווייט.
זי האָט אונז אינקאָגניטאָ אַהערגעבראַכט.

ניט ווייט דאָ שטייט דאָס הילצערנע וואַקזאַלעכל
אַן אײנזאַמס און אַן אַלטס,
קאָן אונז שוין פונלאַנג,
גיט אונז פאַר קיינעם ניט אויס

מיר בלייבן זיצן שטום־שטום שטיל.

די מענטשן דאָ אין פרעמדן אָרט
לאָזן אונז אין אונזער וועלט,
די זילבער־ווייסע ווירטן גייט אַריין
שמייכלט פונדערווייט מיט איר יונגן שיינעם מויל,
און—לאָזט אונז אין אונזער וועלט.

מיר גייען איבער דער פרעמדער גאַס.
מיטן שמאָלינקען קליינשטאָטישן טראָטואַר.

אַ הילצערן ווייס קלויסטערל ביים וועג.
אַ היימלאַכס ווי אַ שטוב.
אַ ניט גרויסע טיר, דריי טרעפּ,
צוויי אַלטינקע, זיך האַלטנדיק ביי די הענט,
טרעטן קליין-קליין ארויף.

דאָס קלויסטערל קלינגט פּלוצלונג אויף.
רופט פון נעפּל אַרויס,
וועקט די שטיבער, רעדט,
די קלאַנגען זיינען ווי ווערטער קלאָר.
אין דאָרף ווערט בלויער דער טאָג.

קוקסט מיר אין אויג אַריין:
ווי גיט, ווען מיר וואָלטן דאָ געקאָנט תמיד זיין.
מיר הערן דאָס רעדעריי פון טראַם ניט ווייט,
ביז האַלבן טאָג נאָך אַ שמאָלע סטעשקע צייט.

צ ו...

דו גייסט ניט מער דיין הויכן טאָג־אַרויף,
נאָר אין וואַכעדיקער היימלאַכקייט פון דער בייטאָגיקער שעה;
ווי אויף די שטילע לאַנקעס פון די תהילים־יום׳ען
די איינגעיאָכטע טאַטעס אונזערע פון מאַרק, —
אַזוי גרויסטו אַרום איבער דיין הינטערגאַס.

פאַרדרימלט, מיד איז דאָס געמיט פון דיינע טעג —
בלייכע טייכן ביים סופּזומער ברעג.

רעדן ווילט זיך מיר דאָ תמיד וועגן דיר,
אַפילו מיט זיך אַליין און — וועגן דעם
וואָס איז געוועזן און ניט — וואָס עס וועט זיין.
פריע מידקייט איז אַ קינד, בייגט איר קאָפּ
אין פרומער גוטסקייט צו דער ערד אַראָפּ.
ווי קאָנסטו ווייזן אויפן ליידיקן וועג־פאַררויס
אַז אין איר הינטערלאַנד שניידט זיך אַ שאָטנשיין
פון איר היימלאַך אייגנהויז.
יעדער בלייכער צייכן פון אַ צווייג, אַ בוים —
אַז עכאָ פון אַ הימן צו איר היים.

פאַרדרימלט, מיד איז דאָס געמיט פון דיינע טעג —
בלייכע טייכן ביים סופּזומער ברעג.

טוסטו גיין דעם איינזאַמסטן וועג — אין טאָל אַראָפּ.
און — ווער וועט מיט דיר גיין ?
אַלצדינג וואָס בייגט אין שטומקייטן זיין קאָפּ —
אַ שאָטן פון אַ בוים, אַ טויבער שטיין,
אַ חרוב הויז — אַן אומהיימלאַך געביין —
דו וועסט זיי אַלע מיטנעמען מיט זיך
און ברענגען צום אַלמעכטיקער בעל מופת׳ קיך.
דאָרט קאָכן זיך די קרייטאַכצער
אין אַ גרויסער קופּערנער פאַן.
דער טיש איז אַלטהיימלאַך פאַרשפּרייט,
און מיטן ערשטן ביסן וואונדערברויט
ווערט גרינג און ניי און העל דער טאָג,
ווערט הויך און פריי די וועלט
שניי־בליאונג און רו איבער אַ שלאָפנדיק פעלד.

פאַרדרימלט, מיד איז דאָס געמיט פון דיינע טעג —
בלייכע טייכן ביים סופּזומער ברעג.

אַלט - גאָלד

אזויווי סווערט חרוב אַ לאַנד אַ גרויס,
און אַ פרידלאַך פאָלק ווערט צוּבראַכן
ווערט חרוב אַ קליין און אָרים הויז,
ווי מיין זיידנס — זכרונו לברכה.

זיבן דורות אונטערן אַלטן דאַך,
און — דער דאַך האָט זיך איינגעבויגן.
און איך — מיט האַק און פּאַק און שפּראַך,
האָב זיך דער לעצטער אַרויסגעצויגן.

איז מיר נאָכגעגאַנגען טריט און טריט
די קאַץ מיט די זילבערנע פלעקן.
און דער לעצטער אורח — אַ ליטווישער איד,
און מיין זיידנס סוקעוואַטער שטעקן.

און דער תהילים־ניגון פון אינדערפרי,
וואָס האָט אויפן באַלקן געדרימלט.
און מיין באָבעס פאַטשיילע פון אַלטן ווין
גרויער זייד רויטלאַך בלוי געבלימלט.

און מעשות של וואונדער פון הייליקן בעש״ט
און חכמה פון מוסר־ספרים.
און דער גאַנצער אַלט־דורותדיק שיינער רעשט
מיט זיין גאַנג און זיין קלאַנג און זיין פאָרם.

און אויפן גאָלדענעם ציגעלע רייטנדיק,
איז דאָס פאָלקסליד מיר נאָכגעפאָרן,
דאָס ציגעלע פון אונטערן קינדערוויג
זיבן דורות אין זיבעציק יאָרן.

די שיף האָט ביים ברעג פון ים געוואַרט
און די מעוועס אויף די מאַסטן געהאַנגען,
און ביים ברעג איז געשטאַנען דער שטילער פאַרנאַכט,
און מיט אונז אין שיף אַריינגעגאַנגען.

אין אַ גוטער שעה...

פון שטיבער, פון הויפן, פון גאַסן —
די קינדער;
פון שטאָלן —
די טשערעדעס;
פון מאַרקן —
דער טומל פון גרויסע.
און זעלטן פאַרשפּעטיקט די זון דאָ,
און רעגענדער שטראָמען
און וואַשן און פרישן די שטויביקע גאַסן,
פליִצן קרישטאָלענע ריינקייט אַריבער די קעפּ פון די שטיבער,—
אם כן, אויב אַזוי,
איז דאָך וואויל ווי די וועלט,
וואָס מיר האָבן זיך אַלע געטראָפן
אויף דער גרויס פון דער ערד דאָ,
אונטער די אָפענע הימלען —
אַ גאַנצער דור אייגענע מענטשן,
אַ גאַנצער דור אייגענע מענטשן.
אַ גאַנצער דור אייגענע מענטשן.

אליין

בין ניט דער האר
ניט אויף מיין גוף,
ניט אויפן גוט פון מיין מינוט. —
אַ נאַכגיביקער צווייג,
בייגט זיך פון אַ בייזן בליק,
שטרעקט זיך אין געבעט
צום צופעליקן שמייכל פון אַ ליכטיק אויג
פאַרביי מיין וועג.

אויסגלייכן מיין אַקסל שטאָלץ
און גייך־אַרויסגיין אויף געווינס, אויף פאַנג, —
דאַכט זיך נישט געפּרוּווט קיינמאָל.
ווי עס גיט אַ וואונק פון ברייטן וועג
אַ שטעגל טאָל־אַרונטער, שמאָל,
טו איך זיך מיט פרייד אַ קער־אַראָפּ
און סווערט מיר גוט אַזוי דערפון.
אַ בוים שטייט אָנגעלענט ביי אַ פּלויט אַליין.
אַ טירל צוגעשפּאַרט מיט אַ שטיין.
אַ דרימלדיקער הונט ביי אַ וואַנט.
און אָרום און אַרום —
מיין הימל און מיין לאַנד.

אַ וואָס די נאָנטע מיינע האָבן נישט צוטון,
זיבט כהאב זיך אָפּגעקערט פון זייער וועג־אַרויף.
צעלייגט, צושפּרייט, צופּרייט.
פאַרגעסן גאָר אַז איינער הינטער זיי
געבליבן נעכטיקן אין אַלטן דאָרף פון נויט,
און אפשר שוין דאָרט אייביקן מסתם.
זיי האָבן דורכגעשניטן דעם ים
דורכגעריטן אויפן רוקן פונם העכסטן קאָנטינענט.
דאָס גאָלד און שטאָל פון גורל
דורכגעקנאָטן מיט די הוילע הענט.
און ווען זיי טרעפן זיך אַמאָל צונויף
ביי סעודהס אין די שפּעטע נעכט,
שווים איך אַרויף אויף זייער געדעכעניש,
אודאי איז ביי זייער קלינגנדיקן טיש
קיין שטול פאַר מיר ניט אָנגעגרייט.

נאָר זיי איז זייער גוט דערציילן אין דער וואָרימער רו
פון יענער קאַלטער נאַכט וואָס האָט פאַרשנייט, פאַרווייט
דעם וועג אַמאָל — אין אונזער יונגן וואָגל
און סוואָקסן פאַר זיי אויס די דורכגעצויגענע כוטאָרן
פאַרווינטערט,
פאַרצווינטערט,
פאַרדרימלט נידעריקע ישוב־וועלט,
און ס׳אַלט־געבויגס שטיבל דאָרט
וואו כהאָב זיך אָפּגעשטעלט
מיט אַ האַלבן צוזאָג: נאָכצוקומען אינדערפרי.
נאָר — כ׳בין געבליבן לענגערן דאָרט.

איך זעט דאָך — בין געבליבן לענגערן דאָרט.
און איצטער רעדן זיי אין זייער הויכן אָרט
מיט ליב און לייכט געמיט און אַ שמייכל אויך,
אַז —,

ער מוז שוין האָבן אַן אַלטע גרויע באָרד
ביז צו די קני די לענג.

און —
זיצט אַפּ זיינע זונטיקן אויפן באַנק פון שענק
אינדרויסן ביי דער וואַנט,
מיט אַן אויסגעלאָשענער ליולקע אין דער האַנט.

אויב זיי טראַכטן וועגן מיר אַזוי,
זאָל זיי וואוילבאַקומען זייער רויטער וויין,
און מיר — מיין בלייכע גאָלדענע גלאָז טיי
און מיין פאַרבלייבן אין אַ כוטאָר וואו אַליין.

ליכט

אויף דער ערד צעווארפן
ליגן דערפער שטיל.
צלמ׳ט זיך א קלויסטער,
צייכנט זיך א מיל.

טויזנט יארן אלטקייט
ווארטן אויף א ליכט —
מידע בלייכע ברעמען
אויף זיין שמאל געזיכט.

און די קרוין פון דערנער
אויף זיין שטערן גרויט.
וואונדיק וואונדער־לעבן,
וואונדיק וואונדער־טויט.

אונטער זיינע שאטנס
בויגט זיך מיין געמיט.
כרייס פון דארטן גראזן —
היילונג פאר מיין ליד.

אונטער זיינע שאטנס
ליג איך שטום און קליין.
פאלט אויף מיר א ליטשטראל
פון זיין דארנקרוין.

גרוי

וואו דער פויגל פליט אהין,
פליט מיט אים דער זומער.
הערבסט־טאג, ווי א גרויע שפין
וועבט זיין שפינוועבס: אומעט.

כלאז איר וועבן אויף די ווענט,
אין די ווינקלען־שפאלטן.
זי האט דינע דארע הענט,
ווי א מענטש אן אלטער.

כטו זיך אין איר אומעט אן —
א גרויער לאנגער מאנטל.
שארכט אזא מין טויבער טאן
צווישן זיינע פאלדן.

צוגעגאנגען צום טיר דריי מאל,
און אין שטוב געבליבן.
כהער פון ווייט א קלאנג, קלאנג א קול
פון די דרויסנשטיבער.

גאס גייט אין איר אלטן רעש,
איצט נאך מער געבויגן.
אלט איז זי, מיין וואוילע גאס
און — וויל אלץ ניט שווייגן.

ווי א רעגן — גרויער רויש
פאלט פון אלע זייטן.
קלאפט אין מיינע ווענט פון הויז
קלאפט איר אפ די זייטן.

ווען די ערשטע פרישע קעלט
וועט מיט שניי א ווייטאז, —
ווייסע בשורה פאר דער וועלט
און מיך אויך דערפרייען.

שיינער טרויער

שיינער טרויער, מיין קלוגער לערער,
לערנט מיר דעם סוד פון שווייגן.
ער טרייסלט אָפּ די פרייד פון פּירות,
דאָס ליד בלייבט גאָלדיקן אויף די צווייגן.

ער פירט מיך דורך די איינזאַם־וועגן
אַרעם־אַן־אַרעם ביז מיר קומען
צום גאָלדשמיד פון די לידער — רילקע —
אַ גוטער שטילער מענטש אַ פרומער.

זיין שטוב — אַ נידעריק פויעריש שטיבל
די ווענט פון רויע קלעצער־ברעטער.
ירושה פון אַ וויטן קרוב.
אין ווינקל טונקלען אַלטע געטער.

און אַ נר־תמידל אַ בלוטיקס,
קאַפּטשעט, וויל זיך נישט פאַרלעשן
איבערן ראַם. — די לעצטע סעודה
וואו מהאט דאָס הייליקע ברויט געגעסן:

מיין ברויט איז לייב, דאָס לייב פון קרבן.
און — בלייכע נידערן זיינע ברעמען,
עס שטרעקן זיך פון אַלע זייטן
די הענט צו אים — דעם קרבן נעמען.

און דורך די שטאָל־ווענט קריכן שאָטנס
איבערן דיל און באַלקן — קריכן
ווי קנאַכעדיקע שפּיר־הינט לאַנגע
מיט שוואַרצע שפּיר־הינט — ניוכן, זוכן.

ער הויבט אויף זיינע בלייכע ברעמען, —
די שאָטנס לויפן זיך באַהאַלטן
אין שוואַרצע שפּאַרעס פון די ברעטער
אונטער די קלעצער פונם באַלקן.

איינער

מיר וואָס בויען ניט דעם שטאַטישן מויער,
און קלאַמערן אין אַלטן גרויען הינטערשטאַט,
מיר היטן נאָך די קליינע רעשטלאַך טרויער
ווי פרומע היטן דאָס געבאָט פון גוטן גאָט.

און וואו אַ פראָסט־געבליבן ערדיש שטעגל
אין אַרימגעגנט — גייען מיר פאַרטראַכט אַרום.
מיט ווייסן גוט : ניו־יאָרק האָט שטאָלן־שאַרפע נעגל
און אירע בייזע אויגן זוכן אונז דאָ אומעטום.

אַ וויפיל וואונדער האָט זי אונז שוין אויסגעוויזן.
ווי הויך זי האָט פאַר אַונז געקלעטערט אַליץ און מיר,
מיר ווערן נישט נתפעל נאָך פאַר די קאַפריזן,
און רעדן גאָר פון יענער קליינער נידעריקער טיר

אין אַלטן קלויסטערל — טויערל אַ ברוינס, אַ גאַטיש,
אַ פרימיטיווער ברייטער צלם אויפן סאַמע מיט.
אַזאַ מין פשוטקייט, אַזש אין דער פשוטקייט עקזאָטיש,
אַז ספּאַלט מיר איין : אוודאַי נאָכן אַלטן תרח׳ס שניט.

ווייל וויפל סטילן שפּילן זיך שוין היינט נישט איבער
און גנבענען גאַטס סוד דאָ איינער אינם צווייטענס וואָרט.
דאָך אמתטע באַהאַלט זיך. האַלט זיך ביי דער שוועל פון שטיבער,
וואו סוואַקסט אין מאָך שוין לאַנג אַ גרינע גראָזן־באָרד.

און אויך אין וואָרט וואָס צייט און גאַס האָט שוין פאַרגעסן,
מאָך אויף זיין טויבע טיר און גיי אין אים אַריין,
אַזאַ מין ריינע שטילקייט רוט אויף אַליץ געוועזנס,
ווי ערד־קעלט אַרום אַלטפאַרפּראָפּטע פלעשלאַך ווייַן,

קלאַפּ אויף דעם פּראָפּן, טרינק די קלאָרע קאַלטקייט.
איר שיכרות ניכטערט, לייטערט דאָס געמיט דיינס קלאָר.
פאַראַן אַ העלער באַרג־הויך אויפן וועג פון אַלטקייט,
אויף וועלכן סגייט אַרויף נאָר איינער פון אַ גאַנצן דור.

פ ע ר ז ן

א.

פון אומעטום סודעט אין מיין אויער:
זיי נאָך שטילער אין דיין בעטן,
אין דיין טרויער.

דיינע שיפן גייען נאָך
מיט זון,
מיט יונגע טעג,
איבער די וואַסערן
צו ווייט, צו גרויס, צו הויכן ים.

זיץ דאָ ביי די ברייטע ברעגן,
קוק אויף די וואַסער־ווייטן,
אויפן שטילן בלייכן אַפּגיין פון דער זון.

געלער, העלער די לבנה ווערט.
ווער איז זי?
זי איז דער ערדס, דער נאַכטס,
זי איז דעם עלנטס טאָכטער.
אַרויסגעשיקט אויפן לופטיקן מדבר דורכגיין,
ווי דורך אַ טויטער וועלט.

ב.

אַ וואונדערלאַך פאַלקספאַרמעגען
אינם פילדער פון מאַרק,
אויף די רוישיק־וואַכיקע יאַרידן,
אין די מעשות פון אַ פרעמדען אידן
פון אַ ווייטען קאַנט.
שאַרכט מיט זיידנוואַרג אויף דער האַנט.
אַלטמאַדישקייטן מיט זייער עכטן גלאַנץ
ווי אַ טייערע כלי וואָס האַלט זיך גאַנץ
דורך דורות, יאָרן אינם ירושה־שראַנק;
פאַרוואָגלטער נוסח'דיקער חן און קלאַנג
אין בייעם יונגן וואָרט
געליייטערט און — נישט דערווייטערט
געקלאַרט און — אויפן חשובסטן אָרט.

אַ וואונדערלאַך פאָלקספאַרמעגן
ביי דעם באַלעגאַלע אונטערוועגנס
ביי די שאַטנדיקע אַלטע שטעלן
פון די בייגל און פייגל פאַרקויפער,
און ביי דעם שטענדער פונם איידעלן סופר, —
פאַרוואָגלטער נוסח און קלאַנג
און נייעם יונגן וואָרט.
געלייטערט און נישט דערווייטערט,
געקלאָרט און — אויפן חשובסטן אָרט.

ג.

הערלאַך גאָלד דיין האָפן, ברודער.
דיינע זאָרגן — וואָלקן —
בייזע טעג אויף אונזער געסל,
וואָקלען מיד און קריכן.
מיר׳ן איבערקומען.
אַלע דאָ אין גרויסן עלנט
זיינען איבערגעקומען.
קרומער דאָרן אין די אויגן
שטעכט מיט שנאה־קנאה,
קללות — מיאוסע שפּינען. —
מיר׳ן איבערקומען.
גאָט וועט בעסער ווערן,
מעג עס זיין שוין שפּעטלאַך
אין די אָוונט־יאָרן
אין דער מידער טונקל
נאָכן פּיין פון צאָרן:
אומעטיקלאַך אין די שויבן,
הויקער־רוקנס—אונזערע שטובוועגנט,
כשוועך אייך אָבער, ברידער,
אַז סוועט נאָך כדאַי זיין.
ביי דעם סאַמע ברעג שוין,
נאָר — סוועט נאָך כדאַי זיין.

אַ פֿענסטערל ליכט

איך זע דורך אַ פֿינטל —
אַ פֿענטערל בלויקייט.
דו ווייזט מיר ווי גרויס
יעדער טאָג דאָ צעוואַקסט זיך.
צושפּרייט זיך, צעפּרייט זיך.
און איך דאָ, ביים פֿענסטער,
איך בין אין דיין וועלט
אויף אַ שיף איבער ימ׳ען.
וואו דו וועסט קומען,
צו וואַסער אַ אינזל, —
וואָס בין איך,
אַז איך זאָל דיר פֿרעגן:
וואוהין?
אַבי כ׳זע נאָך אַז
פֿון אַלע פֿיר זייטן
די ברעגן יבשה.
די וועלדער.
די אינזלען.
די דעכער פֿון שטיבער.
די דערפֿער די פּראָסטע,
עס קוקען אונז נאָך
אַלע היימלאָכע ברעגן
און גייען אונז נאָך
אין באַלייטונג מיט ליבשאַפֿט.

ווען דו זאָלסט מיר פֿרעגן
וואוהין איך טו וועלן.
פֿאַראַנען צען טויזנט און זיבן מדינות—
וואָס זאָל איך דיר ענטפֿערן?
פֿיר ווי דו פֿירסט,
וואו די פֿירסט זאָלסטו פֿירן.
איצט איז נאָך אינמיטן טאָג,
זון, וועלט און הימל.
ווען ס׳פֿאַלן די שאָטנס
פֿון הימל אין וואַסער,

פון טונקלען וועלדער
און בערגלאַך אַנטקעגן,
און קילערער ווינט
ווייט ארום ביי די ברעגן.
וועל איך זיך אין דיר אויך פאַרטרויען.
די טונקלקייט פינסטערט.
די טונקלקייט פרעסט זיך.
צינדסט אָן אַ לעמפל,
און שטיל שווימט די שיף
אויף די נאַכטיקע וועגן.

ווערסט פירן,
ווערסט פירן
און ווידער ארויספירן
צום ברעג פון פרימאָרגן.

אַ היימישע פליג

1.

אַרום איז די ערד
ערלאַך איר שטומשווייגן
אירע מעשים — בוים און גראָז
און וואונדערלאַך איר אות.
די גראָזן זיינען רו.
די בוימער רו און גבורה.

שיינע ברעקלאַך פליגעלאַך
מאַכן אַ לירישן זשום
מיט זייער קורצן לעבן.

שמעטערלינגען ווילן זאַפט און זון
און שיינקייטן פון זייך אויף זיך.

נאָר היימלאַכער, ווי מיט דער פּראָסטער פליג
אויף דער בייטאָגיקער שויב.
איז קיינעם ניט.

2.

מיין פריינט, לאָמיר זיצן נאָנט איינער לעבן אַנדערן.
ס'ווערט אַפּט דאָ אומהיימלאַך
אין אַט דעם גרויסן געגנט וועלט,
וואו עס הערשט דער טויט.
און וואו מיר זייען און שניידן קאָרן
און זיינען שטענדיק אַנגעשפּיצט מיט אַ לאַנגן אויער,
ווי אַן אַלטער הונט אַרום אונזער הויז,
אַרום אונזער קליין קינד
וואָס איז עפּעס ניט שיין,
און האָט שווערע הענט און פיס,
און תמעוואַטע גרויע אויגן
אויף אַט דער גרויסער וועלט.

און מיר, מיר הויבן די קעפּ, פאַרקוקן זיך
אויף דער לבנה ווען זי קומט אָן האַלב און גאַנץ.
אומהיימלאַך ווערט אונז פון אַ שווערן אַלול־וואָלקן

שפּעט־פאַרנאַכט אין ווייטן הימל.
סימנים קינדעריש־געמאַכטע, שרעקן אונז.
מיר קאָנען דאָס קול פון וואָלף,
די ציטעריקע וואָל פון שאָף
אין פּחד פאַרן טויט.

מיר, ווי אַלע קליינע זאַכן דאָ,
און טרויעריקער אומבאַהאָלפנקייט
אונזערע שוואַכע הענט און טריבע אויגן
בעטן זיך אומעטיק ביי גאָט :
נעם זיך אָן פאַר אונז.

דורך מיין לייב

ביזט דורכגעגאנגען דורך מיין נאַקעט לייב
מיט דיין קאַלטער שאַרפער שווערד
מיין בלוט האַט שווער געטריפט אין טויבן שטויב.
ס׳האַט קיינער ניט געזען און ניט געהערט.

כ׳האַב זיך טונקעלער פאַרווינקלט אין מיין וואַנט,
אַנ׳אַנטלאַפענער אין עלנט און געוואַרט.
אַז איינגעבויגענער אונטער דיין האַנט,
פינסטער פון מיין שולדיקייט געטראַכט.

און זיך געוואונדערט אויף דיין גרויס גענאַד
דיין שוינען מיך אַזויפיל יאַר און טעג
דיין ווייזן מיר אויף אַז אַנטרינונג־שטאַט
דיין היטן מיך אין בלאַנדזשעניש פון וועג.

נאַר ווי אַ וויסטער בלינדער אַש
האַט זיך די שאַנד—מיין הילפלאַזיקייט—געשפרייט
מיין בעטלערישער נאָמען אויף דער גאַס
אונטערן בלייכן צייכן פונם טויט.

אַפילו אויסריידן מיט עמיצן אַ וואַרט,
געקראַכן צו דער אַפגעוואָרפנסטער טיר.
איינמאַל און כ׳דערזע: ווי זילבער ווייס, מיין באַרד,
און אַזוי שנייאיק, ליכטיק, ווי נאַך קיינמאַל פריר.

און עפעס גרינג אַזוי און גוט איז מיר געווען
און דורכזיכטיק אַזוי אויפן געמיט.
אַז וואַס עס איז מיט מיר דאַ ניט געשען
האַסטו אין מיר אַ ריינקייט אַפגעהיט.

און ס׳איז מיר פאַרגעקומען — מיינע ווענט
זיינען נישט מער ווי לייכטע זיילן בלייכער רויך
און פליגלדיק קאַן איך צונעמען מיינע הענט
אַ הויב טאַן, און פאַרפליען אין דער הויך.

נאָר בלוטיק ליב איז מיר דער ווייטיק פון דער ערד,
אין יעדער שווערען טראָט וואָס כ׳האָב געלאָזט,
אין יעדער וואונדיקער סימן פון אַ שווערד,
וואָס איז פאַרהיילט, פאַרהוילן אונטער גראָז.

און ווי דער אומעט פון אָקטאָבער לייגט זיך בונט
איבער דעם שטאַרבנדיקן געלן בלאַט און בוים;
בין איך געלעגן ביי מיין שטילער וועלט — אַ הונט
אַן אַלטער הונטביים טירל פון זיין היים

מילד די טעג און לויטער קיל, די נעכט,
און די לבנה — רו איבער דער טיפער הויך;
איר לייכט ארויסשווימען האָב איך געהערט —
אַ קינדערש שיפל אויפן ברעג פון טייך.

דאָס אַלטע

אויפן גליווער פונם אַלטן
וועל איך אַ מצבה קריצן,
וואָס כ׳וועל קאָנען פון פאַרשווערכונג
וועל איך היטן און באַשיצן.

כ׳וועל דאָס מיסט פון זיינע קברים
און די הויפנס שטיין און ביינער
וואָס דער אומריינער טוט וואַרפן
אָפּרייניקן ריין און ריינער.

און די ציגל פונם פּלויטל
וואָס זיי האָבן אָפּגעריסן,
וועל איך איטלאַך אָרט פאַריכטן
און מיט גאָלדענער ליים פאַרגיסן,

און די טרעפּלאַך פונם אוהל
וואָס זיי האָבן אָפּגעטראָגן,
און דאָס פענסטערל דאָס קליינע
וואָס זיי האָבן אויסגעשלאָגן.

און דעם שטיינערדיקן טאָוול
מיאוס פאַרשוועכט און אָפּגעריבן,
נאָר איין איינציק וואָרט — אַ תמים
איז געווען אויף אים געשריבן.

אַלץ וועל איך צוריק פאַרריכטן
און איבער די אַלטע קברים
וועלן שטילע גראָזן וואַקסן,
גראָזן זיינען פראָסט און אָרים.

ווי די הילצערנע מצבות
און אויף זיי די ווערטער — תמים,
וואָס קאָן דען אַן עדה זאָגן
אויף א אידן אויף אַ פרומען ?

האָט אַזויפיל רויע זאָרגן
אויף זיין נפש דורכגעטראָגן
יעדער שעה האָט אים געפייניקט
יעדער טאָג האָט אים געשלאָגן.

און דעם רוקן איינגעבויגן
און דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן
שטילן פרומען שטומען טרויער
אינם שאָטן פון די אויגן.

און כדי דאָס אייגן לעבן
און זיין זיסן פיין דערפילן
זאָגט מען אין אַ טונקל ווינקל
איבער זיך אַ ביסל תהילים.

תהילים האָט אַ קוואַל אַ פרישן
פאַרן דורשטנדיקן גומען
ווייל איז דעם וואָס קאָן אַהינצו
יעדען פריען מאָרגן קומען.

און די מידע הענט זיך וואַשן
און דעם אומעט אין די אויגן
און צוריק אין מאַרק אַוועקגיין,
איינגעבויגן, איינגעבויגן.

ערשט איצט

ערשט איצט וואָלט איך געקאָנט אַוועקגיין
צו דעם קליינשטעטלדיקסטן ישוב אויף דער ערד,
און לעבן מיטן קלאַנג פון מאַנאָטאָנעם רעגן,
און מיטן גאַנג פון טעג מיט גרויע בערד.

איך בין נישט מיטן מיסט פון שטאָט געוואַקסן
און נישט געוואָרן אייגן צו איר רעש און רויש.
בין ניט מקנא דעם וואָס קריכט אויף אירע ברייטע אַקסל
זיך שטעלן אויף איר פלאַכן קופּאָל — גרויס.

איך וואָלט פאַרקראָכן הינטער דאָרפישע שטיבער
פאַרגעסן וואָס איך האָב דערזען, דערקענט
זיך עפענען פאַר גאָר דעם גאָלדענעם פיבער
וואָס צינדט אָן דעם סעפּטעמבער און ער ברענט.

און קראַנק זיין מיטן גראָז און מיט זיין שטאַרבן
און שיינקען זיך די שייך־געשענקטע טעג
וואָס גייען אויף אין טרויעריקסטע פאַרבן
און בלעטערן דאָס בילדערבוך פון וועג —

די בערגוועלדלעך, ווי אַלטע מזרח־בעטלער
אין מחנות גרויסע מיט שטעקנס אין די הענט
זיי גייען איבער דערפלאַך, איבער שטעטלאַך
און שפּרייטן טיפן גלויבן אויף דער וועלט.

ס׳האָט נאָך ביז איצט דאָס ליד נישט אויפגעזונגען
וואָס ס׳האָט די האַנט פון הערבסטפעלדער פאַרזייט
כאָטש אַלע קלויסטערס האָבן באַלד אָפּגעקלונגען
קומט ערשט צוזונגען זייער בשורה׳דיקע פרייד

באַגלויבט געמיט פון גרויסע און פון קינדער
וואָס האָבן איטלאַך גלויביק וואָרט געגלויבט,
און זיך געלאָזט אויף וועגן צו גאָטס וואונדער
פאַריאָכט, פאַרמאָכט, פאַרוואָכיקט און פאַרשטויבט.

פאַר קליינע יומטובלאַך מיט כבוד זיך געבויגן
אין יעדן טראָפּן ליכט און שיינקייט אויפגעשטראַלט.
און ס׳האָבן זיך פּראָצעסיעס געצויגן
דורך ווינטער־טייכן און דורך שטרעקעס וואַלד.

מיט פאַנעז און מיט פאַרביקע סימבאָלן
וואָס האָבן אָנגעוואונקען יענע גרויסע וואָר
וואָס וועט ערשט אויפגיין ליכטיק אין די טאָלן
פון אַלע דורות דער געקרויינטער דור.

און ס׳האָבן זיידעס דעם גלויבן דורכגעטראָגן
אויף זייערע שווערע פּלייצעס און געקנעכלטע קני,
געבענטשט זיי טאָג, וואָס וועט — אַ פּולער קאָרן וואָגן
אריינפאָרן אין אונזער נייעם אינדערפרי.

און יעדנס צער די הימלען רויט צופלאַקערט
און יעדנס צאָרן — אויפן שפּיץ פון שווערד.
דאָס ברויט פון פעלד וואָס אַלע האָבן צואַקערט
און יעדנס שווייס האָט זיס געמאַכט די ערד.

ליכטיק

דו האָסט מײַן קריג געקריגט און טעמפּ געמאַכט
אין מײַנע כיטרע שונאימס האַנט די שווערד.
וואָס בין איך דאָ? אַ בוים אין פעלד פאַרנאַכט
איבער זײַן שאָטן מיד אַראָפּגעשווערט.

כ׳פאַרגין זיי אַלע גרויסע אײַנגענומענע שטעט
אין גאַרן רום און זשום און לײַבן־לויב.
אונטער מײַן דאַך האָט שטיל צו זיך אַליין גערעדט
אַ בעטלער רוענדיק פון וואָגל און פון שטויב.

מײַן בלאַט איז גרין, מײַן בלוט — מײַן וואָרצל אין דער ערד
פאַרציט אין אַלטער ווײַט, אין טיפער טונקלקייט.
וואָס ס׳איז באַשערט איז מיר דאָ אויפן אָרט באַשערט,
און — וואָס איז פרעמד? און וואָס איז וואונדער־ווײַט?

אַרום איז גרויסע וועלט — איז וואָס אַז זי איז גרויס?
און איך און דו — בלויז קליין — איז וואָס אַז קליין?
רעדט דורך מײַן קליינקייט דען איר וואונדער ניט אַרויס?
איז מײַן אַליינקייט ניט איר טרויעריקער חן?

פאַר יעדער ציטער פון מײַן וואַקסן, פרייד און שרעק,
און פאַר מײַן פריען מיד־ווערן און רײַפן שטומען פּיין —
איך האָב געטרונקען זון און גרוי פון אַלע אַלע טעג
און בין אַליין געוואָרן קוואַל און לעבן, סם און ווײַן.

און הערבסטווינט־עלנט רוט ווי שטומער פּיין אין מײַן געביין,
ווײַטיק וואונדיקער — אַראָפּגעבראָכענער גאָלדענער צווײַג.
מיט קלאָר גרויס שווײַגן, רו, ווערט פול מײַן שטיל געביין,
ווי דער לבנה׳ס ליכטיק, קיל און רואיק אויג.

איבער אַן אײַנגעשלאָפן דאָרף און אָפּן־ברייטן טאָל
שטוב און שטאָל און בוים און בלויער קלויסטער־דאַך.
און אַ קליין פורל שלעפט זיך צווישן וואַלד און — ברייט, און שמאָל
ציט זיך דער זילבערנדיקער פוקסן־עק פון ווײַסן שליאַך.

אַ שוועסטער

נויט קומט וויסט מאַכן מיין לעבן,
נאָר איך נעם איר איין מיט גוטסקייט;
דו ביזט אויך מיין שוועסטער.
איך האָב ליב דיין פּנים
און דיין הילוך איז מיר היימלאַך.
זעץ זיך ביי מיין טיש אַנידער.

איך האָב שיינע קינדער, שוועסטער,
שעמעוודיקע. שרעקעוודיקע,
אָבער שטילע, שיינע.
קומען פון דער גאַס צולויפן,
פאַלן מיר אַריין אין מיינע אָרעמס
קלאַמערן זיך אין מיר פאַרלוירן,
שרעקעוודיקע קליינע מיינע.
קאָנען זיך נישט אַנטקעגנשטעלן.

כ'וועל זיי זאָגן,
אַז דו ביזט מיין שוועסטער
אַז דו קומסט פון אַ ווייטער שטאָט,
אַז דו ביזט פון הונגער אַנטלאָפן,
איז דערפאַר דיין קלייד צוריסן.
און דיין קאָפּ איז גרוי.

מיינע קינדער וועלן וויסן
אַז דו ביזט מיין שוועסטער.

זיי אַ גוטע, שוועסטער,
נעם נישט צו ביי מיינע קליינע גאָרנישט.

לאָז די אָרימקייט שוין זיין דאָ
ווי זי איז
איינגעשטילט אין גרויקייט.
סוויב וועט פרום דאָס גרעט פאַרריכטן,
אומעטיקלאַך די זון אין פענסטער,
און אויך די אויפגעהאנגענע ווייסע קינדער קליידלאַך
באַלד שוין אויסגעטריקנט.

כוועל זיי אַנטון די ווייסע קליידלאַך,
וועלן זיי גיין מיט דיר שפּאַצירן, שוועסטער.
וועלן דיר ווייזן אונזער געגנט,
דעם גלח׳ס גרויסן גאָרטן,
און דעם שופּטס צוויי גאַרנדיק מויערל
מיט דעם גאָלדענעם מגן־דוד.
און דעם גרויסן הונט, ווי אַ לייב
שטשירעט די שאַרפע וועלפישע ציין
דורכן זילבערנעם ציימל אויף זיין פּיסק
אויף איטלאַכן, אויף איטלאַכן.
גאָר שטאַרק איז די קופּערנע קייט אויף זיין האַלז.
און די קינדער מיינע, די שרעקעוודיקע,
האָבן פאַר אים קיין מורא ניט,
אַפילו אויף אַ האָר קיין מורא ניט.

שפּעטזומער

שפּעטזומערדיקע כמורנע טעג.
דער ווינט פֿאַרקלײַבט זיך
אונטערן וואַנט פֿון שטאַל
אין גרויען שלאָף.

כמוטנע פֿרימאָרגנדלאַך,
שטויביקע רעגנדלאַך.
די וועלט — אַ בעטלער מיט אַ זאַק,
גייט דורך שוואַרצע גערטנער,
איינגעשרומפּטע שטיבער
מיט טויבע ווענט.
ווען אַ שטיקל בײַטאָג ווערט בלויער,
זיצט בײַ אַ פֿענסטער אַ יונג געמיט,
העפּט עפּעס פֿון זײַדענעם צוויט.
הויבט אויף איר גאָלדענעם בליק —
די בערג אַנטקעגן — אונטער ווייכן טומאַן:
זײַן שטוב איז ווײַט פֿוניענערזײַט באַרג
ער וועט הײַנט ווידער קומען פֿאַרנאַכט,
ער ווערט היימישער אין אונזער שטוב.
אַפֿילו דער נײַנציקיעריקער אויפֿן געלײַמטן בעט
שאָקלט דעם קאָפּ,
אַז ער האָט אים ליב.
נעכטן, ווען ער איז שפּעט פֿונדאַנען אַוועק
מיטן קאַלטן ווינטיקן וועג,
איז זי געזעסן אויפֿן שפּיציקן שטיין לעבן הויז,
אים נאָכגעקוקט, און געוואַרט, געוואַרט,
די האַלבע לבֿנה איז פֿון גרויסן וואָלקן אַרויס
און — באַלד אין אַן אַנדערן אַרײַן.
פֿון שכנס שטאַל האָט זיך אַ פֿערד צורעדט,
אפֿשר אָנגעזאָגט די נאַכטיקע שפּעט.

קלײנוואַרג

קלײנוואַרג מײנס,
אײער קלײנקײט שטאַרקט מיך, שטאַרקט מיך.
און ניט א י ך פיר אײַך אױפן שפּאַציר,
נאָר — א י ר פירט מיך,
און װײַזט מיר אײַער גרױסע װעלט,
און װײַזט מיר אויף די בײמלאַך אויפן װעג,
און אויפן הױכן גרױסן באַרג
װאו לעצטער שנײ אין זונליכע זינגט.
זומער װאַקסט אין שטאָט
זומער װאַקסט שױן אין שטאָט

אָפּגעשפּאַצירט,
קומען מיר צוריק אַהײם,
הערט איר נישט אויף צו פרעגן אַלץ
װי עס געפעלט מיר אײַער װעג
און אײַער באַרג און שנײ.
און בײַ דעם אָװנטמאָל דערצײלט איר װידער
פון לענדער איבער ים און װײַט.
איך הער זיך אײַן די גאַנצע צײַט,
װי כ׳װאָלט זיך דאָס צום ערשטן מאָל דערװאוסט
פון די בינעזוער װאָס עסן רײַז.
פון עסקימאָזן אונטער שנײ און אײַז,
און נאָך אזױפיל װאונדערנײַס
װאָס איר האָט זיך דערװאוסט אין שול די װאָך.
און — קומענדיקן זונטיק, קלײנוואַרג מײנס
װעט איר װיסן מערער, מערער,
און מערער נאָך.

אַלטמאָנטרעאַל

אַלט־מאָנטרעאַל,
זשאַווערנדיקע גאַסן.
יעדער גאַס — אַן אַנדער לאַנד
אַן אַנדער פּנים,
אַנדערע הענט און פיס,
און אויגן.

אונזער גאַס —
אַן אייניקל פון מעזשביזש.
אַלטע ווייבער,
ווי פאַרגעלטע תחינה׳ס,
גייען מיט קוישן אין מאַרק אַריין,
שווערע קעסטלדיקע שאַלן
אַרום די שמאַלע אַקסל,
אַריבער די גרויע שטערנס.

לינקס פון אונזער גאַס
אַ דאַרע מויד פון כינע.
אַן אָפּגעריסן שטיקל הינטערטייל פון פּעקינג.
אָפּגעקראַכענע פענסטער,
שטייען אין זיי וואַזשנע סחורות
מיט וואונדערלאַכע קאָלירן.
שיכעלאַך פון איידעלן גאָלד,
אין ראָזן סאַמעט,
פאַר די קלענסטע פיסלאַך
פאַר די שענסטע גיישאַס.
פאַרצעליי מיט דעליקאַטן גאָלד געמעל.
קלוגע מזרח־פייגל
אויף דאַרע זילבערפיס,
דימענטן אין די שנאָבלען
באַמבלען זיך און פינקלען
אויף די האַריקע פעדים
און פאַלן ניט אַרונטער.
און אין אַ ווינקל־וואַנט אין פענסטער
דער מעשענער נביא בודא
זיצט אין זיין טיפער רו.

אין דער וועלט פון לויטערן פרידן.
ביי זיינע קני
ליגט אַ טונקעלער ספר.
אויפן ספר
אַ גאָלדן אות,
אַ רויקס,
אַ פאַרדרימלטס.

ביים גרויען זוים פון אַזאַ שטאָט
ווי אונזער מאָנטרעאָל
איז מיר דאָס שטיקל טשייניטאַון,
אַ וואונדערלעכער אָרנאַמענט,
אָפּגעריסן פון דער אַלט־קולטור
אין גאָלדענעם כינע.
איידעלע וואַסערפאַרבן
אויפן אַש פון גרויען שוואַרץ.

זונטיק,
קלויסטערס קלינגען
פון אַלע זייטן שטאָט.
נאָר דאָ — רוט אַן אַנדער פרומקייט.
דאָ זיצט ערגעץ אין אַפּיום־רויך
אַ פאַרטריבענער גאָלדענער מלך,
אינמיטן פון אַ שטיקל אַלטפאָלק
אָן אָפּגעשניטענער שבט.
די פרעמדע זונטיקדיקע קלויסטערקלינג
פליען איבערן דאַך פון אָט־דער גאַס פאַרביי—
אַ טשאַטע ווילדע פייגל
איבערן הימלגרוי.

וואוהין ?

אַזאַ מידער טאָג
דאָס גרוי־פּאַרטומלטע לעבן.
וואָס גרייטסטו אַז, מיין פעטער,
אויפן נאַרישן מאַרגן.
די יונגען דיינע,
האָבן אַזעלכע מאָדנע וועגן.
דיין רייכקייט און דיין גליק
האָט זיך שוין אָפּגעזאַמלט.
די אַרימעלייטלאַד, טאַרבעניקעס,
האָבן שוין פאַר זיך אַ בעטער. —
אַ דיך־דאַר גלחל אין א נייער קאַפּאָטע
און מען קלייבט שוין גראָשנס ביי דער גאַס
פאַר אַ נייַ בלוי קלויסטערל.

דאָ, אויפן שטיינעריקן שטיקל פעלד
וועט נאָך שטיין אַמאָל אַ שטאָט —
כל טוב ו׳טומל.
דערווייל איז מען נאָך פרום
און געץ־פאַרכטיק.
מ׳רעדט, אידעאַליזירט אַ תורה מאַרקס,
אַ פסוק פון טאָלסטאָי,
ערשט אַן אָנהויב דאָ
פון אַ וואויל פיין שטעטל —
אַ שמאָלע שוועל
פאַר אַ שפּעטערדיקן ברייטן כרד,
אַ ברעג —
דערפאַר איז דאָ אַזוי אידיליש.
עס שפּילן נאָך אַן איידעלע ראָלע
די שמעקנדיקע ליבע עפּלגאָרטנס.
די פרייע אָפענע פנימ׳ער פון קיכווייבער
וואָס שמעקן מיט קרויט, ברויט
און אינדערפריאיקן בעט,
מיט פריאיקן אָוונטשלאָף.
אויף די זאַטלאַכע מיילער.
מיט זויערלאָכן־זיסן פרישן ריח
פון אויסגעוואַשן לייוונט־גרעט.

הערבסט

דיין קלוג אַלטע וועלט
פאַרשטעלט.
אין זומער,
אין יוגנט.
אַ שפּיל פון:
צעוואקסענע מיידעז,
בחורים שטאַרקע.
זיי זיינען ווי קינדער
אַריין אין דיין גאַרטן,
זיך גרויסן,
זיך רוישן,
צובלעטערטע בוימער
צו הימלען און ווינטן.
מילעך און האָניק
פון מיילער
צו לייבער,
פון אויגן
צו אָטעמס.

און איצט דאָ געבליבן
די רויש־רויטע קליידער
פון זייערע גופן.
און אַלע,
צולאָפן.
צולאָפן.

נו, טוסטו דיין טאָג אָן
אין רויטגאָלדענעם טרויער,
קיל און העל איז די שעה
פון בייטאָגיקער רו.
ליגן די טייכן
אין זייערע בעטן
פון טונקעלן זילבער.

פּאָרק

באָרג־אַראָפּיגע וועלט:

שווערע אַלטע בוימער.
אַ בלאַסער דינער גראָז
טוט אַ שמעק די זון
און — ווערט געל.

שטום דער טרויער פון די
וואָס גרויען ביים שוועל.
אַ שעה, אַ שעה
און דער מידער פאַרנאַכט
דערלאַנגט זיי אין דער האַנט
דאָס לעצטע מינצל טאָג.
נעמט זיי אונטערן אָרעם אַז,
פירט זיי אַריין אין שטוב.

נאָך דאָ אַ רגע פאַר אַ וואָרט.
לעצטע ווערטער,
לעצטע' שיין פון טאָג
איבער דער ערד.

שאָטן־זקנים,
לאַנגע גרויע בערד
וויגן זיך איבערן וואַנט —

אַז עולם זיבעציק יאָר
בייגן זיך אַרום אַ הילצערנעם אָרון;
העלפן זייער אייגענעם טויט
אַרונטערנעמען פון בעט,
קלאַפּן צו דאָס ברעט,
גייען מיט די לויה־לייט אין גאַס.

אַריין אין בית עולם טויערל,
אַז אַפן שטיקל ערד.
מורמלען אַלטע רייד
אין אַן אַלטער הייליקער שפּראַך.

טוי

פאַר דיין פּוסטריט פּאַלן
אויסגעלאָשן פון אַלע פאַרבן
אויסגעדורשט פון אַלע קוואַלן,
נאָר אַ קליינער גאָלדענער טראָפּן
פון מיינע ליפּן נידערט —
טוי אויף מיינע מידע לידער.

ביי מיין שטיין־צוקאָפּן,
שטייט דער לייטער פון חלומות
מיטן שפּיץ אין אַ גרויען הימל,
און דאָס לאַנד פון רייכע לאַנען
אָפּגעפּינקלט אַלע פאַרבן,

וואו איז דער וואונדערלאַכער מאָרגן?

בין פון חלום אויפגעשטאַנען
אונטער אַ נידעריקן באַלקן,
ווי אונטער גרויען וואָלקן,
דער אַלטער הערבסט, און טויטן וויאַנען
האָט גערעגנט איבער די דעכער
פון בלינדע טויטע הימל־לעכער...

וואו איז דער וואונדערלאַכער מאָרגן?

די לידער

אזויווי די ליכט אין די מעשענע לייכטער.
אויף די קבויטן פון גאָלדענע מנורות,
ברענען שטיל, ברענען שיין, ברענען — אויס,
ברענען אויס אַלע לידער.
יונגערמאַז מיט חלום און שיינקייט,
מיינט, אַז ער צינדט אָן אייביקייט.

ווי זאָלן דען ווערטער ניט שטאַרבן,
אַז די שיינקייט און ליכטיקע פאַרבן
פון די שלאַנקע גופן פאַרלעשט זיך.
ניט גרויס איז די נשמה פון ווערטער,
ניט הויך דער זכות פון לידער.

שווער דאָס געבויגענע אַראָפּגיין
מיטן מורמל פון תהילים.

די גאַס זינגט מיט פאַרביקע פאַנען,
די גאַס האָט אַ ברייטן הויכן טויער.
און דו — הינטער אַ פּראָצעסיע פון שאַטנס
צום אַלטן שטיבל פון טרויער.
קליין איז די טרייסט פון ווערטער
אַפילו די חרוזים פון תהילים
רעדן מיט אַ קול אַ שטילן
ביים בעט פונם קראַנקן
אונטער בלויען דאַך פון פאַרנאַכט.

אויף מיין וועג

וועסט נעמען מיין מידיקן גוף אין דיין רו.
דיין קישן איז קליין,
דיין צודעק איז שווער,
נאר דיין פינסטערער שלאף
וועט זיין זיס פאר מיין לייב.

כהאב געבראדיעט מיין טאג אין א ביטערער זוז.
די זאמדיקע לייד
האט געבראכן מיין קני.
איטלאך ווארט מיינס א רוף:
קום צוגיין, כבין שוין אלט
האב אפגעטאן אלץ
און מער וויל איך נישט טאן

כ׳האב געטראכט פון דיין פרידלאכן גוט —
ברייט צועפענטע פעלדער
פארן ליכטיקן קילן בייטאג.

בין געגאנגען ביז איצט
אן א זייט,
מיילן הינטער מיין צייט.

שפעט־פארנאכט
זיך געשארט דורכן שאטן פון פארדעכטיקן דארף,
מיין פרעמדקייט האבן די כלבים דערשמעקט.
כבין געגאנגען מיין וועג.
שטרויען וועלק — קאלטע רערלאך מיט סם
פון געשטארבענעם טוי.

כ׳האב געטראכט פון דיין פרידלאכן גוט.
ברייט צועפנטע פעלדער
פארן לויטערן קילן בייטאג.

געזעגן

נאַכטיקע שפּעט.
בין אַרומגעגאַנגען שווייגנדיק־שטום
אין די געסלאַך פון אייערע ספרים,
די געטאָ פון גייסט און פון שלום.
האָב געזעגט אייך אין אַלטמאָדישע מיצן,
שאַנדצייכנס איבער די רוקנס.

דער געבויגענער שטילער שפּינאָזע
לעבן שוועל פון אַ שולהויז.

דער איידעלער פרומער ישו
לעבן שוועל פון אַ שולהויז.

אין אַלטמאָדישער הלבשה
פאַרשטויבט און פאַרזאַמדט
פון ווייט און פון וועגן,
פון פרעמד און פון גלות,
צוריקגעקומען.

נאָר אַ ווייל, אויפן האַנטיקן אַנלען,
האָט געדרימלט מיין קאָפּ.
און — כ'בין אויף.

דער שטילסטער אינדערפרי.
כ'קוק אַרויס דורכן טיר אויף דער גאַס:
דער טומל פון וועלט איז אַ ווייטער, אַ ווייטער,
פרום ליגט די זון איבערן שטאָטישע דעכער
גרינג און געליוטערט.

און אַנדער ליכט,
ווי כוואָלט אין אַן אַנדער מין לאַנד געקומען
קאָן נאָך ניט קיינעם.

כ'האָב אין דער נאַכטיקער שפּעט
אַריינגעקוקט אין די פענסטער פון אייערע ספרים
ווי אין אַן אַלטער שטוב אַריין.
און געזעגן אייער וואונדערלאַך לעבן
אין הכנעה געבויגן, אין שטילקייט,
ווי פּשוטקייט הערלאַך און אָרים.

אידיש

ווען קינדער שפּילן זיך מיט דיר
אין אונזער ברוקלינער שטויביקער גאַס,
ביזטו די שיינע זון,
דער ברייטער בלויער טאָג
איבערן פרייען הימל־וועג.
און אַלע קליינוואַרג־לייט
זיינען נאָך פון מיין וויטער אָרימשטאָט,
אייניקלאַך פון ערלאַכע אָרימעלייט,
וואָס האָבן זיך מיט נעכטיק ברויט געפרייט,
מיט האָפענונגען טויזנט־טויזנט מאָל שוין איינגעדאָרט,
און ווידער אויפגעבליט מיט ווייסן צוויט.

דאָס קליינוואַרג איז אַרומגעלאָפן איבערן שטאָט,
וואַלקנס אָנגעהויכט און אָנגעבויכט מיט זון
האָבן געוואונקען מיט גאָטס זומער־רעגן.
האָסטו פון זיי אַרויסגעזונגען: גאָט, גאָט,
גיב אַ רעגן פון די קינדערוועגן.
אינאיינעם מיט זומער, רעגן, קינדער
ביזטו געוואַקסן מאַמעשי־לשון ביז אַצינדער.
און אַז מיר האָבן דיך אַהער אַריבערגעבראַכט
ביזטו געוואָרן אין אונזער אָפּגעהיטן ווינקל
שטילער און פאַרטראַכט.
האָסט אויפגעבליט אין אונזער ליד
גיט ווי אַ גאָלדענער געזונטער זאַנג פון קאָרנברויט,
נאָר ווי אַן איידעלע פלאַנץ,
מיט אַ דינעם שלאַנקן האַלז
ווייסע שיינע אַקסל,
און אַ זילבער־דורכזיכטיק געזיכט
ווי דאָס פרומע ווייכע ליכט
אויף מאַדאָליאַני'ס פיין געוועב,
דאָס ליריש־ציטערדיקע ווייסע לייב
אונטערן לויטערן זייד־געשפּין
אַזאַ מין פאַרביק־בליענדיק שטאַרבן
דורכן ליכטיק־בליענדיקן גרין.

איך און מײַנע ברידער

אָרימשטיבער.
מידע פּלויטן.

זומער.
רעגנס וואַשן אויס די לופטן.

פון פאַרנאַכטיקע רעגנס
דעמפּט מיט געלן ווײַן.
קלײנשטעטלדיקן גוסט ?
וואָדען.

וועל תמיד שוין אָט דעם ישוב זען.
אַלטבאַקאַנטקייטן און — ווי אַ קרעניצע פריש
ווי וואַסערקילקייט לויפט מיט באָרוויסע פיס.
אַזוי דערפרישט עס מיך.

די ביז איצט דערפאַרונג —
וועלט, שטעט, וואָגל, דאָרן, וואונד.
אַזוי ווי איבער גידעריקע אַלטע שטיבער
קומט בײַנאַכט צוגאַסט דער ערשטער שניי
האָט אויך איבער מײַן קאָפּ
די זילבער ווײַס געניִדערט.
אַז סהאָבן עס דערזען די עלטערע ברידער
האָט עפּעס ווי אַ קנאה'דיקער טרויער
געטונקעלט זייער אויג.
נאָר — געמאַכט אַ שווײַג.

מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען.
סזאָל הייסן: אין איין אײנציקע נאַכט
האָב איך די עלטער אַריבערגעיאָגט,
און געוואָרן — בכור.
סזאָל הייסן: כ'רעד מיט זיי, ווי אײנער וואָס איז ווײַט שוין
און אַביסל פרעמד פונדאַנען.

האָב איך דען גאווה אין מיין קול?
מיין וואָרט איז מיד,
נאָר — קילער, שטילער, עלטער מיינע טריט,
באַדאַכטע רו — מיין גאַנג
דאָ אויפן שווערן און צוטומלטן וועג.
זילבער־ברעמיק מיינע טעג
און מיינע נעכט זיינען מיר אַפּט צו לאַנג, צו גרויס,
און כקוק אין פענסטער
אויפן שטערן וואָס לעשט זיך אויס,
און אויף דער בלויקייט וואָס צוהעלט
איבער די פריע הימל־וועגן פון דער וועלט.

דאָרן

די הויכע קרוין פון אונזער יחוס־הויז
האָט זיך שוין אָפּגעטאָן.
איך גיי פון אונזער שוועל אַראָפּ
אַ פּראָסטער אָרימאַן.
האָב נאָר אין הינטערקעשעניע פאַרשטעקט
אַ לעצט געדעכעניש פון אונזער אַנגעפּאַקטן שראַנק —
אַן אַלטער ברויט־שייער —
כ'רייס דורך אַ שפּאַלט פון דער ברעטער־וואַנט
אַן איינציק קערנדיקן קאָרנזאַנג.

כ'וועל איבער ליידיק־קאַלטע שליאַכן גיין
און קומען אין דער יונגער שטאָט.
אַן אָרימאַן, אַ נאָכגעבליבענער
פון דער פאַרעלטערטער וועלט.
איך טראָג מיין לעצט אַלט קלייד אויף זיך, פאַרגעלט.
כ'האָב זיבן ברידער,
האָבן זעקס פון זיי זיך ניי און יונג פאַרשטעלט
אָפּגעפאַרבט די ווייסע באָרד און קאָפּ,
אויסגעקלאַפּט אויף זייער שפּראָך
אַ הויכן שרייענדיקן טראָפּ.
כ'האָב זייערע פאַרפרעמדטע פּנימער נישט דערקענט.

און איינמאָל, אין מיין מידן שלאָף בייַנאַכט זיך אויפגעכאַפּט,—
אַ האַרטער שווערער פויסט האָט אין מיין דינער וואַנט געקלאַפּט
האָב אויפגעמאַכט און —
די זעקס ברידער מיינע אין מיין טיר אַריין,
וואו אַ ווינקל אויסגענישטערט, אויפגעוואָרפן.
האָב גאָרנישט ניט פאַרמאָגט,
אַ חוץ מיין אָרים קלייד,
אַ קליין גרוי שמות'ל אין הינטערקעשעניע
זיי האָבן זיך מיטן געפינס דערפרייט,
אַוועקגעכאַפּט, די טיר פאַרקלאַפּט, אַרויס.
כ'האָב אינדערפרי פאַרלאָזט מיין ליידיק הויז.

די לופט: טויב, אסיענדיק,
טויטע דרויסן־ריסלאך פונם איבערבלייב
וואס מיינע ברידער האבן בייז צופליקט.

איך האב זיך קיינמאל ניט מיט זיי
וועגן קיין זאך געקריגט.
נאר ווי אזוי זיי האט זיך אויסגעדאכט
אז איך באהאלט עפעס פון טאטנס ארימקייט
אונטער מיין אומעטיק דאך,
ווייס איך ניט.

פון אונזער אלטהויז האט זיך שוין אפגעטאן
די שטילע שיינע קרוין.
איך גיי פון שוועל אראפ — אן ארימאז.
וועל בלייבן הינטער וויסטע וועגן —
ד א ר ן.
ש ט י י ן.

פון וויסטע טעג

אוקריינע. מיין קארעצער היים,
אז איינגעקאטשעטע.
דער קריג מיט אייזערנע שטיוול
האט אויף איר לייב געבראדזשעט.
דעניקין, פעטלורע הינטער אירע פענסטער
געשטשירעט מיאוסן וויסטן גרויל.
און סהאבן זיך געצויגן לאנג און קראנק
יתומים - וואגנס.
דארע פערד איבערן זומערדיקן שטויב,
איבערן אלטן קאריצער בריק.
רעשטלאך פון זווילער לעבעדיקער גאס.
געזעמלען קליינוואַרג אונטער א גרויער שאל
אפגעשטעלט זיך לעבן דער רויטער שול,
צוזעצט זיך אויף די לאנגע בענק
עס האבן אויף זיי געווארט
נייע אומעטיקע מאמעס,
נייע ברידערלאך,
זיך דערפרייט...

צוויי קליינע אלטינקע,
בערד ווי מילעך ווייס,
אין עולם קליינוואַרג,
האבן קליין זיך ארומגעדרייט.
געקוקט אין די אויגן אריין.
פארבלאנדזשעטע,
זוכן א וועג
פון א וויסטן וואלד ארויס.
האבן זיך אנגעשלאגן פרעמד אין איטלאכן,
ווי אין א טונקעלען בוימשטאם.

אין עמיצער האט זיי דערזען, דערקענט,
זייערע קלומקעלאך גענומען אין די הענט.
געפירט איז א זייטיקער גאס
ביז צו דער הקדש־טיר
און — אוועק.

זיי האָבן זיך ביים וואַנט אָוועקגעזעצט.
די זון אין לעצטן כח
האָט סופזומערדיק געשיינט.
זיי האָבן געשמועסט לאַנגע שעה׳ן —
אַלטע פריינט.
דערציילט פון פריערדיקער צייט
שוין אַזוי וווייט, ווייט.
זיי האָבן איר נאָך וואויל געקענט,
עס ציטערן זייערע פנימער און הענט
די אויגן — טרוקענער שיין.

זיי הויבן שווייגנדיק זיך אויף,
גייען אין הקדש אַריין
הינטער זיי האָט קיל, גרוי,
דער פאַרנאַכט אַ וויי געטאָן,
אַ שניי־געטאָן
אַ פּאָר שנייעלאַך אין דער לופט.

אינגעלאַך

.1

אינגעלאַך חלומען, טראַכטן:
ווי גרויס איז גאָט?
ווי גרויס איז די וועלט?
און ווען, ווען, ווען,
ווען וועט קומען משיח?
און פונוואַנען אַ זייט וועט ער קומען?
פון מזרח? פון מערב?
פון דרום?
און ווער וועט דערזען אים פונווייטן
אויף אַז אייזעלע קומען צורייטן?

די דאָזיקע אינגעלאַך
חלומען מאָדנע חלומות,
טראַכטן מאָדנע טראַכטונגען,
וועגן אַלערליי זאַכן:
וועגן די גאָלדענע פּירות
וואָס וואַקסן אין ארץ ישראל.
אין ארץ ישראל איז אַ ווייסע ערד.
און בלויע טייכן.
אפשר טויזנט בלויע טייכן.
און דער ירדן, וואָס זיי האָבן געלערנט,
איז דער קעניג פון אַלע טייכן.
און דער וואַלד לבנון איז הויך ביזן הימל
אין ארץ ישראל דער הימל!
העכער און טיפער און בלויער
פון אַלע הימלען אויף דער וועלט.
און אַז מיר'ן קומען אַהין,
אַז משיח וועט אונז פירן אַהין,
וועלן מיר שבת בייטאָג נאָך די זמירות
גיין מיט די טאַטעס צום הר המוריה.
וואו אברהם אבינו איז געגאַנגען
מיט זיין יצחקן צו דער עקדה
אַזוי ווי מיר האָבן אין חומש געזונגען—
מיט יצחקן צו דער עקדה.

.2

פאַראַנען שטילע אינגלאַך
וואָס שפּילן זיך אַליין און אינצווייען נאָר
ניט ווייט פונם שוועל.

אַמאָל קומט אַן אומעט גרוי
איבער זייערע דינע ברעמען.

און אַמאָל ווערט זיי גוט.
פון־זיך־אַליין ווערט זיי אַזוי גוט,
זיצן רואיק אויפן שוועל לעבן הויז.
אַזאַ רואיקייט אויף דער גרויסער וועלט.

אַז די זומערטעג מילדערן,
בלייכע גאָלדענע לופטן,
ריחות פון עפּלוויין זעצט
פון די קעלערן אין מאַרק.
פאַרטרויערטע פייגעלאַך שטייען
אויפן קוימען פון אַ דאַך
קוקן ווייט, קוקן אויס אין הימל אַ וועג —
א—ו—ע—ק—צ—ו—פ—ל—י—ע—ן .

די אינגלאַך טראַכטן דעמלט :
אַ טרויעריקע צייט קומט אָן
אַזוי ווי די פויגעלאַך וואָס פליען אַפּ,
טראַכטן פון געזעגענען
מאַדנע אינגעלאַך.

און ווינטער
קוקן זיי דורכן פענסטער אַרויס,
זעען : די וועלט איז גרויס
און עס דאַכט זיך זיי אויס,
אַז די וועלט ווערט אַ פרעמד לאַנד,
עפּעס אַ פרעמדע שטאָט,
דידאַזיקע וועלט.

אַז זיי זעען אַ פייגעלע שפּרינגט
אויפן קלאָרן פאַרזוניקטן שניי,
שמייכלען זיי טרויעריק צו אים.

איך בענטש דיך

איך בענטש דיך אין מיין אומרואיקן שווערן וועג:
נישט ענג זיין זאָלן דיר די ווענט, די זיבן איילן
פון דיין פאַרדרעגנגטן טאָג אויף אונזער גרויען ברעג
אין אונזער אָרימקייט פון גאָרער וועלט פאַרהוילן.

וואו וואַלגערט זיך נישט אום מיין וואָגלדיקע נאַכט,
אין וועלכער טעמפּער מאַרק האָט נישט מיין טאָג צוטרעטן.
נאָר איך באַגעגן דאָ אַמאָל נאָך אַ פאַרנאַכט,
און אַלע בוימער, שטיבער, וועגן — וויגן זיך און בעטן.

און כטראַכט פון דיר און זע דיך דין און שטום
ביים שוועל — אין שטוב זיינען די קליינע איינגעשלאָפן.
ווער קאָן נאָך ווי אַן אומעטיקער מענטש זיין פרום,
אַזוי פאַרצווייפלען, גוט־זיין, ליב־האָבן און האָפן.

און ווער קאָן צוגיין אַזוי בלוטיק־נאָענט צו דער וועלט
ווי צו אַ פאָטער — וועסט מיר מיינע זינד פאַרגעבן.
איך האָב מיין וועג פאַרקרימט, פאַרענגט, פאַרשמעלט,
און קליין־געמאַכט, און קראַנק־געמאַכט מיין לעבן.

און—כקום אַלץ קראַנקער אַן פון וועג צו דיר אין הויז
רו אָפּ ביי דיר, שטיל איין פון בייז און פון בזיון,
און ווידער ווערן אַלע וועגן — וועלטן, גרויס,
און אַלע טעג — געטרייע געסטן — זיך פאַרטרויען.

איך בין געשטאַרקט דערפון, וואָס איך האָב צוליב דיר,
פאַר אונזער קליינגעזינד, אין זאָרג פאַר ברויט מיט וואַסער,—
מיין כבוד בעטלעריש געוואָרפן דאָ ביי יעדער טיר,
מיין ליכט און שיינקייט — איבער שטויב און גאַסן.

און גוט: מיר זייגען דאָ מיט קיינזאַך נאָך נישט זאַט געווען,
עס ווייס עס אונזער טרויער אין זיין גאָלדן שווייגן.
איך האָב נאָך קיינמאָל נישט ביי קיינעם דאָ געזען
ווי כהאָב ביי דיר — אַזעלכע מילד־פאַרגיבנדיקע אויגן.

איך זאָג

איך זאָג צום קליינעם גראָז:
בין מיד און אויסגעטריקנט,
איך טוליע צו מיין באַק צו זיין קילער גוטסקייט:
קוש מיך, ערדישער חבר.
בעט זיך מיט מיר איבער,
ווער מיר ליב און נאָנט.
היילט מיך מיט דיין אָטעם.

אַזוי ליג איך שוין אַפּ
דריי שעה ביז הייסן מיטאָג,
קוק אויף די בוימער אַרום.
יונגע גרויסע בוימער
און איבער מיר — דער בלויער הימל.
דער טאָג איז אין מיטנגאַנג.

און אין מיר קומט אַריין די רו.
אַ שוועסטער אין לייוונט־ווייסן.
און ראַמט דאָרט ציכטיק אויף
און ווייט דאָס גרוי אַראָפּ
פון מיין פאַרשטויבטן הימל,
אַ פריע זומער־זון גייט ביים ברעג אַרום.
און אויף מיין ערד דאָס גראָז
איז גרין און קיל און פריש
נאָר דער ווינט האָט עס אָנגערירט
מיט זיינע בלויע לופטיקע פיס.

ליד

אַ סך פּאַרזען, פּאַרקוקט, נו. מילא.
און — גאַנץ ניו־יאָרק האָט דורכגעשפּאַנט.
כוועל ווייטער מוזן שוין דערציילן
אַ מעשה־נעכטן צו דער וואַנט.

בראָדוויי וועט צוליב דעם מסתמא
ניט אָפּשטעלן איר הויכן וואוקס.
אַ מענטש קאָן זיך אַמאָל פּאַרזאַמען,
בראָדוויי, מיין שיינער כיטרער פוקס,

כהאָב זיך דערקענט נאָר — נאָנט ווערן
איז אונז געוויס שוין נישט באַשערט...
נישט זינגען ליוב צו דיינע שטערן,
צו דיינע לימוזינען־פערד.

דער אַלטער האָבערזאַק דער גרויער
שמעקט מיר נאָך אַלץ געשמאַק און ליב.
און פונם שטאָל דער מידער טויער
זיין היימלאַכער און גוטער סקריפּ.

און מיין פּעגאַז מיט לאַנגע אויערן
אַ לאַשעק, תמימותדיק און וואויל.
צוויי אויגן — פולע עמער טרויערן
געטרייע גוטסקייט אויף זיין מויל.

און דער פאַרנאַכט פון ברייטע טאָלן
ליגט אויך אין שאָטן פון זיין בליק.
דער צווישן־וואַלד — אַ וועג אַ שמאָלער,
די טריט איבער אַן אַלטן בריק.

דער רעגנגוס און דונערבליצן,
אינמיטן נאַכט אַליין אין וועג.
הינטערן דאַרף דריי בעטלער זיצן,
און עסן נויט־ברויט פון די זעק.

די אַלע שאָטנס אין זיינע אויגן
און — איינגעבראָכן איז זיין מויל.
הכנעה׳דיק זיין האַלז געבויגן,
אומעטיק און פויל און וואויל.

ער...

גאָט, אַ לאָז מיך זיין אַ מענטש אַ גרויער,
גיין איבער דער פראָסטער גרויער ערד
און ווען איך רעד אַמאָל פון אייגענעם טרויער,
זיך אומקוקן: צי האָט כאָטש קיינער ניט געהערט.

אין שטילסטן ווינקל לייען איך דעם תהילימס לידער,
טיר און טויער אויף דער וועלט פאַרמאַכט. —
ער איז אַריינגעקומען אין מיין שטוב אַ מידער:
גוטנאָוונט (סאיז געווען שוין שפעט־פאַרנאַכט).

דו ווייסט, כהאָב אויפגעהערט שוין מיט די ווערטער.
כווייס ניט: שווייגן ווערט מיר אויך אפשר אַ גאָלדענער געץ,
ווען כזיץ איבער זיין קאָפּ אַ שטום פאַרקלערטער —
אַ פיש ביים ברעג פון זאַמד נאָך אין דער נעץ.

מיט איידעלע פינגער קלאַפּן זיי אין מיינע טירן,
די רייד די לירישע וואָס כהאָב זיי דורכגעיאָגט.
זיי ווילן נאָך איינמאָל מיר גרינג די האָנט באַרירן,
און זאָגן — עפּעס האָבן זיי מיר נישט דערזאָגט..

כהאָב פאַרשטעלט זיך מיט די הענט די אויערן:
ביים פענסטער גלייכגילטיק אין גאַס אַרויסגעקוקט. —
פון צווישן אַלטע ווענט דאָ פון די גרויע מויערן
האָט זיך אַ טויטערוואָגן שוואַרץ אַרויסגערוקט.

לאַנגע שורהס מענטשן זיינען נאָכגעגאַנגען
אַ שווייגנדיקער שאָטן לעבעדיקער קרעפּ.
כמורנער אַלטער טאָג איז אינדערהויך געהאַנגען
איבער די מויערנס זיך בויגנדיקע קעפּ.

און כהאָב געטראַכט: האָב אָפּגעגעבן מיין לעבן
און קלער נישט וואָס איך האָב געהאַט דערפון.
איבערן גאָלד פון הערבסט אַ מידן קוק געגעבן —
קיל און שטיל און אומעטיק איז די סעפּטעמבער זון.

אַ קלאַנג

אין אַלטע דערפער טרעפט מען
נאָך אַ מענטש אַ תמים.
ליבשאַפט פאַר גאָטס שיינקייט,
און אַ פרומען נאָמען.

גרויע באָרד און שלייפן,
און אין זיינע אויגן —
בלויער הימל שמייכלט
דורך אָקטאָבער־צווייגן.

גאָטס געשענקטע גוטסקייט
אויף די אַלטע ברעמען.
ווער עס וויל זאָל קומען
און די גוטסקייט נעמען.

אַלטער מענטש אין ליכטיקייט,
וואָס זאָל ער דערציילן?
אַ קלאָר וואָרט אַ פרידלאַכס,
און דאָס וואָרט קאָן היילן.

ווער עס איז פון אומרו,
און פון פיין פאַרוואונדיקט,
ווער עס ליידט פון צווייפל
אין די זיבן וואונדער.

ווער עס האָט זיין ליבע —
אויפן הערבסט פאַרלאָרן
אונטער הוילע ביימער
אונטער קרוין פון דאָרן.

פארטרוי איך זיך

פאַרטרוי איך זיך אַז דיר, אַ וואָרט,
און—ווערסט מיין סוד פון שווייגן.
ביי דיר מיין הויז, מיין רואיק אָרט,
מיין נעסט אין דיינע צווייגן.

ווי דורכגעזיפּט דיך־דין און העל
ברייגגסטו די זון די ריינע
אין אָפּגעזונדערטקייט צו מיין שוועל —
אַ גאָלדענע טויב אַ קליינע.

כבאַהאַלט זיך דען פון וועמען דאָ ?
האָב נאָר מיין אָרט פאַרנומען,
ווייל איך האָב נישט וואוהין צו גיין,
און — נישט וואוהין צו קומען.

דאָס סאַמע קלענסטע — מיין פאַרמעג
מיין פרייעסטער וועג — באַזונדער.
אַ בוים, א גראָז, אַ מענטש אין וועג —
דער וואונדערלאַכסטער וואונדער.

און אַז אַ שטיבל שטייט אַליין
אַרום איז ווייט און פעלדער.
אַ פרומער שטעל איך זיך, בלייב שטיין :
גאָטס הויז אינמיטן פעלדער.

און אַז פון פענסטער קוקט אַרויס
אַ קינד — אַ הייליק פּנים,
אינמיטן פעלד שטייט שטיל גאָטס הויז,
און לעבן הויז — אַ ברונעם.

זיין וואַסער איבעווייניק קוועלט
מיט לויטערקייט מיט קילער.
כוועל צוגיין, וואַשן מיינע הענט,
און אויך מיין דורשט שוין שטילן.

און דורכן פענסטער קוקט דאָס קינד,
מיט שמייכלענדיקע אויגן.
און אויפ׳ן גראָז — דער לינדער ווינט.
און פריש און גרין דאָס שווייגן.

פאַרמאַכט

שוין הויך אויף דיין קינדערשן בערגל דאָס גרין,
איך זעץ זיך אַוועק אַן דיין רו אַנגעלענט,
ווען איך זאָל דערזען אויפן שטעגל דיך גיין,
צי וואָלט איך דיך שוין פונדערווייטנס דערקענט.

ביזט געווען אַזוי דין און דיין האַנט — קליין,
און תמיד דעם קאָפּ האַרט אַן מיר אַנגעשפּאַרט.
כ'בין געווען אַזוי רואיק, באַרואיקט און ריין,
מיין מויל אויף דיין קאָפּ און די אויגן—פאַרמאַכט

ווער האָט אויף מיין שוואַכן רשות דיך פאַרטרויט
כ'האָב ווייניק דיין ליכט און שאָטן געהיט.
און איינמאָל געבראַכט ווי אַ חבר דעם טויט,
זיין מאַנטל פאַרוויט מיט פרי־זומערדיק צוויט.

וויל דיר אַנזאָגן שטיל: ס'איז דער הימל איצט בלוי
און דאָס בלוי פונעם הימל דערמאָנט מיך אַצינד
דאָס בלוי פון דיין שמייכל, דאָס בלוי פון דיין אויג
דאָס בלוי פון אַן אומעטיק קינד.

כ'גיי אַוועק פון מיין הויז — וואוהין זאָל איך גיין?
מיין הויז אַן אומעטיקס — גוט איז דיין הויז
איך האָב נישט צו וועמען צו גיין אויף דער וועלט,
און די וועלט איז צו וויט, די וועלט איז צו גרויס.

און איך בין ביי דיר אין דיין ווינקל געוואוינט
כ'גיי אָפּ אויף אַ רגע, פאַל צו צו דער וואַנט.
כ'ביז, אַ קינד נאָר, געשטאַנען ביים פענסטער געוויינט
גלאַט אַזוי צום פאַרנאַכט, אויף מיין אייגענער האַנט.

אַזוי שווער מיר געווען יענעם גרויען פאַרנאַכט.
איך האָב זיך געטוליעט אין אייגענעם שויס
אויף אַלע פיר טירן מיין לעבן פאַרמאַכט —
ניט אַרויס ניט אַריין, ניט אַריין ניט אַרויס.

צו דיר

צו דיר אין הייליקן הויז אריין
וועלן מיר אלע קליינע, פשוטע, קומען.
מיר וועלן מיטברייננען מיט זיך
חרטה און געבעט אויף ליבשאפט.
און לייטערונג אין דיין גענאד.
און דיין גענאד אין אונזער בלוט,
ווי גאלד פון אוונט־זון וועט רינען,
מיר זאלן דיר מיט ליבשאפט דינען.

א קום אנטקעגן אונז ארויס,
און שפרייט דיין ליכטיקייט דיין ריינע
אין אונזער וועלט פון טונקלקייט.
אויף אונזער שוועל פון שווערן עלנט,
אויף אונזער טרויריקן באשטאנד;
די טרייסט פון אים וואס האט פארקינדיקט
זיין בלוט פאר אלע וואס האט געזינדיקט —
זיין ווייס־פארגיבנדיקע האנט.

און פון דער רשעות און איר רוט,
אן איינגעטונקענע אין בלוט
וועסטו די קללה ארונטערנעמען,
און אין איר פינסטער וועסטו צינדן
דיין ליכט ווי זון אין אויג פון בלינדן.
און זי וועט אויך דיין הערלאכקייט
דערזען איבער דער ערד ווי פרייד.
און מיר, ווי שאף איבערן פעלד
איבער דער פרייקייט פון דער וועלט.

סאַניטאַריום

ביזט דאַ ערגעץ
אין אַן אַלטן פֿרומען דאָרף
וואו קראַנקע רוען לאַנגע ווײַסע ווינטערן.

כוועל קומען צו דיר
ווען דער יונגער זומער גרינט אַרויס
און הילט אויף ווײַכע שטעגלאַך צו דעם באַרגלאַנד.

וועל גיין אַ לאַנגן טאָג אַליין
מיטן אָטעם־הויך פֿון אויפֿגעוועקטע בײַמלאַך,
און מיטן הימל וואָס ווערט בלויער אויפֿן הויכן וועג.
צום אָרט פֿון דײַנע שטילע הויפֿן.

אַט ליכטיקט אויף
דאָס פּנים פֿון דער ווײַסער שטוב,
די פֿאַן פֿון זײַדן רויט־און־בלוי.
אין גרינגן ווינטלען.

זי איז אַ ליכטיקע שיף, די שטוב.
זי ווערט געפֿירט פֿון דער יונגער זון, די שטוב
איבער די ווינטערדיקע היגלען.

אונטן שלאָפֿן פֿעלדער, טײַכן.
קלײנע קינדערשע ישובֿים־קעניגרײַכן.

פֿון די ברײטע טאָלן
פֿאָרט דער טאָג אויף אַ וועג אַ שמאָלן.
גרויע פֿערדלאַך, אַ גרויער וואָגן. —

כוועל קומען צו דײַן שטילן הויף,
אַרײַנגיין אין די ווײַסע טירן
וואַרטן בײַ די ברײטע טרעפּ —
וועט מען דיך אַרונטערפֿירן.

ווײַסע שוועסטער — טויבן־הויבן אויף די קעפּ.
טויבן־שמײכלען אויף די ליפּן,
לאָזן אונדז אין שטילער ווײַט אַוועקגיין.

כפיר דיך ארונטער
אויף די זייטיקע וועגן.

קוקסט מיר טיף אין פּנים:
די וועלט איז לויטערער געוואָרן.

זע, וואָס פאַר אַ דינע גוטע ביימלאַך
ס'האָבן זיך איבערן בערגל אויפגעהויבן.
ציטערדיקע בלעטלאַך, צווייגן.

אַ־יאָ ס'איז גוט דאָ צו פאַרבלייבן,
גיין אַזוי זיך טריט ביי טריט און קלייבן
גאָלדענע ווערטער אויפן פעלד פון שווייגן..

זע, מיר גייען ביידע איינגעבויגן,
איינגעבויגן,
און מיר קלייבן
גאָלדענע ווערטער
אויפן פעלד פון שווייגן.

שוואַלבן

דערטיפן זיך ביז צו דיין פינסטערן פּחד
דו קינד מיט דערשראָקענע אויגן צום טויט,
מיט דערשראָקענע אָרעמס צו מיר.
אַט האָסטו מיין האַנט און מיין אַקסל.
סאיז קאַלט און סאיז ווינטער,
נאָר כוועל מיט דיר לויפן.
איך וועל דיך דערטראָגן צום ליכטיקן דערפל
פוניענערזייט בריקל פון היינט און פון נעכטן.
אַ שטיבל פון ליים אַ צוקנייטשט, אַ צובויגנס,
דאָס אַלטסטע, דאָס לעצטע אין וועלט־אונטערוועגנס.
איך וועל דיך באַהאַלטן.
פאַראַן דאָרט אַ וויגל.
איך וועל דיך פאַרוויגן־פאַרשלעפן,
און דו וועסט נישט הערן
דאָס קלאַפּן אין פענסטערל:
עפן, עפן.

איך וועל נישט ענטפערן,
איך וועל נישט עפענען.

וועט נאָכאַמאָל קלאַפּן:
עפן. עפן.

וועל אומגיין פון פענסטער צו פענסטער,
דורכזוכן די שפּאַרעס.
וועל היטן דיין שאָטן.

וועל הערן זיין רופן
אין טויבלאָכן קלאַפּ אין די ווענט.

וועל זיך צושאַרן שטום צו דיין וויגל,
צו דיין קינדערשן דרימל.
אָנרירן קליין דיינע הענט,
דיין קאָפּ, דיינע ברעמען.

מאָרגן וועל איך דיך נעמען
גרינג, גרינג אויף מיין אָרעם:

אַ־יאָ דאָ איז וואַרים.
זע וואַסערע פּאַסיקלאַך טאָג
פּליסן גאָלד דורך די שפּאַרעס
פון קליינינקן פענסטער.
מיר וועלן נאָך זיין דאָ אַ טאָג,
נאָך אַ האַלבן.

דו הערסט ווי פון יענערזייט לאַדנס
צופליגלען זיך שוואַלבן?

מסתמא אוועק שוין דער ווינטער.
דער שניי שוין צוגאַנגען.

שפּיצסט אַן דיינע אויגן און אויערן:
קלאַנגען?
ק—ל—אַ—נ—ג—ן.

— וואָס איז פאַר אַ קלאַנגען?

— מסתמא אוועק שוין דער ווינטער.
דער שניי שוין צוגאַנגען.

אַ קלאַפּ אין אַ לאַדן.
אַ שוועב פון אַ שאָטן.
און — זיך ווידער באַהאַלטן.

מסתמא אוועק שוין דער ווינטער
מסתמא — שוין שוואַלבן.

דיין ווארט

זאָל זיין אי יונג, אי אַלט אינאיינעם,
די קלאָרע רו פון קלוגע זקנים.

דער הייסער רוף פון יונגע אויגן:
אין זילבערן ווארט דאָס גאָלד פון שווייגן.

און אַז עס קומען אויף אין מיר לידער,
זאָל זיין אין ווארימען בלוט ווי ברידער.

וואָס זיינען אַ לאַנגע צייט אַנטרונען
און האָבן זיך צוריקגעפונען.
אַ, לידער, געסט און אייגענע מיינע, —
פון זייערע באַהאַלטענע קליידער־פאַלדן
דער ריח פון אויפגערייפטע ווייַנען
דער דופט פון וועלק, ווי גאָלדענער מאַנדל.

עס הויבן זיך העכער אויף די ברעמען,
און טיפער לייטערן אויף די בליקן.
דאָס שטיל אַראָפּגעבויגענע שעמען
נעמט זיך אַרום מיט זיס־אַנטציקן,
און גיט זיך דיר איינגאַנצן איבער
ווי אין דער ערד דער קליינער קערן.
דער טרויער פון די אָרימע שטיבער —
דער בלויער נאַכט מיט אירע שטערן.

אַ לידער, געסט מיינע און נאָנטע,
ביי מיינע שטילע אָוונט־סעודה'ס:
בעל שם טוב און פראַנציסק און דאַנטע
דער ליסעוואַטער יוריפּידעס.
און שמועסן אין די נעכט די שפּעטע,
און אין די שעהן זיך פאַרגעסן. —
עס טאָגט שוין, טייערע פּאָעטן,
הגיע זמן של שחרית עסן...

אפשר טויבן

אויסלעבן אַזאַ גרויס לעבן!
אַז איך טו זיך אַלץ נאָך שעמען
זיך דעם נאָענטסטן צו געבן,
און פון נאָענטסטן צו נעמען.

מיינע לידער—ניט קיין שוואַנען,
ניט קיין וועלף, און ניט קיין לייבן.
אפשר ווייטע שטילע לאַנען,
אפשר קראָען, אפשר טויבן.

אָבער אַט־דאָס קליינע ביסל
וואָס מיר האָט פאַרטרויט מיין טרויער,
איז מיין שיינער גאָלדענער שליסל
צו אַ וואונדערלאַכן טויער.

ווען ער רופט מיך, טו איך קומען,
ריין און קליין, און אונטערטעניק.
וואָס איך האָב ביז איצט גענומען?
ווייניק, זייער, זייער ווייניק.

אוצרות זיינען דאָרט געלעגן
פון דער טיף אַרויסגעגראָבן.
און אַז סאיז פון מיינעטוועגן —
דאַרף איך דען אַזויפיל האָבן?

נאָר אַ פינקל פון אַ ווינקל,
איז מיר ליכטיק שוין געוואָרן.
לאַנגע טעג־נעכט אין מיין ווינקל,
אין מיין איינזאַמקייט, מיין קלאָרער.

האָב איך גוטס? אין וואַלד אַ שפּענדל
דערוואָרימען דעם קאַלטן אויוון.
און אַביסל נאַפט אין קענדל.
און דאָס אַלטע בוך הלוים.

און די נאַכט וועט מיט מיר וואַכן,
זייט בײַ זייט אויף מײַן געלעגער,
ביז סוועט אויפוואַכן מײַן שכן,
אַבאַ דער מצבה־שלעגער.

זון איבער די פריע שויבן.
און מײַן קאָפּ צום טיר געבויגן.
שעה׳ן גרינגע, מילדע טויבן
אונטערן באַלקן זיך צופליגן.

כהער די דינע קלעפּלאַך פאַלן
פון אַ האַמער פון אַ גרינגן ;
דעם פרימאָרגנס דינע שטראַלן,
און אַ ווײַט און נאָנט זינגען.

ליכטיק

מען קומט די שווערסטע יאָכן איבער
און פּלוצלונג טוט אַ זינג מיט זול.
די הימלען לאָכן צו די שטיבער
און סקלינגען העלע טעג אין טאָל.

און פעט און ברייט ווערן די שטאָלן
און סשפּאַרט די זיסקייט פון דער זעט
ווי דורך די בערג־שפּאַלטן די קוואָלן
די ערד אַליין איז דער פּאָעט —

און מילדער לויב פון אַלע ברעגן
גייט אויף ווי נעפּל טוי פון פעלד
און שפּרייט זיך איבער ווייטע וועגן
און טרייסט דעם אומעט פון דער וועלט.

איצט וועלן קומען פון הויכן
אין קלאָרסטער שיינקייט אויפגעריכט,
פאַרנאַכטן — ווענוסן פון טייכן,
מיט אויגן — הייליקייט און ליכט.

די דינסטע גאָלד־סטרונעס פון לידער
וואָס שפּילן אויף אַ בליק, אַ ריר.
די ווייך־ריחות פון שפּעטע סעדער,
און פונם ערשטן וועלק דער ביר.

פאַרברוינטע מאַנדל־דופט טוט שפּאַרן
פון בלעטער־שרפהלאַד אין וואַלד.
די אינדערפריען — שלאַנקע באַרן,
פון מאַדעליאַניס בליק באַשטראַלט.

גאָלדן מזל

זיינע לידער,
טוליען זייערע קעפּ צו אים.
ווילן ליגן איינגעוואָרעמט לעבן אים.
קליינע, קליינע הינטלאַך, מיינע,
הויכט ער זיי אַריין אין אויער,
קליינע, קליינע הינטלאַך מיינע
כקאָן אייך מער נישט וואַרימען אין רחמנות.
און ער מאַכט אַ האַרטן פּנים,
און גלייכט אויס אַ שטייפן אַקסל,
און — איז ביי דער טיר שוין,
און פוניענער טיר,
בייגט זיך איין זיין רוקן.
זיין פּנים טונקלט עלנט,
לויפט ער צו די מאַרקן.

אויף די מאַרקן.
פאַרוואַלגערט זיך אַ ברעקל מזל
אויף די מאַרקן איז געשען אַמאָל אַ מעשה:
אליהו הנביא.
אליהו התשבי.
אויף אַ שעה נאָך נאָך הבדלה.
איז אַן אָרימאַן אַרויסגעקומען
צוליב היימלאַכקייט באַגעגענען זיך
מיט דער גוטער וואָך אין מאַרק,
און איז שוין צוריקגעגאַנגען:
זילבער אין די טאַשן.
גאָלדן מזל,
גאָלדן מזל,
וועסט מיר אויסגלייכן די האַרביקע ווענט
פון מיין אַלט פאַרטרויערט שטיבל
וועסט די שינדלען אויפן דאַך פאַרריכטן,
וועסט דעם קרומען קוימען אויסגלייכן,
און דריי נייע שויבן אַריינשטעלן אין די פענסטער,

גאלדן מזל,
גאלדן מזל,
וועסט אריבערטרעטן סערשטע מאל מיין שוועל,
אויף דער מזלדיקער פערד־פאדקאווע,
אכצן יאר זינט כהאב איר צוגעשלאגן,
אכצן יארן ווארט זי אויף דיין גאלדענעם טראט.
קיינמאל ניט קיין ארימאן פון איר אוועקגעגאנגען ליידיק.
קליין און אויסגעוויינט און מיט א ברכה
איז מיין ארימער גראשן,
דער ארימסטער פון אלע גראשנס
דער טרויעריקסטער פון אלע גראשנס.
און דער ערלאכסטער,
און דער שטילסטער,
און דער שעמעוודיקסטער גראשן
פון אלע גראשנס.

ליכטיק

איך זאָג אײַך: ס׳איז געשמאַק דאָס בייז פאַרשווייגן
איך האָב פאַרשוויגן און — סאיז גוט געווען.
ווי זשאַווערדיקער וועלק נעמט דורך די צווייגן
און נאָכדעם ווי עס איז שוין אָפּגעשען.

צועפּענען זיך מאָרגנס — נייע קלאָרע הויכן,
און קלאָרקייט רוט אין אייגענעם געמיט.
די ערשטע קאַלטע לויטערקייט אויף טייכן
שאַרף־דימענטיק דער זונס באַרוטע טריט.

און סטראַכט זיך אַזוי וואויל פון שניי און וועגן
ווי ברייטע פעלדער שלאָפן ליכטיק איין.
איך האָב געזען: אַ קבר איז געלעגן
אין ווינטער אויף דער גרויסער וועלט אַליין.

און כהאָב געטראַכט פון זיך, פון מאָרגן, שפּעטער,
כוועל אויך אַזוי אַוועקגיין פון מיין אָרט,
און מיטנעמען מיט זיך עטלעכע ברעטער,
און סלעצטע גוטע און פאַרטרויטע וואָרט

אַוועקלייגן ביים שוועל און זיך געזעגענען:
פאַרטרויט זיך מיינע הויזיקע אויף מיר.
איך בין אַרויס מיין שענסטן טאָג באַגעגענען
איך האָב געדאַרפט אַוועקגיין לאַנג נאָך פריר.

איך וועל וואו בלייבן שטיין פאַר הימלען טיפע
און אַרום מיר אַזאַ צועפּנטע וועלט
און גאָר די שטילקייט איז קרישטאָל־געשליפן,
און קלינגט און לויכט איבערן גאַנצן פעלד.

איך בין דערגאַנגען ביזן ווייטסטן שווייגן
אַז כהאָב אַפילו זיך שוין נישט דערהערט
און האָב זיך אַזוי גרינג אַראָפּגעבויגן,
און זיך אַרומגענומען ליכטיק מיט דער ערד.

מהאַט געבוֹיט

ווי שיין מהאַט אַמאָל ביי אונז שטיבער געבויט
געהילץ ווייס און פריש ערשט פון אונטערן זעג.
אַ וואַרימער ציגל פון פלאַם, פלאַמיק־רויט,
גאָלדן זאַמד ווי צוליכטיקטע זומעריקע טעג.

אויפן הויף צווישן הויפנס פון ליים האָט צובליט
דער איינציקער בייט און דער בוים לעבן פּלויט
האָט געוואָרפן פון זיך זיין פריש־צאַפּלדיק צוויט
מיט וואַרימער בליאונג פאַרוויט און פאַרשנייט.

יעדן טאָג איז געקומען אַ גרעסערער טאָג
און אָפּענערע זון, און אַ שענערער פאַרנאַכט
און שפּעט אין שיין־זומער, אינם זון־שטילן טאָג,
האָט געבלענדט אין זיין פריידיקער בייקייט דער דאַך.

סהאָט פאַרשמעקט שוין מיט גאָלדענער רו פון סוף־אָב
און דער בוים האָט געפּלעקט זיך אין געל און אין ברוין.
אָט־די טעג טרעטן שטיל ווי פאַרנאַכטיקע שאָף
אַרונטער פּאַמעלאַד פון באַרגיקן פּליין.

געוועזן איז די שטוב אונזערס זיידנס רב לייב,
שוין זיבן און זיבעציק, כּווייס, אפשר מיין,
זיין עלטער — אַ ליכטיקע שניי־ווייסע טויב
האָט איבער זיין קאָפּ זיך אין קרייזן צעווייט.

פאַרטאָג, אין די ערשטע, קיל־זוניקע ליכט
געטראָגן אַ פּעקל אַ קליינס — זאַלץ און ברויט.
און פרייטיק פאַרנאַכט האָבן געפינקלט ליכט
און די שטוב מיט אַ הייליקער שיינקייט באַנייט.

שפּעט־ווינטער, שטוב און הויפן ביז אַקסל פאַרשנייט
איז געשטאָרבן דער זיידע ווי אויף אַ ליכטיקן וועג.
ווי שיין מהאָט אַמאָל ביי אונז שטיבער געבויט
אין די אַלט — נאָך־נישט ווידער געבוירענע טעג.

צו דער ערד

ווי אַלע זאָג איך אויך דיר: דו,
נאָר אַן אַ זייט און ווי פאַרשעמט,
אויך מיר גיסטו מיין אָרים ברויט
מיין גרוי און לייוונטן פּראָסט העמד.

נאָר ווי אַן אביון ביי דער טיר
מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ,
קלייב איך דעם מעשר ביי דיין ברעג, —
די גרינגע לינזן אין מיין טאָפּ.

נאָר איינמאָל האָב איך דיך דערזען
און ווי אַ מאַמען דיך דערקענט
ווען דו האָסט צו מיין טרויער־שויס
מיר אויסגעשטרעקט מיט גנאָד די הענט,

און האָסט מיין קינד צו זיך אין שויס
אַריינגענומען און פאַרוויגט.
און דורך דיין גאָרטן־טויערל
אַן עלנטן מיך אַרויסגעשיקט.

געלעגן איז שוין דער פאַרנאַכט
אַ קילער ביי דעם ברעג פון באַרג,
ווען כ'בין געגאַנגען שטום און קליין —
אַן אומעטיקער מענטש פון מאַרק.

די פרידלאַכע און פרומע טרייסט
פון שטילע שאָטנס אויפן פעלד —
ביים גרויען האַלבוועג צו דער שטאָט
האָבן זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט.

און כ'בין געוועזן אַזוי אַליין
אין ענגער שווערקייט איינגעקלעמט.
און ווידער ביזטו, גוטע ערד,
געוואָרן שטום צו מיר אין פרעמד.

און כהאָב מיט צער זיך אומגעקוקט
אויף דעם וואָס כהאָב דיר אָנפאַרטרויט.
אויף אַלע וועגן הינטער מיר
האָט זיך געשפּרייט די האַנט פון טויט.

אַ קאַלטע ביינעריקע האַנט,
מיט פינגער דאַר און קנאָכנדיק
צוציגן איבער פעלד און וועג
און איבערן וואַסער אונטער בריק.

און האַרט אַזוי מיין אייגענער טראָט
האָט אָפּגעקלונגען אונטער מיר,
און קאַלט אַזוי מיין אייגענע האַנט
ביים ערשטן אָנריר אויף מיין טיר.

מיין ליד

באַזעץ מיין ליד אין אַ אָרים שטיבל
הינטער די שטעט פון דער ליטעראַטור,
און אין אַלטמאָדיש פּראָסטע שטיוול,
און — סרעדעז פון אַ פויערשער פור
זאָל אים די ווייט פון דער וועלט דערלאַנגען
און סגרויע רעגענעז פון די טעג
ווען זומער איז שוין אַוועקגעגאַנגען:
ווי סזעגן פון אַ ברייטער זעג
און סהיימלאַכע פאַלן פון די ברעטער
דער ווינט וואָס טראָגט איבערן וועג
די אָפּגעפּליקטע שייקעס בלעטער. —
האַלוואַי וואָלט איך נאָר קלאָר פאַרשטאַנען
פון אַט־די אַלע זאַכן דעם מיין,
נאָך העלן בליען און געלן וויאַנען
שפּעט זומער מאָרגן קומט בלוי און ריין —
אַזוי זאָל מיר מיין אייגן דאַרבן
ניט שרעקן און ניט ווייטאָן שווער,
כהאָב ליב אַראָפּגיין צום לאַנד פון שטאַרבן
און ברענגען זיין שטילן סוד אַהער.
פאַרוואָר, דער ליטעראַטור־געווימל
מאַכט הויל מיין טאָג, מיין שעה מיר ענג.
כלויף צו דעם הינטערגאַסיקן הימל,
ווי אַמאָר כאַיאַם צום שוועל פון שענק, —
די בלויע לויטערקייט ברענט פיבעריק
ווי בראַנפן אונטערן זיידענעם פלאַם,
און גאָר די ליטעראַטור ווערט איבעריק,
און זינקט — אַ שטיין אין תהום פון ים.

אַלטגאָלד

אויך צו דער שווערער שעה בלייבט נאָך
אַ פרומע ליבשאַפט איבער
אַזויפיל קליניקייטן — טויט
אין קברימלאַד, אין גריבער.

קומט ווידער אַלטע פיין צוגיין
קוקט אייגן אין די אויגן:
פאַרגיב וואָס כהאָב דיין מידן קאָפּ
נאָך מידער איינגעבויגן.

און וואָס איך האָב דעם שלאָף ביי דיר
פון קישן אַוועקגעריסן.
אין גרינעם סאַם געטונקען דיר
דיין מאָגערן האַרטן ביסן.

און זיצענדיק ביים טיש אַזוי
איז גוט דערמאָנען, ריידן
פון ליידן וועלכע זיינען שוין
געוואָרן קלוגע ליידן.

און ווייזן אַז ווי אויפן האַנט:
דאָ איז אַ וואונד געוועזן.
אַן אָפּגעמעקט טויט כתב — מקאָן
קוים קוים אַ צייכן לעזן.

נאָר די דערמאָנונג רירט נאָך אָן
דיך־דיין קוים מיט אַ פינגער.
און פון דערמאָנטע שווערקייטן
ווערט ליכטיקער און גרינגער.

שפּעטזומער

סעפּטעמבער, אָקט. און נאָוועמבער,
ווערט מאָנטרעאָל מיר היים, און נאָנטע שטאָט.
די סאַמע נאָענטע ווערן דאָ פרעמדע,
איז איינזאַמער דאָ אויך דער וועג פון גאָט.

בין תמיד אָנגעשפּאַנט אין וואַרטן,
צום ערשטן קילן בלויען אינדערפרי,
ווען בוימער נעמען זיך פאַרטראַכטן,
און בלייבן שטיין ביים פענסטער ווי ניט הי.

ניט־הי — אין אַזאַ אינערלאַכע שטימונג
ווי דורך קרישטאָל — די אויגן פון דער וועלט.
און קראַנקע פאַרבן האָבן פרומע שטימען —
און פאַלן — מידע שטראַלן איבערן פעלד.

און אַזוי פרידלאַך רוען דאָ בייטאָגן
אויף גאַסן און אויף סקווערן אומעטום.
עס ווילט זיך זיי אַזעלכע ווערטער זאָגן
נאָר בעסער. אַז דאָס סאַמע שטילסטע שטומט.

און גאַסן דאָ מיט קליינע אָרימע קראָמען
שמאָלע פענסטער אין די אַלטע ווענט.
און אויף די שויבן — יעדער פרעמדער נאָמען—
אַ מענטשן וואָס איך האָב אַמאָל געקענט.

שוין אַלט געוואָרן, זילבער־גרויע שלייפן,
געדענקען שוין ניט קיינזאַך פון אַמאָל,
איך וועל אַריין אין איינער עפּעס קויפן
זיך איינקוקן זיך איינהערן אין קול.

פאַררויכערן, און דאַנקען און ארויסגיין
און היימלאַכער וועט מיר אַנטקעגנגיין
די שפּעט־בייטאָגעדיקע זון, דער דרויסן,
דער זומער וואָס ווערט אומעטיק און קליין.

פּאָעטן

סאיז היימלאַך אויף דער וועלט מיט לידער,
ווי אומעטיק און טרויעריק עס זאָל נישט זיין.
און ווי דער אָוונט זאָל ניט ליגן גרוי און נידער
און רילקעס וואָרט אַ פולער טרויב מיט ווייַן.

כבין אין שטוב פון דער ליטעראַטור געקומען
גאנצפרי, און זיך פאַרזעסן דאָרטן שפּעט.
וואו קאָן מען טרעפן נאָך אַזעלכע אמת־פרומע,
פרום געשפּעט און זינדיק שטום געבעט.

איך האָב אייך ליב, פּאָעטן, וואוילע יונגען,
גרויסהאַלטער, באַשיידענע און הפקר־שלעק —
דער גוי וואָס האָט אין קלויסטערגלאָק געקלונגען,
איז אונזעריקער — טרייבט אים נישט אַוועק.

דער בעטלער אויפן מאַרק און זיין נדבה
די לירע רימפּלט שטומפּיק דאַנק און לויב,
ער איז אַן אַלטער, מידער בלינדער נביא —
אַ הויקער־בוים פון מאַרק און שטיין און שטויב.

דאָס זינגט דער מאַרק אַרויס פון זיינע סטרונעס
און אַלע אָרימע געוועלבלאַך הערן זיך איין,
און וואַרפן קליינע גראָשנדלאַך רחמנות —
אַ מאַרק האָט ליב אַז סזאָלן בעטלער זיין.

אַ מאַרק האָט ליב זיך וואַרפן מיט אַ גראָשן
און זען ווי סשטרעקט זיך די פאַרשעמטע האַנט
אין אויג אין טויטער פינסטערניש פאַרלאָשן,
אַריינוואַרפן זיין חוזק און זיין שאַנד.

סאיז אומהיימלאַך, אוי אומהיימלאַך דאָ, ברידער,
ווי טומלדיק דער רעש זאָל דאָ ניט זיין,
נאָר היימלאַכער ווערט פאַרט מיט לידער
מיט נייע לידער, ווי מיט אַלטן וויין.

א קלאַנג

— וואָס פאַר אַ קליידער טראָגט דער טויט?
— ווייסע און אַמאָל — שוואַרצע.
— וואו לעבט דער טויט? וואו וואוינט דער טויט?
— ביי איטלעכן אין האַרצן.

— און — זיינען מיר יתומים דאַ,
יתומים אָן אַ פאָטער?
— מיר זיינען קיין יתומים ניט,
דער טויט איז אונזער פאָטער.

מיר פאַלען מידע אויפן וועג
פאַרלאָשענע און גרויע.
ער קומט און הויבט אונז אויף פון וועג,
און ברענגט אונז אין זיין גאָרטן.

און גאָלד פון הערבסט איז אונזער שיין
און לעשט זיך אין פאַרנאַכטן.
ווי טריבע קינדער זיינען זיי,
די הערבסטיקע פאַרנאַכטן.

סקלאַפט אומרואיק און קראַנק אַזוי
דאָס האַרץ פון אַלע וועלטן.
און סבויגן זיך אין טרויער איין
די קינדערלאַך — די גראָזן.

דער שענסטער טאָג אָבער קומט אָן
און הערבסט און נישט אין זומער.
די אויגן פול מיט מילדער טרייסט
אַריבער וועלט און בוימער.

אונזערע אינגלאַך

זינגענדיקע שורות,
גאָלד־געדרוקנטע סידורימלאַך
אין די ווייסע הענט פון אינגלאַך.
אוי, געוועזן אַ דור פון אַלטע
און מיט זיי — אַ דור פון אינגלאַך,
שיינער דור פון פרומע אינגלאַך.
פייערבערג איז פון זיי איינער,
שלום עליכם אויכעט איינער
פון דער דאַזיקער וואַזשנער חברה.
זינגנדיקער דור פון אינגלאַך.

דאָס געזאַנג פאַר גאָט פון — אינגלאַך.
דאָס געבעט פאַר גאָט פון — אינגלאַך
הער דאָס קול פון אונזערע — אינגלאַך
אויפגייז, גאָט, זאָל אונזער ליבשאַפט
צו דיין ליכט דורך אונזערע — אינגלאַך.

און אַז מיר טראַכטן:
אויב מיר גייען נאָך אַצינד צום וועג פון מדבר.
אַז מיר טראַכטן:
אויב מיר שטייען נאָך אַצינד אין וועלט פון מדבר.
טוט אונז אַזאַ ליכט אין זינען:
אונזערע אינגלאַך.

אויף די וועגן פונם מאַרגן,
צו די וועגן פונם מאַרגן,
סנאָפּעס ליכט אויף זייערע אַקסלען —
אונזערע אינגלאַך.

אויפגיין זאָל צו דיינע הויכן
דאָס געזאַנג פון אונזערע אינגלאַך.

ליכטיק

דער שיינער טאָג וועט אָנקומען
און ברענגען גאָלד און זייד.
פונוואַנען קומסטו, שיינער טאָג ?
פון זייער זייער ווייט.

איך דאַרף קיין זייד ניט שיינער טאָג.
איך טראָג אַן אָרים קלייד,
און וועל די גרויע וואַך פון זיך
ערשט אויסטון פאַר מיין טויט.

איך גיי אַריין אין שטוב פאַרנאַכט
און זע — איבער מיין בעט
אַ פרישער ליילאַך אויסגעשפּרייט
און קלאָרוויים אויסגעגלעט.

און אויפן שטול דאָס ווייסע קלייד
כטרעט נאָנט צו דעם צו ?
— ווער האָט עס פאַר מיר אויפגענייט ?
די גוטע מאַמע : רו.

זי האָט דעם ליין געקליבן לאַנג
איבער דעם ברייטן פעלד
און אים געוועבט איבער דער לענג
פון איינגעשטילטער וועלט.

אַן איינציקער פייגל איינדערלופט
האָט דורכגעשניטן דעם רוים
די הימל־וועגן זיינען ווייט,
און ווייט דעם פויגלס היים.

דאָרטן שטייען שוואַרצע וועלדער וואַך,
דאָרט ליגט דער ים צושפּרייט.
ווער סאיז אַליין אין וועג ביינאַכט,
מיט דעם גייט מיט דער טויט.

דיין הויז

דיין הויז איז אַלט אַ גרויער אוהל
דריי שטיינעריקע טרעפּ אַראָפּ.
אַ נידעריקע טיר — ווער קומט דען
צו דיר מיט אַ פאַרהויבענעם קאָפּ.

אַזויפיל מידע און דערשלאָגענע
פון די וואָס האָבן זיך געשטעלט
אַנטקעגן שלעכטס וואָס וואַקסט ווי דאָרן
אויף אַלע וועגן פון דער וועלט.

זיי קומען ביי דיר בעטן שטאַרקונג
און אָפּרוען לעבן דיין וואַנט.
ווערסט אָפּטאָן יעדן שוואַרצן שאָטן
פון זייער קאָפּ און זייער האַנט.

און אָנגעטרונקען פון דיין גלויבן,
געשטאַרקטע און מיט נייעם מוט,
צוריקגיין מיט אַ גלייכן רוקן
אַנטקעגן רשע׳ס רויער רוט.

צום צענטן מאָל — שוין אַלטע גרויע,
אין צענטן איינגעבויגן, קליין,
און — קומען זאָלסט זיי ווידער שטאַרקן
און — קאָנען שוין צוריק ניט גיין.

זיי שפּאַרן אָן די קעפּ ווי קינדער
אָן וואַנט און דרימלען איין דערווייל — —
דער וועג איז אַזוי לאַנג געוועזן,
און ציט זיך ווייטער טויזנט מייל.

דו נעמסט זיי פּאַרן האַנט, זיי גייען
שוין שלאָפנדיקע מיט מיט דיר
און פירסט זיי נידעריק און טונקל
צו נאָך אַ טונקעלער טיר.

בעל שם רע

בעל־שם־רע איז געקומען צום בעל שם טוב:
רבי, כ׳האב קיין ארט ניט אויף דער וועלט.
און איז געבליבן זיצן ביים בעל שם טוב
אין די קארפאטן, אין זיין ליימיקן געצעלט.

בעל שם רע איז אן אומעטיקער שווייגער,
דער קאפ אראפ, אין ווינקל ביי דער וואנט.
און דער בעל שם טוב פירט אים פונם ווינקל
קינדעריש מיט א פאטערלאכער האנט.

בעל שם טוב ברעכט בעל שם רע׳ס שווערן שווייגן
ווי מיט א האק דאס דיקע אייז פון טייך.
און טרינקט דעם טונקלען צער פון זיינע אויגן,
בעל שם רע׳ס אויגן ווערן מילד און ווייך,

בעל שם רע׳ס ליפן עפענען זיך פאמעלאך,
בעל שם טוב׳ס אויער איז צועפנט ברייט.
א זומער איז אוועק מיט גרינע וועלדער
און ווינטער איבער ווינטער האט פארשנייט.

און טיפע נעכט, א פענסטערל, א לעמפל,
און הויכע בערג אונטער לבנה־ליכט.
בעל שם טוב האט אין סוד פון ריינע וועלטן
זיין חסיד דעם בעל שם רע אומגעפירט.

און איינמאל, גאנץ קאיאר, אין פריען אלול —
ראסע־פראסט אויף ציטערדיקן גראז.
אז איינגעהילטער אין א פעלץ א גרויען
בעל שם רע האט בעל שם טוב׳ס שוועל פארלאזט.

בעל שם טוב איז נאך לאנג ביים טיר געשטאנען
מיט פרומע בליקן אים ארויסבאלייט.
מיט פרומע פסוקים תהילים אויף די ליפן,
און פסוקים תהילים זיינען לויטער פרייד.

דעם בעל מוסרס וואָרט

כבין אויך געווען אַ תלמיד פון אַריסטאָטלס שמות,
מיין בחור, כהאָב דעם דאָשעק ניט אַרויפגעשאָרט.
גאָטס שיינקייט און גאָטס גוטסקייט טראָגן מאַמעדיקע בהמות
אין פולע זיסע אייטערס פונם פעלד, פאַרנאַכט.

נאָר מיר, מיר דאַרפן אָפּטער לייענען דאָס בוך פון רחמים
און איינבויגן דעם קאָפּ פאַר איטלאַך ליכטיק אות.
און לויבן, וואָס דאָ האָט פאַרבלאָנדזשעט אַ ר׳ נחמן,
און האָט געהערט דאָס פרומע בעטן פון אַ גראָז.

אונטער דער פאַרבקווייט גיפטיקט גרין אַ מיאוסער קרייטער,
סם און האָניק טריפן שטום אונטערן קליינעם בלאָט.
איך האָב מיט ביידע זיך געריייניקט און געלייטערט,
מיין בחור, כזע דיין פנים לייכט און דיינע באַקן זיינען זאַט.

און דיינע ליפּן רינען גאוה און די אויגן — חוזק,
דאָס שיינע איז אין דיין מיאוסער האַנט — קינזשאַל.
און שאַרסט זיך כיטרע און געהיט, עלאַסטיש־מויזיק,
צום שווער־פאַרהאַרוועטן האָבער פונם פערד אין שטאַל.

די ערלאַכע און גוטע האַנט איז מי און שווערע עול׳ן,
און גאַרט נאָך רו און נישט נאָך רום און לויבגעזאַנג.
איר פרייד ליגט אויסגעשפּרייט איבער די שטילע טאָלן, —
אַ גאָלדענער פולקערנדיקער זאַנג:

כהאָב אויך געזען דעם מידן רוקן פון שפּינאָזע׳ן
אין גאַנג איבער זיין הויכן שטערנווועג נאָר אין זיין ווערק
האָב איך געהערט דעמזעלבן מורמל פון די שטומע גראָזן
פונם בעל שם טוב אינדערפרי אין די קאַרפּאַטן־בערג.

איך האָב זיי ביידע אויפן זעלבן וויטן וועג געטראָפן
האָב אַן אַ זייט זיך אָפּגעקערעוועט, — זיי נאָכגעקוקט.
קיינמאָל איז די וועלט נאָך נישט געשטאַנען אַזוי הויך און אָפן
און — ברייט אויף אַלע האָריזאָנטן זיך צורוקט.

לויטערקייט

מסתמא דאַרף איך גיין דעם קאָפּ געבויגן
און שטילערן נאָך שטילער מיינע טריט
דעם טרויער וואָס איך טראָג אין מיינע אויגן,
דערטראָגן ביז צו טרייסטנדיק געמיט.

אין יענער שעה וועט גרינג און ליכטיק ווערן
אַ מיר אין גאַר דער וועלט — אין יענער שעה.
געבענטשטע ווערטער, דורכזיכטיק ווי טרערן,
אין איטלעכנס געמיט זיינען זיי דאָ.

ווי רופט מען יענע ווערטער? פּשוט: לידער,
זיי קומען ווי פון ווייט, פון ים און לאַנד,
און זיי דערקאָנען זיך צו דיר, ווי ברידער,
אין גרינגן וואָרימען אָנריר פון דער האַנט.

ווער האָט דאָ אַזוי גרינג מיין שוועל באַטרעטן
ווי איר, אין מיינע שווערע וויסטע טעג.
שיפן בלאָנדזשענדיק אין נאַכט אין שפּעטער,
דערזעען קליינע פייערלאַך פון ברעג.

וואונדערלאַך איז יעדער דינער סימן
פון שטיבלאַך פונדערווייטנס אין דער נאַכט.
און יעדער קליינער שטערן זינגט אַ הימן
איבער די היימען, קומען און באַרוטן דאָך.

די שיינע טעג

.1

די שיינע טעג וועלן זיך שטעלן
מיט הויכע הימלען אויסגעשפרייט
און זיין וועט עס דעם הערבסט מלוכה,
זיין רו, זיין טרויער און זיין פרייד.

צועפענען וועט ער אַלע וועגן
פון איינזאַמקייט איבער דער ערד.
דאָס זיינען אויכעט מיינע וועגן
מיין נאָענט־ווערן מיט דער ערד.

אין שווייגן קלאָרן זיך די לידער,
ווי קוואַלוואַסער דורך שטומען שטיין,
און קומען אויף ווי זון אויף גראָזן
אין שפּעטער טאָג־שעה פאַר פאַרגיין.

וואָס זיינען לידער? לידער זיינען
אָקטאָבער־גאָלד איבערן פעלד.
פאַרנאַכט וואַרט אויף פאַרהוילענע וועגן
צו זיין אַליין דאָרט מיט דער וועלט.

ער האָט איר עפּעס צו פאַרטרויען
און קיינער טאָר ניט וויסן וואָס,
גאָלדענער ווערן נאָך די בלעטער,
און אומעטיק נאָך דאָס גראָז.

נאָר מאָרגן קומען אָן די הימלען
נאָך טיפער, לויטערער ווי אַצינד.
און די פאַרנאַכטן זינגען שיינקייט
אויף דינסטע סטרונעס פונם ווינט.

.2

כלאַז דיר איבער מיין וועלט
ווי אַן אַלטן נעסט,
אויף זיין דאַך די ווייס
פון פרי־ווינטער און רו.
אַרום שלאָפט מיין דאָרף
יעדער שטוב אין איר רו,
יעדער בוים אין זיין רו,
יעדער גאָרטן ביים פלויט
אין זיין טויט,
אין זיין רו.

פּערזן

1.

כגיס אַן מיט גאָלדן ליכט
די טונקעלע סימבאָלן.
איך האָב מיין טאָג געפירט
איבער די שטילע טאָלן.

בין דיין שליח בלויז
דיין ליבשאַפט צו צוטראָגן
אין איטלאָך אַרעם הויז,
צו יעדן שטעל און וואָגן.

דעם עלנט פון זיין שטויב,
אַביסל אויפצוהויבן,
און לייטערן זיין לייב
און קלאָרקייט פון דיין גלויבן.

דיין גלויבן — אומעטום
אַ העלן בליק צו געבן.
און וואָס איז דען ניט פרום
אין דיין געשענקטן לעבן ?

סהאָט יעדער שעה געזאַנג
אין יעדער רגע — לידער
און אין דער פרייד — אַ קלאַנג
אַ טרויעריק וואָרט פון ווידוי.

.2

דעם אַנדענק פונם מיידעלע
דזשערי פרידמאַן

לעבן אַ בערגל וואַקסט אַ בוימל
אַזוי ווי דו, אַזוי דין און קליין.
דער פריער זומער קומט צום בוימל:
מיין בוימל שיין.

און ווייט אויף אים זיין זיסן אָטעם
און שפרייט אויף אים זיין גאָלדן ליכט,
און פון אַרום איבער די פעלדער
דאָס גראָזוואַרג קריכט.

און פון אַרום איבער די הויכן
אַ ווייסער וואָלקן קומט צוגיין,
און לאַכט מיט אַ שטיק בלויען הימל:
מיין בוימל שיין.

אַרום ליגן נאָך הויל די גערטנער —
טונקעלע פלויטלאָך, שוואַרץ און אַלט.
די ערד — ביז האַלב נאָך איינגענורעט
אונטערן ווינטער־שאָל.

.3

איך בין דער ארימאַן פון אַן אַלטמאַדיש אַרט,
אַ שליח פון דעם אַלטן ארימעליטנטום.
אַן אַלטער ניגון הערט נישט אויף זיך וויגן אין מיין וואָרט
און ווי אַן אַלט קליין שולעכל איז מיין לעבן פרום.

און סרייסט זיך נישט מיין אַקסל און מיין קאָפ ארויף
אריבער קיינעמס קליינקייט—מיר זיינען אַלע קליין.
און מיין געמיט איז טרויער אויף מיין אייגענעם גוף
און טרויער ווערט אין פרומקייט פון עניוות — שיין.

עס האָט דער אומעט מיך איבער זיין שטילן וועג געפירט
מיט זיינע פראָסטע רייד געטענהט און גערעדט
און זיינע ווערטער ווי פון טאָג דאָס כמורנע ליכט,
און פון אַ פרומען פראָסטן אידן סוואַכיקע געבעט.

כבין אין מיין ליבן שמאָלן גרעניץ־אָרט געבליבן שטיין
אַזוי איז מיר באַווייליגט און אַזוי — באַשערט
איך ווייס אַז קיינער קאָן סייווי אינערגעץ ניט דערגיין
דאַ אויף דער גרויער וואָגלענדיקער אַלטער ערד.

.4

פאַלסט צו צום וואָרט אַמאָל
ווי צו אַ קוואַל אַ קלאָרן,
וואָס ציט ביים ברעג פון טאָל
דורך דורות, ווייטע יאָרן.

דורך זיינע אָדערן פליסט
פריש־קוועלנדיקער אָטעם.
אויף אַלץ וואָס קוואָרט און וויסט —
דערפרישנדיקער שאָטן.

וואָס אַנגסט האָט אויסגעשעפּט,
און צער האָט אויסגעראָטן,
און צאָרן האָט צעקלאַפּט,
צובראָכן, צוטראָטן.

זיין מינדסטער שמייכל־שיין
איז ווי אַ וואַרימער רעגן;
אַ שטאַרקנדיקער ווייַן
פאַר אַ קליין גרעזל וועגן.

וואָס איז אַ ליד? אַ גראָז
אונטער אַ פלויט אָן אַלטן,
אַרום אַ חרוב׳ן שלאָס,
פאַרטרויט, באַהאַלטן.

5.

איטלאַכער גייט רוען
מיט זיין דור אינאיינעם,
איך וועל אויכעט רוען
מיט מיין דור אינאיינעם.

צומאַכן דאָס ספר,
שווייגן אין זיין שווייגן.
מידער צער גייט רוען
אין די טונקעלע אויגן.

ווערט א רגע ליכטיק
און דער בליק אַ ריינער.
פאַר די פענסטער — ווינטער,
קינדערשער און שיינער.

ליוטערקייט אויף בוימער,
אויף פארשנייטע צווייגן.
רוענדיק שיין שווייגן,
בענטשנדיק שיין שווייגן.

גרינגע ווייסע שטילקייט
וויגט זיך פאַר די שויבן:
כוועל דיין אומעט בענטשן,
כוועל דיין טרויער לויבן.

כוועל אַ הויז אַ הייליקס
פאר דיין עלנט בויען.
ווייסע ווענט און שוועלן,
קליינע פענסטער בלויע.

אינדערפרי און אוונט
וועסטו דואיק טרעטן,
אין דעם קליינעם ווינקל
שווייגן, שווייגן — בעטן.

כוועל דיין שווייגן הערן,
דיין געבעט פֿאַרנעמען,
און וועל לאָזן פֿאַלן
רו איוף דיינע ברעמען.

מיט דער זיסטער שטילקייט
דיינע ליפּן זאַלבן. —
אונטער די געזימסן
שטומע פֿרומע שוואַלבן.

.6

קלייב אַפּ דיינע שעה׳ן פאַר ווידוי,
גיי אַרויס מיט גרויס גוטסקייט צו מענטשן.
סקאַן איטלאַכער, איינמאָל אין שעה׳ן,
זיך דערהויבן צום ליכט פון בעל שם טוב:
ווער עס וויל זאָל אין מיין לעבן אַריינגיין.

פון פּשוטע זאַכן בליט וואונדער.
אַ קוק אין דער זון און — מאיז זוניק.
אַ קוק אויף אַ קינד און — מ׳איז ערלאַד.
אַ קוק אויף אַ בוים און — עס בליען
און עס זינגען דיר אייביקע וועלטן.

דאָס איז אַזאַ ליכטיקער ווידוי,
און מ׳ווייסט ניט און—ווער דאַרף דען וויסן
אַז הינטער דער טיר פון דייז קאַמער,
אין טונקעלן ענגלאַכן דורכגאַנג,
שטייט דער טויט —
איז אַן אַלטן אָפּגעריסענעם מאַנטל.
און אינמיטן דער לויטערער שטימונג
ווערסטו זיך אין שטילקייט אַרויסשאַרן,
פאַרמאַכן די טיר אַן אַ נאָכקלאַנג.

איד

מיין דור ווערט אַלט, עס זילבערן זיינע שלייפן
אין קלאָרן שניי זיין שיינע באָרד פאַרבליט.
כוועל גיין אויף אַלע נייע יונגע הויפן
און זינגען וועגן אים אַ ליכטיק טרויערליד.

כוויל זיין אַ שאָטן איבער זיינע וועגן
וואָס ליגן ליידיק, אומעטיק און מיד.
איבערן זאַמד דער קילער הויך פון רעגן,
דער בלייכער צייכן פון פאַרגאַנגענע טריט.

צוריקהאַלטן־זיך צום סאַמע ווייטן, אַלטן —
עס זאָל מיר נאָר ניט מינערן מיין מוט.
כהאָב אָנגעהויבן עפּעס ליכטיקס צו געשטאַלטן,
און סהאָט מיין מי מיר איינגערוימט: סאיז גוט.

מיין דור: אַ קאַריצער אַלטמאָדישער גלעזער
אַ געסל־מענטש, אַן אַלט־פאַרדריפּעטער איד.
איך זע אים הויך אַריבער די פאַרריסענע בעזער
פון גרויס ניו־יאָרקער מויערן־גראַניט.

טראָגט ברייטע בלעטער גלאָז אונטערן אָרעם
דאָס דימענטל אין אויבערקעשעניע — שטייט.
און אַלץ אין אים, אויף אים איז ערלאָך, אָרעם,
ווי ערלאָך סאיז דאָס פּנים פון דער נויט.

זיין פּנים: גאָרבן קאָרבן, קנייטשן, שניטן, —
ווי אַ צובראָכענע שויב פאַרקלעפּט, פאַרריכט.
און אויגן — אויגן פון אַ קאַרעצער אידן —
דורך אומעט־שאָטן — פרום פאַרגיביק ליכט.

ער שפּאַנט אַ הויכער, עפּעס הערט ער, זעט ער
אַריבער דער ניו־יאָרקער טעמפּער שטיינער־וואַנט
די וועלט האָט אויסגעשלאָגענע שויבן, פּעטער
ער קוקט זיך אום און שמייכלט און — ער שפּאַנט.

אין דער שעה

אין דער הייליקער שעה ווען דער נביא וועט קומען
וועט אנקומען פריער אַ רו און אַ שטילקייט,
די שעה פון פאַרענדערונג, די שעה פון צוזיכקומען
איבער דער ברייט פון דער וועלט.

וואָס איז געוואָרן פון צער וואָס מיר האָבן געטראָגן,
פון אומגליק וואָס האָט אונז געבויגן מיט פינסטערע אויגן
צום שטויב פון דער ערד? — פון טרויער נאָך טויטע
באַהאַלטן מיט זיך אין די שטיבער
לזכרון — צו געדענקען?

געוואָרן פון אַלץ איז באַרואיקונג, שטילקייט.
מיר גייען אַריבער דער שטילקייט ווי איבער אַ שנייפעלד,
מהערט קוים אַ שאָרך פון אונזערע קליידער און טריט.
ניט אין סאַמעט פון יומטוב נאָר אַזויווי מיר שטייען און גייען
פון אונזערע מאַרקן — פאַרמעליקט, פאַרשטויביקט.

צי ווייסט ניט דער נביא
אין אָרימע קלייטלאַך, אויף שטעלן אויף אַלטע
טוען מיר פאַרקויפן אָרימע איינגעלאַך קאָרענעם לעקאַך.
אַז אייביק האָט דער ווינטער
איבער אונזערע האַרביקע רוקנס געטריבן די ווינטן,
געשיט זיינע שנייען אויף אונזערע פאַרוויקלטע קעפּ.
מיר זיינען געזעסן אונטער יאָרן און יאָכן און זאָרגן
מיט ברויטן מיט אַלטע, מיט שנירעלאַך בייגל, ווינטריקע עפּל.
און אַז דער פאַרנאַכט, צייט פון מנחה, האָט געווייט און די מאַרקן
ווייס אין שנייען פאַרווייטע,
אויף די שטעלן — פאַרוויכערטע לאָמטערנס,
פאַרקאָפּטשעטע לאָמפּן אין קלייטל.
אין ווינקל, ביי אַ פּעסעלע הערינג מיט אַ בעזים אין האַנט
דאַוונט אַ אידעלע מנחה.
שאָקלט ער זיך אַזאַ איינער און קליינער:
אוי, אוי ולירושלים עירך, ולירושלים עירך.
און סוואָרימען די ווערטער מיט זון און מיט זומער
אַ ווערבע ביי וואַסערן פרומע
ביי בלויע וואַסערן פרומע.

קאָרעץ

איך האָב זיי אַלע אין מיין קליינשטאָט גוט געקענט;
די אַלטסטע שטוב, דעם שווער־יאָריקן בוים.
ביים קלויסטערגאָרטן מיט צונומענע הענט
אַפּאָסטאָל יוחנן: קומט, דאָ איז אייער היים.

דער ווינטער האָט זיך מיט זיין בערישן פּעלץ
צולייגט, צעוואָרפן אין זיין גרויס און ברייט.
די ווייסע לאַפּעס איבער יעדער דאַך און שוועל.
דער זונפאַרגאַנג נאָר וואַרפט זיין העליש רויט

מיט טרויער און מיט טיפער פאַרכטיקייט
איבער דער גרויסער ווייסער רו אין טאָל.
דאָ לעבט דאָס קליינע לעבן אונזערס, אונזער נויט,
אין שווערן רויען הויקערדיקן עול.

נאָר ווי אַ ווערימל אַ גרינס — דער ערשטער שפּיל
פון זומערווינט איבער דער נאָכגעלאָזטער קעלט.
די קליינע ביימלאַך, קינדעריש, ווייך און שטיל
אין דעם פאַרנאַכטיקן רחמנות פון דער וועלט.

די הימלען לעשן אויס די גאָלדענע ליכטיקייט,
און פרומער אומעט טרעט צו אַלע שוועלן צו
אַ קליינע היימוועלט, כקוק אַריבער צו דיין ווייט,
און שטרעק די הענט צו דיר נאָך היילונג און נאָך רו.

תשרי

עכאַס, ווידערקולן,
היים און וויטן,
און אַמאָלן.

אַ מידע איינציקע בין,
ברוינגאָלדיק,
זשומעט אַרום דער זון בייטאָג
אין שטילן גאָרטן.

לעצטע וואַרימקייט
איבער קוקורוזע־שטעקנס
שמעקט די האַרבע בשמים —
תשרי־זאַפּראַן.

תהילים־שטימונג
איבער הימל און דעכער.
אַ פענסטער ברומט אַ פּרשה חומש :
פערציק יאָר אין מדבר.

צאַנקענדיק מיד ליכט פון תשרי.
שטילע קוקורוזע־שטעקנס.
באַרג אַראָפּ — אַ טייך,
לאַמעדוואָוויקע וואַסער־פירערס,
קלאַפּן אין די אינדערפריאיקע טירן :
וואַסער. וואַסער.

סוף יומטובים,
פרומע טרויעריקייט לירישט
אויף די צושויבערטע קעפּ פון סוכות.

מאָנטרעאָל

אויפן וועג צו מיין דאָרף,
אויפן וועג צו מיין טאָל,
האָב איך זיך אָפּגעשטעלט
אין מאָנט־רעאָל —
אַ קרעטשמע אַזאַ
אין קאַטוילישן סטיל.
אין דער וואַד — טויבער רעש,
און אין זונטיק — טויב־שטיל.
אויפן קופּאָל פון דאַך
די בריטאַנישע פאָן.
און פון הינטערן וואַנט
קרייט אַ דאָרפישער האָן.
אינדערפרי און פאַרנאַכט
קלינגט דער קופּערטער גלאָק
פאַרן אויפגיין פון טאָג,
און אַוועקגיין פון טאָג.
כהאָב דאָ פאַרגעסן
פון מיין דאָרף שוין כמעט.
נאָר ווען סווייזט אויפן בוים זיך
דער גאָלדענער בלאַט
דערמאָן זיך ערשט
אַז איך בין אויפן וועג,
און כהאָב זיך געשטעלט דאָ
אויף עטלאַכע טעג.
נאָר סהאָבן די טעג זיך
צעצווייגט און צעשפּרייט,
ווי דער בוים דאָ אין הויף —
אינדערהויך, אינדערברייט.
איז ליב מיר זיין שאָטן
זיין טונקעלער גרין.
און די זון דורך זיין נעץ
גאָלדיק זילבעריק דין.

וואָס הערט זיך עפּעס?

דער פויגל און דער מענטש, אַ שטוב, אַ נעסט,
דער עול איבערן פליגל, אויפן אַקסל־דריקט,
ניט שיק קיין שלעכטע בשורהכ און קיין טונקעלע געסט
ווי דו האָסט איבער איוב׳ן אין די ווייטע טעג געשיקט.

פון דור צו דור גייט איבער שוועל און טיש און בעט.
איך קאָן זיי קוים, איך האָב זיי אַזוי נאָענט נישט געזען —
די גייציקע און רויע לייט וואָס ווייסן נישט קיין זעט
און זויפן מיאוסע איבערזיסע גליקלאַכקייט פאַר צען.

די וואָס איך קאָן פאַרדינען זייער ערלאַך ברויט
מיט ריינע הענט און קומען איינגעבויגן פאַרנאַכט.
די אַלטע גאַס אין ריחות פון געקעכצן פלייש און קרויט,
פון אַלע פענסטער וועגט און טירן — שפּאַרט.

איך וועל קיין לויב נישט זינגען צו דער מידער האַנט
ווייל וואָס איז לויב? חניפה פאַר דעם נאַר,
און פאַרביק זאַמד וואָס שיט זיך פונם מויל פון שאַנד
ער אַליין גיט דיר קיין גרינעם גראַשן ניט דערפאַר.

און ווען ער פרעסט זיך איבער מיט זיין רויטן פעטס
און סרינט דער ברוד און שווייס פון זיין צוקאַרבטן קאַרק,
פאַרטראַכט ער זיך פון איינקויפן אַ שיינעם געץ
פאַר זיין הנאה וועגן אינם קינסטלערישן מאַרק —

די אייניקלאַך פון אַנדזשעלאָ, דאַווינטשי און רעמבראַנדט,—
די שלעפּער מיט די קודלעס און די בלאַסע נעז.
וועט נאַר אַ דרימל טאָן און וועט דערנאָך אַרויסגייין זען
וואָס הערט זיך עפּעס אינם שמוציקן געסל פון טאַלאַנט.

אומרו

סווייזט דער שכן מיר זיין ביקס:
פאַר דער אומרו־שעה פאַרגרייט.
סבלאַנדזשען דאָ דורך נאַכטס און טאָג,
מורא, שוואַרצע וויסטע רייד.

און דער ישוב אונזערער — אַלט,
מענטש אין שטוב, ווי קאַץ און ציג,—
איין גרוי־אומעטיק געשטאַלט,
עלנט ווי אין הערבסט אַ פליג.

זע די פענסטערלאַך אין ווענט,
און די שול, — געבויגן גראָ.
עפּעס אומגעזעענע הענט
לאָזן איר נישט פאַלן דאָ.

זאָגט דער שכן מיר אַמאָל:
תמיד דאַכט זיך מיר איך הער
פון דער הויך און פון דער נאָענט
האַרטע שווערע טריט אַהער...

מיטן מאַרגן־רויט אין שויב
טוט אַ קלאַפּ אין טיר די שרעק.
כלויף צום פענסטער צו — די וועלט
רויטלט זיך ביים מערב־ברעג.

און די שטומקייט פון דער גאַס
מיטן פּנים צו דער ערד
ליגט באַנומען און זי האָרכט,
ליגט אין שטומקייט און זי הערט.

פערזן

א.

וואו איך וועל פאַלן,
אויף וויסט, אויף פליין,
אויף זאַמדיקן מדבר
אויף פעלזיקן שטיין, —

וועט אויסגעשטרעקט ליגן
דיין האַנט ווייך און גוט
און היטן פון וואונדן
און וויטיק מיין בלוט.

אַלץ וואָס ביז איצט
צווישן אונז איז געשען —
מיר האָבן זיך ביידע
שוין מוחל געווען.

ב.

שטייט אזוי אין מיין ליד געשריבן:
איך, אַן אָרימאַן פון הי,
בין שוין אַלט און מיד — נאָר עפּעס
אַרום מיר גאָר אַזוי פרי.

בלויט דאָ אזאַ לויטערער דרויסן
גאַסן, קינדער, ניי און פריי.
כ׳האָב דאָ אויך אַ וואָרט געוואָרפן
האָט עס אָפּגעקלונגען ניי.

האָב געזען און — קלאָר געוואָרן
איז די טיפסטע שיינקייט מיר:
טאָג פאַרגייט, אַ קליינער אינגל,
רוט זיך אָפּביים שוועל פון טיר.

האָב דערמאַנט זיך ווייטע זאַכן
און האָב זיך אַליין דערזען
אויפן שוועל — אַ אינגל, אינגל
זאָג, וואָס איז מיט דיר געשען?

גאָרנישט, גאָרנישט האָט געטראָפן,
כ׳זיץ ביים שוועל און רו זיך אָפּ,
און די שטילקייט צינדט איר זילבער
און איר פרידן אויף מיין קאָפּ.

ג.

אויך דאָס וואָרט ווערט אָרים,
מאָגער — הויט און ביין,
ווי די זון אויף קברים,
ווי דאָס גראָז ביים שטיין.

גאָר די שענסטע פאַרבן
גליִען אויף אין דיר.
ווען זיי דאַרפן שטאַרבן,—
בלויז אַ רגע פריִ׳ר.

די געבענטשטע רגע
צינדט זיך אָן און ברענט.
טרויערט איר געזעגענען
איבער דיינע ווענט.

אויף די דיינע בלעטער
ווייַן און גאָלד און גיפט
וואָס דער הערבסט דער שפּעטער
האָט אַריינגעטריפט.

ווינט און זינד און ווייטיק,
אין געמיט פון ליד —
ליגט דיין לעבן צייטיק
רויט דיין לעבן מיד.

ד.

פרומע רו פאַר אַלטע לייט,
יונגע — יונגער אומרו.
פאַר מיין שוועל דער אינדערפרי —
ניט קיין בראַנזענער אָדלער —

איז נישט גרייט מיך טראָגן הויך
אויף זיין שטאַלצען רוקן
אין דער אויפגעפראַלטער וועלט —
ימער, גריין און טייכן.

גערטנער שפּילן טונקל־גרין,
סאַמעט־זאַטער שאָטן.
פּירות פול מיט רייפן ווייַן,
שוימענדיקע סעדער. —

אַט־די רווישנדיקע ערד
דימענט׳ ניט מיין דמיון,
איינמאָל, לאַנג צוריק, אַמאָל
דורכגעלאָפן איר גרעניץ

און מיין ליד — אַ מידער קלאַנג
פון איר גאָלדן זשומען.
נו, אין מיינע טעג וועט שוין
מסתם משיח ניט קומען.

ה.

נאָר מיין אָרים לעבן
דאָ אַריבערטראָגן
צו דעם שטילסטן ברעג
אויף זיין מידן שאָטן.

די ניט־קלוגע טענה׳ן
דיכטערישע פּסוקים
ווען דער זון־ראָד זעצט זיך,
און די ביימער שאָטענען.

כ׳גרייט אַז רו, געדולד
אויף די נעכט די גרויסע
מיט די שאַרפע שטערן
מיט די ווייסע דרויסנס.

ו.

כבין אַהערגעקומען
ווי אַ בוים — זיך אויסצוצווייגן
פאַר דער זון.

גרין און שיין זיך אויסצובלעטערן,
און מיין וויין אין שלאַנקע באַרן־קריגלאַך
אָפּגעבן דער ערד.

און דערנאָך —
אין שאַרפן אָטעם פון אָקטאָבער־הימלען
אָנצינדן זיך בלוטיק, וואונדיק
ברענען ליכטיק, פיבעריק
אין מיינע פאַרבן
קעגן טויט
— ווי אַ מנורה
ערב יומטוב
פון מיין שטאַרבן.

ז.

דערמאָנונגען
פון שטויביקן זיך וואַלגערן
אין אומרו, שפּלות, שרעק,
ניט דערזוכטער קערן ברויט:
געבעטן צו זיך אַליין:

קער זיך אום צוריק.
פּרואוו אפשר נאָך זיין אַביסל פרום.
אַביסל קינד.

דאָס אַלטע איז געוואָרן מיד,
האָט זיך באַלד שוין אָפּגערוט.

פון אונטער שטויב
גרינט אויף אַ גראָז,
אַ קראַנקער שמייכל פרייד. —

אַ צוגעוואָרפן ברעקל זון
אונטער די קאַלטע טריט פון טויט.

טרייסט צו זיך אַליין:

זי, מיטן בלויען קלייד
קומט נאָכאַמאָל צוגיין
פון איר ווייטער גאָס
רעדט קינדערישן חן:

נאָ זע,
כ׳האָב אויך שוין גרויע האָר.

ס׳איז שיין, ס׳איז שיין,
צו ווערן דאָ מיט דיר אינאיינעם אַלט.
ס׳איז גוט, ס׳איז גוט
צו זיין מיט דיר דאָ אויף דערזעלבער וועלט.

ח.

— ווי אַלט איז דיין טרויער, וועלט?
— ווי די ערד,
די שווערד,
דאָס ברוינע קערדל ברויט,
דאָס שוואַרצע פינטעלע שרויט.

לאַנגע וואַגנס לאַנגווייל און יאָד,
קריכן איבער דער שטויביקער וואָד.

רויען אָפּ אַ טאָג,
זינגען אַ געזאַנג.

און אונזער ציידעלע
אויפן באַנק ביים הויז
רוט אָפּ.
זיין קנאָכעדיק לעבן
שטעכט ביינעריק דורך דער הויט אַרויס,
זיין גוף, ווי דער גוף פון זיין טאָג —
שוין ניט גרויס.
לעבן זיינע פיס
זיצט דער הונט: בן טויט.
וואַרט.

און דאָ ניט ווייט
ליגט די גאַס: בת נויט.
איר נעכטיק קינד פון שפּיל
אין גאָלדענעם זאַמד,
היינט — אין יאַך פאַרשפּאַנט.

און די האַנט מיט דער גאָלדענער בייטש
אויך איבערן שיינעם ווייב ביינאַכט,
וואָס ליגט באַוואָשן און באַשמעקט,
אויפגעדעקט פריש און זיס
אָנגעברייט אויפן בעט
ווי אויפן סעודה־טיש
אַז אויפגעשניטן ברויט —

עס.

ט.

פון גארן טאָן און טון
אַ פרידלאַך ליד בלייבט איבער —
פאַרנאַכט און גאָלדענע זון
אויף גאַסן און אויף שטיבער.

וואוהין קומט אָן דאָס ליד
און וואו וועט עס פאַרבלייבן? —
פאַרנאַכטיק גאָלד פאַרגליט
אין טרויער פון די שויבן.

ווי פייגל פליען אַוועק
אין ווייטע, ווייטע לענדער,
פליט אויך דאָס ליד אַוועק
אין לאַנד פון דער לעגענדע.

י.

אָן אַן איינציקן ניצחון?
נידעריק, פאַרשעמט
אויפן גרויסן וועג צוריק,

ניט אַלט, ניט יונג
שטום ווי שטיין.
שטייניק מיינע טריט.

אבער — דארטן, דארטן!
וואו כ׳האָב מיינע קאַרגע יאָר צושטויבט
האָב איך געשטרויכלט אָזאָ סך.
כאָטש אָפן און ווי אָן אויג וואַך
האָב איך מיין האַרץ געהאַלטן תמיד,
האָב געזייט — אומעט,
געשניטן — אומעט.
אָנגעהויפנט פולע שייערן
מיט טרויערן, טרויערן, טרויערן.
און ביי מיינע טויערן,
הויך, ברייט. —
דער שטאַרקער שומר —

דער טויט.

יא.

שטומגעדולד היילט ווייטיק.
רגע'ס פון ניצחון איבער זיך אליין —
גאר מיין לעצטע שיינקייט.

ס'פירן מיך צום אוונט,
רואיק פרומע שעה'ן.

ווי אויפן טויטנקישן
ליג איך אויף מיין געלעגער
ביים גרויען ברעג פון דער נאכט.

ווען ס'בלויען שוין די שויבן
פאלן מיינע ברעמען —

כ'לאז הינטער מיין רוקן אויפגיין
אפשר דעם שענסטן טאג.

ס'קאן דער טויט מיך אויפן אקסל נעמען
און ארויס פון טיר.

איבערן בית עולם
גרויט אן אלטער רעגן.
די קעפ פוןביימלאך
בייגן זיך אונטערן ווינט.

יב.

פאעט, לייטערער פונם גאלדענעם משל.
אנציינדער פון אלץ וואס האט זיך אויסגעלאשן
ווייל איז די וואס הערן ווי דו רעדסט,
וואוילער — די וואס זעען וואס דו זעסט.
און וואוילער נאך — די שלעפערס, בעטלערס־
פני,
וואס האבן דיך דערקענט —
דעם לעצטן הינטער זייער ריי.

יג.

וואָס דאָ אין לאַנד וועט נאָך געשען —
דערווייל ווערט זומער.
יונג־רעגנדלאָך.
עס שפּריצט און שפּראָצט.

ווער ס׳האָט אַ גראָז ביים טיר,
אַ צווייג ביים פענסטער,
דעם איז ער אַ קרוב,
יונגער זומער.

דאָס גרויסע איבערלעבן:
היינט!

אַזויפיל שוואַרצע וואָכן
דורכגעבראָכן,

און — מ׳ריכט זיך נאָך:
מאָרגן!

די פינסטערנישן צישן
אונטערן טראָט.

קלומקעס אַלטע פון אַ דור
און פון אַ גאָט.

וואָס דאָ אין לאַנד קאָן נאָך געשען,
דערווייל קומט זומער.
יונג־רעגנדלאָך
איבער די שטויביקע גאַסן,
איבער די דאַרע דעכער
פון אַן אַלטער וועלט.

יד.

די שעה'ן גייען אין אַ גרויער וועלט,
אייביק אַזוי.
וואָס קאָן מען טאָן.

און עס גייט דער שכן פון פעלד אַראָפּ
מיט זיין מידן פערד.

ווי אַ רויטע קו אין שטאַל,
די זון — גייט. אין איר רו אַריין.

אין מערב בליצט אַ שטערן אויף
שאַרף אין זיין עלנטן שיין.

צום הונדערט־טויזנטסטן מאָל
ליגט דאָ זונטיקדיקע שטומקייט צושפּרייט,
ווי דער שאָטן פון טויט.

אָרימקייט אין איר נאַרע וואָרט:
דער ערלאַכער גוטער טאָג
וועט עפענען מיט אַ גערעכטער האַנט
אַ ליכטיקע טיר אין איר וואַנט.

נאָר ווי פון גרויען אינדערפרי
גייט ניי די זון אַרויס,
גייט איר שיינע האָפנונג אויף —
פריילאַכע קינדער אין שטויביקן הויף.

אפשר איינער פון די,
אַ אינגל, שטיל און קליין
בלייבט אַמאָל שטיין פאַרטראַכט
ביי דער שטובוואַנט אַנגעשפּאַרט.

און ער איז ווידער —
(צו וויפילטן מאָל?)
דער אייגענער ווי אין גליל־טאָל:
דאָס פּנים — בלייך, דין און שיין,
די אויגן — אָפן — פאַרמאַכט —
הימל — צווישן טאָג און נאַכט.

טו.

ניט אַנזיכטיק, פֿאַרזען, פֿאַרהערט,
מיטן שטומען וואָרט פֿאַר זיך אַליין —
דער דינער שאַרפֿער ווײַ וואָס טײַלט דיך אָפּ.
און — ביזט שוין פֿון דער מחנה יונגעלײַט
וואָס רוען בײַ דעם שטויב פֿון שטוב.

אַ קלײַן לעמפּל אין אָוונט ברענט.
די ווענט — פֿאַרקרײַצטע הענט.

און דער פּעגאַז
שטייט לעבן פּלויט אויפֿן גאַס,
(אין שנײַ אין רעגנגוס).
שוין לאַנג אים ניט געשפּאַנט
איבער די ווײַטן פֿון וועלט און לאַנד.

טז.

און —
צום צדיקס ווײַסן גוטן שטיבעלע
זיך נישט דערפֿרעגט.

מיר אַלע דאָ — אַן זיידעס שוין,
אַן פֿרומע שכנים־פֿרײַנט.
קליין־משפּחה׳לאַך
פֿאַרוואָרפֿענע אין פֿרעמדע שטעט.

אויף אַ טאָוול פֿון אַ ירושה־בוך
דעם טאַטנס־האַנט
דאָרט ווי וועלקיק גראָז.

וואו זאָלן מיר זיך פֿאַרנעמען
אַז אויף אונזערע לעצטע טעג
זאָל פֿאַלן אַביסל היימלאַכע זון:
רו פֿון אַ ריינעם הימל
אויף אונזערע פֿאַרשאַטנטע שטערנס;
אַ שטראַל פֿון אַ קוהלת׳דיק וואָרט.

יז.

די פּחדים פֿאַרן מאָרגיקן טאָג,
און די ליידיקע וויסט פֿון דער מי,
איז מיר קלאָר געוואָרן איינמאָל
מיין טאַטנס שטאַרבן פרי.

אַ שטוב מיט אַ שטרויענעם דאַך,
דער פראָסט אין פרימאָרגן גליט.
אין שטוב אויף אַ בעטל ביים וואַנט
ליגט ער שטיל און רירט זיך ניט.

אַט־ערשט האָט די פריע זון
אויף די שויבן לויטער געבלענדעט,
אַז מ'איז מיד, ליגט די מידקייט ווי גאָלד
אויף די טרויעריקע דינע הענט.

אַז מ'איז קראַנק, ליגט דער אומעט שווער
אין אַלע ווינקעלאַך צושפּרייט
און ס'רויכערט די נשמה אין גוף,
צאַנקט ווי אַ טרוקענער קנויט.

און עס שטייען די פיר גרויע ווענט
פֿאַררוקט אונטערן שאָל פֿון פֿאַרנאַכט
און פֿאַרזיכטיק האָט אַ שטילע האַנט
אַלע טירן פֿאַררוקט און פֿאַרמאַכט.

יח.

כ'וואויין אין אַן אַלטער גאַס,
מידע, שטילע זקנים־שכנים דאָרט.
כ'האָב פרומען אַפשיי פֿאַר אַ געבויגענעם רוקן
און אַן אַלטמאָדישער באָרד
און ס'טוט מיר וויי פֿאַר אַ אידיש וואָרט וואָס ווערט פֿאַרעלנט
און פרעמדע ווערטער נעמען צו זייער ערלאָך אָרט.
כ'היט זיך אַז ניט צושטיין זאָל צו מיר דער זלינדער זשעסט
פֿון וואוילערישער כראָברער יונגערשאַפט.
ברודערליך זאָל קומען צו מיר מיין ליד.
זעטיק, גאַט, און טרינק אַן מיין פֿאַרשמאַכט געמיט
מיט פרישקייט פֿון דערמאָנונגען, ווי דעם פריען זומער מיט צוויט.
אַז אין טאָל פֿון נעכטן, וואו איך זאָל ניט גיין,

לעבט אַז אַלטבאַקאַנטער פון ווייטע טעג.
האָט מיך נישט איינמאָל אומגעקערט צוריק:
ביי אונז אין ווינטער, האָבן זיי גערעדט צו מיר.
איך האָב ליב אייער ווינטערדיק־פאַרשטילטע וועלט,
האָב איך זיי ברידערלאַך געענטפערט
אַריבערטרעטענדיק די שוועל פון זייער טיר.

יט.

דו האָסט מיך אַהערגעבראַכט
ניט פאַר קיין תענוגים,
כ׳האָב געזען די גאַס פון מאַכט,
און פון די איבערקלוגע

און — מקנא זיין? אויף וואָס?
הויבן זיך? צו וועמען?
גיסט דאָך מיר אַן אַנדער מאָס
פון דיין גוטס צו נעמען

כ.

ביי גרויע טישן זיינען מיר
אין אונזערע קליינע טעג געזעסן.
דאָס מזל האָט ביי אונזער טיר
אַן אַלטן וויסטן שטיין פאַרגעסן —

די שוועל צו אונזער נידעריק הויז. —
דריי ענגע אומעטיקע חדרים.
ווער סגייט פון אַזאַ טיר אַרויס
וועט אומעטום שוין בלייבן אָרים.

און וואויל איז מיר — עס האָט מיין האַנט
אין זאַמד קיין אוצרות ניט געגראָבן.
די רייכקייטן פון אָט־דעם לאַנד
זאָל נעמען דער וואָס דאַרף זיי האָבן.

און ווער עס ריכט זיך אַז אים וועט
דער מאָרגן ברענגען רום און כבוד.
מיין מאָרגן דאָ — אַן אַלטע בעט
אין טונקעלער עלנטקייט פאַרקאָוועט.

מיין רום ? — אַרום דער גאָרער וועלט —
אַ ווינט אויף זיבן וויסטע וועגן.
מיין ליד — איבער אַ שפּעטן פעלד
באַגעגענען זיך זון און רעגן.

די לופטן בלוי. סוף־זומער. קיל.
פון פעלד איז שוין אַראָפּ די תבואה.
בוימער, שטיבער שטייען שטיל
און דרימלענדיק און רוען, רוען.

און דאָ, אין דינער מאָרגנקעלט,
בלויער ליכטיקייט — אַ רעגן.
אַ דריבנער שפּריי איבער אַ האַלבן פעלד
און לויטער קוקט די זון אַנטקעגן.

דער חן פון שפּעט־אָקטאָבער טעג :
אָן תכלית, גלאַט־אַזוי דערפרייען
דעם טרויער אויף זיין מידן וועג
ווען אַלע שיינקייטן פאַרגייען.

מיין אינגעלעס פנים

מיין אינגעלעס פנים — נאך בלייך,
נאר איז שוין באלד באלד דערהאלט.
דורכן פענסטער די זון אינדערהויך
וואס טראגט זי? ניי־זומער און גאלד.

אט, ווי נאר עס ווארימט זיך אויס
דער דרויעסן — דריי זוניקע טעג,
פיר איך מיין אינגעלע ארויס
זעץ אויפן שוועל אים אוועק.

זעץ זיך אויך צו ביי זיין זייט,
אנטקעגן אונז ביידע — די זון.
איך גיב אים א פעניצל ברויט.
גיט ער א העלפט מיר דערפון.

גיב איך א העלפט אים צוריק,
שמייכלט ער זילבעריק־בלייך.
ס׳איז אזא קינדעריש גליק,
און אזא עלנטקייט אויך.

איידל און דין איז זיין ברעם —
מידיקע בענקשאפט נאך רו.
פאלט נאר א שאטן אויף דעם,
טונקלט עס, מאכט זיך עס צו.

נאר איצטער, אין זוניקע טעג,
אינגעלע איז שוין דערהאלט.
כ׳זעץ אויפן שוועל אים אוועק,
די שוועל איז אין ווארימען גאלד.

אין בוך פון שיינקייט

איך האָב אין בוך פון שיינקייט
אַז אות, אַ צייכן פון מיין נאָמען
אַריינגעשליפן ווי אין שטיין:
האָב אויף דער רויער גאַס געשלאָגן זיך
מיט הוילן פלייש און ביין
פאַר יעדער אָטעם לעבן,
אין זילזול און אין חוזק.
און ווען מיאוסע האַנט
איז אויף מיין אַקסל נישט געפאַלן,
אַז כ׳האָב געמוזט
מיט עפּעס כאַטש פאַר זיך אַליין
זיך אויסקויפן, פאַרענטפערן
דעם קיום פון אַ טאָג
פאַרן אָנקומען פון צווייטן.
און פון אַ שונא׳ס אָנפאַל,
און פונם גורלס משפט,
בין איך אַרונטערגעקומען אין יענע טיפן,
וואו לידער זיינען געזונקענע שיפן,
און דאָס געביין פון אומגעבוירענע דורות
האָט אויפן גרונט געדרימלט.
איך האָב געערדט צו דעם באַגלויבטן גייסט
פון אייפגעלייזטן לעבן — גלויביקע רייד,
איז אויפגעשטאַנען פון אונטער זיין טויט
דער נעכטן — יונג און גרויס.
איך בין אין אים אַריינגעקומען
ווי אין אַ פאָטערס הויז.

האָב אויסגעגלייכט מיין רוקן.
פון מיין פּנים איז די בושה אַפּגעפאַלן.
און כ׳בין געווען ווי אַן אָרומוואַגלער
פון שטויב און פרעמד צוטריקנט.
ווי אַ פאַרבּרענטער בּוים
פון שלאַק פון בּליץ געטראָפן,
און פּלוצלונג האָט אַ וואונדער געטראָפן,
און פון דער שוואַרצער דאַרער קאָרע
בּלעטלאַך ליכטיק-גרינע, קלאָרע,
צווייג נאָך צווייג זיינען געוואָרן ווייכער
ווי די געבענטשטע ווערבע בוימער
פאַרפלאַנצטע ביי די ברעגן טייכן.

אין איטלאַך הויז

אין איטלאַך הויז וואו דריי צי זיבן מענטשן לעבן,
שרייבט יעדער קליינע שעה פסוקים וועלטגעשיכטע.
אין ענגען אַלקער, וואו אַן איינזאַמער בחור ווינקלט
קומט זי אַן, דידאַזיקע מאַמע און זאָגט אים:
בחור, וואָסער שוואַרצער יאָר האָסטו זיך אַנגעקויפט
אַזאַ מין הויפּן ספרים שמות.
דיינע אויגן וועלן דיר פאַרשטויבן,
דיינע פינגער וועלן ווערן דאַרע צווייגן
דיין שטערן — אַ יריעה געלער פּאַרמעט.
דיין פענסטער אין וואַנט אַט דאָ,
וועט איינשרומפּן,
וואָס וועסטו זען פונדאַנען
און וואָס קאָנסטו דורך דיינע ווענט דערהערן?
ווייסטו דען ניט, אַז דער מינדסטער שבקלענסטער
דאַרף עפּעס דער וועלט אָוועקגעבן.
איינער גיט זיין שטאַרקן אָרעם,
איינער גיט זיין שטאָלצן אַקסל,
און אַ דריטער — זיין גאָלדן האַרץ.
אין דער מחנה פון נביאים רעדט מען תמיד,
ווי אַזוי צו אויסהיילן די וועלט פון אומעט.
קינדערש זיינען זיי די העלזעער פון אונזער געגנט,
ווי ניסים וואַלטן זיי באַגעגנט
יעדן טאָג ביים אויפמאַכן די אויגן.
און דער בחור הויבט אויף זיינע אויגן און ענטפערט:
בין אַן אַנטלאָפענער פון דער נביאים־מחנה.
דער הויפן ספרים־שמות — שפּענער פאַרן אויוון.
קאַלט איז מיר פון ווינטיקן טומל אויף די גאַסן
און די תורה־טרעגער, און די פּריידיקער —
ס׳שלאָגט אַזאַ טריפער ריח פון זייערע ווערטער.
ווי טונקעלע פליגל וויל איך מיינע ווענט צונויפנעמען
שטומען אונטער זיי פאַרגעסן.
אַמאָל נאָר, אַ מינוט, אַ מיש־טאַן אין די שימות—
זען — צי האָט זיך עפּעס אויף דער ערד געענדערט.
וואָס איז נאָך דערווייַלע וואָר,
און וואָס — שוין נאָכאַמאָל לעגענדע.

די ליבע

דער שענסטער טאג — הינטער וועלט און יארן — —
גאנץ פרי איז זומער אנגעקומען.
און אונזער קליינע שטילע שטאט
האט אנגעהויבן ווייס זיך צווייטן.
אזויפיל ברייטע גרויסע גערטנער און סעדער
און אלטע ביימער מיט יונגע פירות.
אזויפיל אלטע, אלטע הייזער,
און — זינגענדיקע קינדער טאנצן.
שיינע מאמעס לייענען ביכלאך
ביי די בייטאגיקע לויטערע פענסטער.
און די ליבע דא, איז אזא שיינע,
א גאלדענע פאווע מיט רייכע קאלירן,
די ליבע דא איז אזא גוטע
א טויב א שטילע,
מיט טרויער־קולות אין איר ברומען.
ווען וועסטו קומען, חלום מיינער?
מיין חלום, ווען טוסטו שוין קומען?
דער זומער איז שוין אנגעקומען,
דער ווייסער צוויט באשנייט די צווייגען
פון מערב פינקלען ליכטיקע לענדער
אין מערב ליגט א בלויער גרעניץ,
און די זון פארגייט אויף גאלדענע דעכער.

נייצייט

אויך אייך, איר נייע, בראַווע,
דעם טרויעריקנס פרייד און־ טרויער־רוף.
ער הערט אייער ווײ
אין ווייען פון דער אומרואיקער פאַן
פּאַרויס — אויף רוי־צעוואונדיקטע ערדן
אין דער זון פון בלוט.
זיין בענטשונג גייט אייך נאָך,
שלוחים אין גרויע בעטלערישע מאַנטלען.
ער וויקלט איבער זיך דעם שאָטן פון די טויטע
וואָס איר לאָזט נאָך זיך איבער.
ער ווערט דער אָנדענק־שטיין
אויף אייער הערלאַכן קרבן,
כאָטש איר טרייבט אָפּ פון זיך
זיין נאָכשלעפּנדיקן צער,
ווי דאָס וואָרט פון אַ לעצטן נאַר.
ווען אין אייערע אויפגעבויטע שטעט
וועלן זיך נייע גאַסן שניידן,
די זון פון שלום
וועט ווידער קומען רוען שיין
ביי אייערע שטיבערשוועלן,
און — ער וועט דאָ נאָך זיין אין אייער אָרט, —
וועט איר אים קיינער נישט דערקענען.
און אייער קליינוואַרג וועט פון אים חוזק מאַכן, —
וועט אים נאָך אַלץ זיין ליב
צו זיין דער טרויעריקער אָנדענק
פון די וואָס האָבן געטראָגן אויף די הויך־פּאַרגלויבטע אַקסל
די אומרואיקע פלאַמענדיקע פאַן
צום מאַרגנאויפבראָך פונם נייעם טאָג.

איך

דו האָסט זיי אַלעמען דאָ אַרום מיר
וועלט און ערד געעפנט,
ווי די טיר פון אַ היים.

דין און ליכטיק־גרין האָט זיך געוועבט
דער נייער זומער אויפן גראָז.

דער אינדערפרי האָט גערוט
אויף די ווייכע העלע הימלבערגן.

נאָר איך בין דאָ געקומען,
ווי פון אַ שמאָלן זייטיקן וועג,
קרענקלאַך אַ צוק־געטאָן
מיין שאַרפן שפּיציקן אַקסל,
און די גאַנצקייט פון דיין רו און גרין
האָט זיך איבערגעבראָכן.

קרום האָבן די פייגל גענומען פליען,
צווישן דעם זיידענעם צווית פון די צווייגן
האָט אַן אומהיימלאַכער ווינט געצויגן,
קליינע, טויבלאַכע וואָלקן זיינען אַנגעשוואָונען,
און כהאָב דעם אָטעם פון מיין וועלט פאַרנומען.

און פאַר די ברידער מיינע
בייטאָג אין זייער אַרבעטסגעצעלט,
בין איך אַ פאַרחלומ׳טער נאָר געשטאַנען.
אויף מיינע ברעמען — פאַרטומלטקייט,
די נאָענטקייט האָט מיך מיט פרעמד געשטיקט.
און פאַר זיי איז וועלט און האָריזאָנט געעפנט.
ווי די טיר פון אַ היים.

דין און גרין האָט זיך געוועבט
דער נייער זומער אויפן וועג.

און איבער מיר — דער אומעט פון אַן עלנט פעלד,
וואו גראָזן שטאַרבן אין אַ גאָלדענער קעלט.

איך רוף דיך

אַ דורשט און אַ הונגער באַפאַלט מיין געמיט נאָך דיין ליכט,
איך זוך דיך און רוף דיך מיט לידער.
ניט קרומוועג ניט גלייכוועג האָט וואו מיך דערפירט,
און איך און די טעג ווערן מידער.

אַזוי ווי דער זומער, פאַרן הערבסט פליט אַוועק,
און פאַרנעמט אַלע פייגל און לידער,
אַזוי האָסטו פאַרלאָזן אין שאָטן מיין ברעג,
און איך און די טעג ווערן מידער.

איך האָב ביי די קברים פון אַלטע געפרעגט
דורך טרויער, דורך ליבן און לידער,
אין הייליקע ספרים אין אַלטע געוועקט,
און איך און די טעג ווערן מידער.

איך ווייס דו ביזט דאָ און וועסט אייביק דאָ זיין,
אינם ווין און אין ליכט און אין לידער.
קוקסט דורך הימל און זון אין מיין פענסטער אַריין,
און איך און די טעג ווערן מידער.

און אַז דו האָסט טונקעלע בשורות פאַר מיר,
זאָגסטו זיי אָן מיר דורך לידער.
איך זאָג זיי דיר נאָך אויפן בלעטל פאַפיר,
און איך און די טעג ווערן מידער.

און אַז דו האָסט ליכטיקע בשורות פאַר מיר.
ברענגסטו זיי אויך מיר דורך לידער.
איך טרויער זיי נאָך אויפן בלעטל פאַפיר,
און איך און די טעג ווערן מידער.

סוועט דער הערבסט מיך באַפאַלן מיט נעגל און ציין
אינם לייב און געביין פון די לידער,
דו וועסט פון מיין טויט אויך אַרויסוואַקסן שיין
מיט גראָזן און שטילקייט פון לידער.

בלוטיקונג

ניט אַלע זיינע בלוטיקע אוצרות
באַהאַלט דער רשע אונטערן שלאָס.
דעם בלוטיקסטן פון זיינע אוצרות —
די גאווה — אויף זיין פאַרריסענער נאָז.

מיט וואָס טוט זיך אַ איש־מענטש גרויסן?
מיט זיבן שפּייכלערס גאָלדן ברויט.
און מיט אַ דערפל קנאַכיקע קנעכטלאַך
וואָס וועקט זיך אויף אין מאָרגן רויט.

און דורך די טירן פון די שטיבלאַך,
און דורך די שטאַלן — מענטש און פערד,
און זון און הימל, — אַלע גראַבן
דעם רשע אוצרות פון דער ערד.

פאַרנאַכט דער אוונטמאָל אין ווינקל,
דאָס קוואַרע ברויט, די מידע שעה,
דעם רשע — גאָר פון טאָג דער אוצר,
און דאָ די טונקעלע אוונט קראַ.

פון פנימער צו פנימער שאָטנט
דער אומעט מיט זיין שטומען וויי.
דער אומעט דאָ איז אַזאַ מלאך
מיט שווער־צובראָכענע פליגל צוויי.

ער וואָלט דעם באַלקן אויפגעבראָכן
און זיינע פליגלען אויפגעמאַכט,
און זיי פון מידן טיש אַ הויב־טאָן,
און צו גאָטס ריין געגנאָד געבראַכט.

נאָר דער מיט שווער צובראָכענע פליגלען
ביים טיש אין טונקל אָנגעלענט —
איז אויך אַ מידער מענטש פון דערפל
מיט אויסגעלאָשענע פיס און הענט.

דער נס

ווער פון אונז קאָן ווידער טרעפן
צו דער פרומער שוועל צו דיינער ?

כקוק דאָ אויף די גרויע שטיבער :
מידע וועלט, אַן אַלטער ישוב.

ווייטע און פאַרצייטיקע פרומקייט
אין די פענסטער, ביי די טירן.

נאָר די נאָגעניש פון צווייפל
האָט זיך אויך שוין לאַנג באַזעצט דאָ. —

ערגעץ הינטער אַט־די געסלאַך
וואוינט זי אין איר טונקל שט־בל.

כזע דאָ אויף די וועגן שפּאַנען
איינעם אין אַ לאַנגען ברייטן מלבוש

אין אַ שטאָלצן גאַנג אַ הויכן
מיט אַ גרויסער שיינער בשורה

אויסשפּרייטן די הענט און שפּרייטן
זון פון פרייד איבער די דעכער.

אַלע הויבן אויף די אויגן,
אַלע הויבן אויף די הערצער.

ווייסט מען דען ניט : ספּלעגן וואונדער
אויפגיין העל פון אַט די שטיבער

און געשפּרייט אַ ליכט אַן אַנדערס,
שטראַלן גאַלדנדיקע האָפנונג.

דאָ ערשט, נעכטן, האָבן אַלע
העלער צווישן זיך גערעדט נאָך

וועגן דעם וואָס איז פאַרגאַנגען,
וועגן דעם וואָס קומט, טוט קומען.

און געליבט דעם טונקעלן אוונט
אויף זיין שטראַל פון צוזאָג: מאָרגן.

יבוא בוקר, מאָרגן, מאָרגן,
שיינע וועלט וועט קומען מאָרגן.

אתא בוקר — איז געקומען
אַזאַ וואונדער־יונגער מאָרגן.

פון די בערג האָט עס געגנידערט,
און די געסלאַך דורכגעגאַנגען,

פון די חדרים אין דער שולגאַס
האָבן אים דערזען די אינגלאַך

און אַנטקעגן אים געשפּרונגען,
און געזונגען, און געזונגען.

האָט ער אויפן הויף געזעצט זיך
אויפן אַלטן שטיין ביים טויער

אַרום אים די חדר־אינגלאַך,
תמימותדיקע איינגעהערט זיך.

און ער האָט דערציילט זיי מעשׂות
און ער האָט געטיילט זיי וואונדער.

און ער האָט געטיילט זיי ליבשאַפט
ליבשאַפט — איטלאַכן באַזונדער.

נאָכדעם האָט ער שוין די קינדער
אָפּגעפירט אַהיים פון חדר.

און ער איז שוין דאָרט פאַרבליבן
אַלף ביתן מיט די קינדער

קליינע קינדער ווילן מעשׂות
מעשׂות זיינען אויכעט חכמה.

מעשות זיינען אויכעט תורה.
מעשות זיינען אויכעט וואונדער,

יעדער זאַך קאָן ווערן מעשה,
איז דען תורה נישט קיין מעשה,

וועגן בערג און וועגן טייכן.
שטיבלאַך הינטער בערג באַהאַלטן.

ווער־זשע וואוינט דאָרטן? אַ צדיק.
וואָס זשע איז אַזוינס אַ צדיק?

צדיק איז אַ איד אַ פּראָסטער
אָט, אַ פּראָסטער איד אַ פרומער.

פון די בערג אַהער געקומען
לעבן מיט אַ האַרץ אַ ליכטיקס.

און דערציילן זיי אין פּראָסטקייט
מעשות — מעשות זיינען תורה.

מעשות — קלאָרע פרישע טייכן
איבער בליענדיקע פעלדער,

מעשות — גרינע בוימערצווייגן
אָנגעלאָדענע מיט פּירות.

וואויל צו דעם וואָס קאָן דערוואַרטן
ראוי־ווערן זיי צו רייסן

און אויף זיי אַ ברכה מאַכן
און פון זייער ווייץ צו טרינקען.

אונזער געזינד

נאַר אומגליק שלעפּט אונז צונויף אינאיינעם
אונטער זיין בלוטנדיקער רוט
אין פענסטער פון דער גאַס, די שכנים,
קוקן און מורמלען שטום: ניט גוט.

פון דער און יענער גאַס — באַזונדער,
אַז אַנדערער פון אונז יאָגט אַן.
לויפט שטום צום פינסטערן בייזוואונדער,
קאָפּ אין אַקסל ארייגעטאָן...

בלייבט שטיין ביים טיר און טוט אַן עפן,
און שניידט זיך אין דער שטוב אריין.
און דאָרטן טוען מיר זיך אַלע טרעפן;
אונטער דער שטומעניש פון פּיין.

אויף דר'ערד אין שוואַרץ איבערצויגן
ליגט אונזער אייגענער געביין.
מיר טרעטן צו און קוקן, בויגן
זיך איבער אים פאַרשטומט און קליין.

און איינער בויגט זיך טיפער אַרונטער,
און מיט אַ ציטערדיקער האַנט
בייגט ער אַ ברעג אַ שוואַרצן אונטער
און קוקט אונטערן שוואַרץ געוואַנט.

און פון די אויגן זיינע פאַלן
איבערן אָפּגעדעקטן טייל
אַזעלכע גרויע שוואַרצע שטראַלן,
און איבער זיין קאָפּ — אַ שטיינערנע הייל.

מיין מלכות

.1

אויף זיבן ווינטער־דערפלאַך הערשט מיין נאָמען —
אַן אָרים אומעטיק קעניגרייך ?
אַ שמאָלער פּאַס פּאַרפראָרענער טייך,
דריי מיילן וואַלד מיט שווערע אַלטע שטאַמען.

אַ קלויסטערל מיט אַ צלם־קעפּל
און מיט אַ שווייגנדיקן גלאָק.
אַ בעטלער־דורכגייער אין אַ וואַרימען טאָג
רוט אַפּ ביים טיר אויפן שטיינערנעם טרעפּל.

אַ גרויע מיל אויפן בערגל שאַטנט
אַ ווינט טוט איר פליגל גרינג אַ ריר.
צוויי שטעגלאַך שמאָל און האַלב פאַרטראַטן
פירט פון דרום און מערב צו איר.

אַז אַלטער יומטוב קומט אַן פון די וועגן,
שלעפּט זיך שלעפעריש צו זיין שוועל.
זיין מלבוש — לאַנג, צונעצט פון רעגן,
אָפּגעקראָכן און הערבסטיק־געל.

בלינד אויף אַן אויג, טויב אויף אַן אויער,
קוים וואָס ער רעדט אַרויס אַ וואָרט.
אַזויפיל פאַרלאָרענער וויסטער טרויער
גרויט פון זיין שטומער קרומער באָרד.

וואָס ווילט איר, פעטער ? זיך עפּעס דערמאָנען,
ער קנייטשט דעם שטערן אַהער און אַהין.
וואָס טראַכט איר פעטער ? גאָלד און וויאָנען,
בלאַנקער קופּער און קראַנקער גרין.

אַ פאַרנאַכטיקער שניי נעמט פּאַמעלאַך פאַלן
געשאַטנט מיט גרויען בלויען ווינט.
און סקוקן אים נאָך טויט־קאַלטע שטאַלן
און שטיבער — קרום און לאָם און בלינד.

.2

א שטיינשניצער ווי דער מייסטער אַנדזשעלאָ
פאַרקלייבט זיך אין זיין שטאָל־אַטעליע הינטערן שטאָט,
צי הינטערן ברייטן רוקן פון אַ באַרג,
און האַמערט ביזן שפּעטן טאָג זיין בשורה־הימן, ווי אַ פרום געבעט
אַ פריידיקער ווי ישו פאַרלאָזט זיין דאָרף גאַנצפרי,
קומט אין די טומלדיקע שטאָטמערק אין דער זון פון מיטנטאָג,
און ווי אַ וועג־ברוקידער פאַריכט דעם צוקרימטן שליאַך,
פלאַסטערט ער אַ שטעג פון מענטש צו גאָט.
איך—וואָלט זיך נאָכגעשלעפּט נאָכן מוסרניק־פראָפעט,
און נאָך דער גרויסער שליחות פון זיין וואָרט,
און נאָכדעם זיך אַראָפּגעקערעוועט אין מיין אייגן אָרט,
לעבן באָד, אויף דער אַלטער ברייטער באַנק,
געפּלאָנט מיט די בטלנים אַ בראַנדיקן געדאַנק
אַנטקעגן די תקיפים פונם דאָרף.
ווי גוט מיר ווערט ווען כזע זיך אינם היימלאָכן קרייז
פון קליינשטעטלדיקע האַלב־משכּילים.
פרומלאָך נאָך און מיט הנאה, טריט ביי טריט,
גייען זיי פון איינגעשטעלטען שטייגער אָפּ.
קוקן זיך אַרום — צי גאָט שפּיאָנירט ניט־נאָך
זייערע גענג הינטערן שטאָט.
זיי זיינען נאָך אין גרויסן וויכוח מיט גאָט
אויפן וואונדערלאָכן שיידוועג פון אַ וועלט.
יוי שיין צו טראַכטן פון יענעם הינטערוועג,
וואו עס שטייען נאָך די קליינע שענקען
קנייפּעס, קרעטשמעס און פאָלקשטיבער
דורך וועמעס פענסטער בעטהאָווען האָט זיך צוגעהערט
צו דער פאַרנאַכטיקער הייליקייט,
וואָס גייט אַראָפּ פון הימל אויף דער ערד.

3.

צו א. מ. פ.

בקלאפ אין דער טיר פון דיין מייסטערהויז
און קיינער ענטפערט ניט.
פארגיב מיר — אפשר האב איך דיך
פון דיין גרויס שווייגן ארויסגערירט.
עס לאנגווײלט מיך אן דיר.
ווי פארנאכטיק ליכט,
האט מיר דיין ווארט געלויכטן אין דער גרויער שעה,
דו טרויריקער שפאצירער אויף די הינטערוועגלאך פון דער וועלט
וואו מיר האבן זיך צונויפגעטראפן ס׳ערשטע מאל.
כבין דיר מקנא דיין רו, דיין פעסטונג־וואנט:
אויף גארנישט ווארטן: דארן שטעכט פון אונזער לאנד.
איטלאכער פון אונז מיט שוויס זיין בייט פארזייט,
און אינדערפרי דערקענט די ביינעריקע טריט פון טויט
אין הויפל, גארטן און שטיקל פעלד.

איך גיי אפ שטום פון דיין אפגעאיינזאמט ארט,
כאפ נאך א בליק איבער דיין צוגעמאכטער טיר,
און — וויל וואס גיכער קומען אין מיינע שטילע ווענט
און פונדאסנײ ארײנקוקן אין דײנע ספרים
ווי אן אלטער איד.

ביזט פון די לעצטע נאך,
ביזט פון די לעצטע שוין.
וואס האט אין פרומען ליכט
זיין ווארט צו די באגלויבטע אויף דער וועלט געפירט.
אויף דיינע בלעטער ווארימט זון און הימל בלויט,
געשמאק דיין נוסח ווי ארים קימלברויט
וואס מהאט אין אונזערע היימען נישט געגעסן צו־זאט,
און האט אויף אונז אזא מין בענטשנדיקע השפעה געהאט.

ביי אונז

דער אומעט מיינער האט אפט גוטן חן
א שטוביקער און ביים שאטן פון וואנט.
א מענטש אן השגחס, וואו זאל ער גיין,
אז גאר די ערד איז א גרעניץ־לאנד ?

וואס האב איך דען אויף דער וועלט דערקענט
א כאפטע בעטלער און קבצנים־פני.
עס בעטלען אויגן און עס בעטן הענט,
און איטלאך בעטלען טוט בלוטיק וויי.

און איך האב מיין גאנצן לעבן פארשפילט
א קינדערשער נאר מיט א מידער האנט.
און נאך ביז איצט זיך ניט איינגעשטילט,
און נישט איינגעשטילט מיין טרויעריקע שאנד.

און כיאג מיינע טעג אין דער עלטער אראפ,
אזוי גיך, אזוי גיך און בין אזוי דערפרייט
ווען כזע אין שפיגל ווי עס זילבערט מיין קאפ,
ווי קינדער אין פענסטער, ווען ערשטער שניי שנייט.

און כדערמאן זיך פארנאכטן פון מיין קליינער שטאט ;
לויה׳ס ארימע, גרויע מענטשן, גרויע טריט.
ביי אונז האבן אלע געגלויבט אין גאט,
אפילו די וואס האבן געזאגט אז ניט.

און פון אונזער שטאט אז מען גייט אוועק,
גייט מיט אזא אומעט און טרייסט פארטרויט.
אפילו אויפן אייביקן טונקלען וועג
מיט די אלטע טרעפ צום בעט פון טויט . . .

מען גייט ווי צום זיידן אין אלטן הויז,
דער דאך איז געהויקערט און אפגעריבן די שוועל . . .
און היימלאך ווערט די אלול׳דיקע וועלט און גרויס,
ווען די בלעטער אויף די בוימער נעמען ווערן געל.

פון אַ בריוו צו אַ שילערין

בוי אין טאָל דיין שטיבל
און זיי דאָרט מיט דאָרפמענטשן נאָנט.
אַטעם פון דער ערד די פּראָסקייט,
און פון קינדער לערן זיך פרייד,
און רו — פונם טאָג וואָס פאַרגייט.

און וואַרט נאָך אַפּ מיטן בראַצלאַוועס מעשות.
ווייל אין דעם בראַצלאַוועס מעשיות
די געפאַנגענע שיינקייט טרויערט.
אויף אירע ליפּן אַ שטיין פון שווייגן,
און שווער איז איר קאָפּ געבויגן.

לייען דעם בעל שם טוב׳ס ווערטער,
פּראָסטע קלוגע משלים.
זיי שמעקן מיטן ריח פון גראָזן,
און מיט דער העלקייט פון בשורות.
ווען דער פריאיקער זומער־רעגן
קומט צוקלאַפּן פלוצלונג אין פענסטער
אַזוי ווי מיט פייגלשע פליגל.

און — וואַרט נאָך אַפּ אַביסל
מיטן וואונדער פון בראַצלאַוועס מעשיות.
דאָרט גראַבט אַ טונקעלע אומרו
און הערבסטיקע ביטערע פאַרבן
זינגען ניגונים פון ווידוי
און וויגן זיך איין אין דרימל
און וויגן זיך איין אין שטאַרבן.

יהואשעס פּרוי

פאַרן זומערדיקן ברייטן פענסטער
אין זיין גרויער אָרים־וואָרימער שטוב.
ער האָט מיר פאַרגעלייענט פון קליינע בלעטלאַך
בלעטלאַך, צווייגלאַך פון זיין אַלטן לידערבוים.
עס האָט אַ וויי־געטאָן אַמאָל מיט העלן־גרין, מיט ווינט,
מיט קילן וואַסערשטעם
און אויך מיט שפּורן פון טרוקענער פאַרב־ליטעראַטור
אַנגעטראָגן פון פרעמדע הויפן
אויף זיינע פלינקע גרינגע טריט.
זי, אַ דינע ווי אין מידער רו,
האָט נאָר געהערט, געהערט, אין אַ לויטערער דיסטאַנץ,
און דורך איר שווייגן איז עפּעס געוואָרן פול און גאַנץ
און פאַרענטפערט, גוט און וואויל.
האָט נאָר געהיט די גלעזער טיי ביי אונזערע הענט,
זיך אויפגעהויבן און — זיי ווידער פול געבראַכט.
די גלעזער האָבן מיט זייער גאָלד, ווי ליכט געברענט
ער האָט דאָס ביכל אויפן טיש אַוועקגעלייגט
און מיר דערלאַנגט אַן אַלטן גרויען פּאַליאַנט תנ״ך
פון זעכצענטן יאָרהונדערט, אויפגעמישט.
און פון דער אַלטקייט אויף די האַרטע דפּ׳ן,
האָט אַ לייכט־געטאָן אַ יונגער שיין איבער זיין ברעם,
די אויגן, די געלבלאַכע הויט האָט אָפּגעפרישט.
און זי, אויפן שטול לעבן וואַנט.
אויפן אָרים — די איידלסטע ערלאַכסטע האַנט,
אַ דינע און אַ קינדערשע
און ווי אַ ווייסער קנויט וואָס ברענט
אין אַ כלי וואו דער בוימל איז אויפן דעק,
און ווי אַ לעצט שטיל פּאַסיקל פאַרנאַכטיקער טאָג
ביי אַ מידן פענסטער־ברעג.

נאָך אַ רעגננאַכט

אַ דונער האָט אַ בוים צושמעטערט
אינמיטן נאַכט איבערן פעלד.
דערפרישט און העל־צעגראָזט, צובלעטערט,
האָט זיך דער אינדערפרי געשטעלט.

אין זיבן טיפע לויטערקייטן
האָבן די הימלען ניי צובלויט.
די ערד אין גאָר איר גרויס און ברייטקייט
האָט אָנגעטאָן אַ נייע הויט.

דאָס איז געווען ניט שפּעט אין זומער,
נאָך ווייט פון ערשטן רייפן ברוין.
ווען שטאַרקע יונגע רעגנס קומען
און שטראָמען ווי אַ ווייסער ווייַן

געדיכט איבער דער פולער תבואה
אַז שיכור בליט דער אינדערפרי
פון דער בייַנאַכטיקער הנאה,
און סשלאָגט אין נאָזלעכער פון קי

אַדורך די שפּאַלטן פון די שטאַלן
דער אַראָמאַט פון זיסן היי.
די זון — מיט רעגנבויגיקע שטראַלן,
מיט נייע רוחות אַלערליי.

באַפּאַלט די ערד פון אַלע זייטן,
און טרינקט און טריקנט פון איר לייב
די זאַפטן — גאָר די הויכע ווייטן —
איין גרויסע פינקלענדיקע שויב.

מיט שפּיזן בליציקע קרישטאָלן
פון אַלע האָריזאָנטן בלענדט.
אַ בלאַנק פון וואַסער אין די טאָלן
איבערן גאָלדענעם בראַנז פון הענט.

פ ע ר ז ן

א.

געבענטשט דיין וואָרט, דיין ליד,
און פראַסט ביי זיך און קליין —
אַ טיר אָן אַפּענע,
ווער סוויל, דער קומט צוגיין.

רוט אָפּ זיך פון זיין וועג,
לענט אונטער זיין געמיט.
אַ פּראָסט געגרייטער טיש,
דיין שטיל און ערלאַך ליד.

אַ ברויט פון נעכטן נאַך,
און וואַסער פונם קראַן.
ווער קומט צום טיש פון ליד?
אַ שטילער אָרימאַן.

ווער מישט דאָס תהילים־בוך,
און זוכט אַ טרייסט אין דעם?
ווער וויל אַ משל הערן,—
אַ מעשה פון בעל שם?

אַן אָרימאַן וואָס שפּאַנט
מיט וועגן און מיט וועלט,
און וואו ער נעכטיקט — דאָרט
גאָטס הייליק שטיל געצעלט.

ביי וועלכן טיש ער עסט
און בענטשט מיט זאַטער פרייד,
בלייבט איבער ביי דעם ברעג
אַ פרומע פרידלאַכקייט.

ב.

וי א שליח פון דיין גענאַד
קומט אין אַ ישוב אַן ארימאַן,
פרום אויף יעדער ערד זיין טראַט,
און פרום אויף יעדער שוועל זיין שפּאַן.

ווען ניט, ווי וואָלט ער דען געקענט
די אויגן אויפהויבן אַמאָל
צו אַלע שווערע ענגע הענט,
צו אַלע הערצער, קליין און שמאָל.

דער קופּער־קנאָפּ איז אים געגוג,
דאָס פּיסטנע ברויט — ווי קעניג־טאָרט.
און גאָר די חכמה איז נישט קלוג,
ווי זיין באַשיידן פשוט וואָרט.

און אַז ער האָט די ווערט ביי גאָט
אַ בעלפער ווערן ערגעצוואו,
געבענטשט וועט ווערן יענע שטאָט,
מיט ריינער פרייד און שיינער רו.

און ווי אַן אויסגעוואָרימטער נעסט
אַזוי ווערט יענעם דור די וועלט.
לייען דאָס הייליקע בוך פון בעש״ט
דאָרט ווערט פון אַזאַ פרייד דערציילט.

ג.

איך האָב דאָ אויבעט מיין נחלה בית עולם
מיין פענסטער פאַרנאַכט — אַ יאַרצייטליכט קנויט.
דער עלנט וואוינט אויך דאָ — אַ הויקערדיק מענטשל
ברענגט סוף־טאָג אין זיין שטוב זיין פאַרהאַרעוועט ברויט.

וועמען האָט ער אין שטוב? ווינקלען טונקעלע זאַרגן.
אַ שטוב זאָגט דען עמיצן אויס איר סוד?
אין אַ שוואַרצן שאַל — אַ דין נידעריק ווייבל,
איילט אַרויס פון דער טיר אויפן מאַרקוועג פון שטאָט.

טאָג־טאָגוויַיז בלייבט שטיין דאָ די שטוב פאַרשלאָסן
פון שבת־גאַנצפרי ביז שפּעט־מאַנטיק אויפדערנאַכט.
און איינמאָל אין אַ וואָך, אין ווינטיקן שניי־גרוי
האָט דער אַלטער אַ אינגעלע ביים האַנט געבראַכט.

ביינאַכט, אַ גאַנצנאַכט האָט אין פענסטער געפלעמלט,
און שטענדיק גע׳תהילימ׳ט האָט אַן אומעטיק ליכט.
און אַ טרויעריקער קאָפּ האָט ביים טיש זיך געבויגן,
און אַ קינדערשן מלבוש פאַריכט.

ד.

אַרום אַ קליין־געבליבן איינציק הויז אין שטאָט, —
פרומער שאָטן און באַרוטער סוד.

די שמאָלע פענסטער, שימלגרין געפאַרבט.
תמיד דאַכט זיך אַז עמיצער שטאַרבט

דאָרט איינוויייניק אין אַ ווינקל הויז, —
נאָר פלוצלונג לויפט פון טיר אַרויס

אַ קינד אַ פלאַטערדיקס אין וויַיסן קלייד
אַנטקעגן דער גאַס מיט וועלט, מיט פרייד,

און — איבערן דאַך פון נידעריקן הויז
שיינט די זון אויף זיבן מאָל די גרויס.

ה.

זון טריפט אירע גאָלדענע טויען
מיר אין פנים — אַש און וויסט.
פנימער צוקאַרבטע גרויען
איבער רו, רואין און מיסט.

און פון טויזנט אַלטע שוועלן
ציט מיין עדה אָרימעלייט:
קלייטלאַך, איינגעבויגענע שטעלן,
קברים־נויט און אָרימברויט.

ערשטע זעאונגעז — מיינע אויגן
איבער זייער פרומער וועלט.
נידעריק דעם קאָפּ געבויגן
אין דער אַלטער וועלטס געצעלט —

אַ פאַרגעסענער סופר — זיץ איך
הינטער אַ שווערער גרויער וואַנט
און איבערן פאַרמעט קריץ איך
מיט אַ ציטערדיקער האַנט —

פנימער צוקאַרבטע גרויען
מיר אין פנים — אַש און וויסט.
זון טריפט אירע גאָלדענע טויען
איבער רו, רואין און מיסט.

ווען?

ווען הויבט זיך אַן גן עדן אין אַ שטוב?
אַ רעד ניט אינגל אַזוי הויך דערפון.
גן עדן הויבט זיך אַן פרי־פרי־פאַרנאַכט,
און שמעקט נאָך זיס און וואַרים אינדערפרי,
ווען עס שטייט די זון ביי די פיס פון נייעם בעט
אויף אירע נאַקעטע קני.

אינגל, אינגל עפּעס רעדסטו מיר
אַזעלכע רייד און דיינע ליפּן גלי׳ן.
אַ כלה איז אַ מיידל אין אַ ווייס לאַנג קלייד,
שעמעוודיקע אויגן, ציטערדיקע קניען
הינטערן זילבערן שאַרשנדיקן זייד,
אַ סאַרנע — אַנגעלאָפן פון ווייט.

און אַז די כלה גייט אַריין אין איר נייער נאַכט,
ווייס דאָס בעט, פריש און קיל דאָס קישן — —
אינגל, אינגל וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן.
ווייס דאָס בעט און טונקל די פאַרהאַנגען.
גוטער מיינער, ווי ביזטו אַריינגעגאַנגען
כהאָב דאָך נישט געזען אַפילו...

מאַך נישט טמא

מאַך נישט טמא זיין אַנדענק, פריינט
מיט שבחים און געגאָלדנטע רייד.
ער האָט קוים כח געהאַט זיך אַליין
פאַרזאָרגן מיט הונגעריק ברויט;

ווי דער עלנטסטער, און ווי אין זינד,
אין שאַנד — מיט זיין ערלאַכער מי,—
געקראָכן נאָך דעם אַלע טעג
מיט אונטערגעבויגענע קני.

אין זיין שטוב האָט אַן אומעט געגרויט
און אַרונטערגעשווערט פון די ווענט
איבער אים אויפן מידיקן בעט,
אויף זיין ווייב מיטן קינד אויף די הענט.

ער האָט געהאַפט: אַמאָל, אַ מינוט,
אינדערשטיל, ווי אין סוד פאַר דער וועלט,
פאַר זיין קינד אַ שטראָל ליכטיקע פרייד
גיין אויסבעטן וואו אין דער וועלט.

אַוועק וועט אַ יאָר און אַ יאָר,
און איינמאָל—האָט ער געחלומט דערפון, —
וועט ער קומען צוריק צו זיין שוועל,
פאַרנאַכט, ווען פאַרגיין וועט די זון.

ווער?

אַט דער אין קליטל דאָ? אַ דיכטער. זיינע לידער
האָט ער אַראָפּגעפּירט אין שמות־קעלער,
עס שלאָפט דאָרט אויך זיין זיידנס געלער סידור,
זיין טאַטנס וואַזשנער בריוונשטעלער.

און ער איז זיך אַזוי־אַ שטיל אַרונטער
פון דעם ניימאַדישן באַלעמער
דאָס געסל האָט גערוט אין פריען ווינטער,
געוואָרן דאָרט אַ קרעמערל אַ קרעמער.

ער זאָגט מיר: שעמען זיך? סאיז גוט צו פילן
אַזאַ מעמד — כבין צו דעם געלאָפן...
גוט צו אויפשטיין אין אַ טאָג אַ קילן,
ווען סגאַנצע קעצל־געסל טוט נאָך שלאָפן.

אַז ווער און וואו דאַרף דאָס געדענקען
דאָס לייבן־אָרט צעווישן די אדונים?
גאָט ווייס שוין וואו אַ קרוין אַוועקצושענקען,
גענוג פאַרשוינען וואָרטן דאָ אויף קרוינען.

אומקער

אין נעכטיקן טאָג אַ וועלט פאַרגעסן,
האָב איך אַהין זיך אומגעקערט.
עס האָט דער חורבן ווי סם צופרעסן
דאָס לייב און לעבן פון דער ערד.

געקומען, זיך פאַרזעצט אין חורבן,
אַז אַלט־געבויִגן ירושה־הויז,
און — אַלץ וואָס איז דאָרטן געשטאָרבן
וואַקסט ווידער אין מײַן לעבן אויס —

אַ בוים מיט אומעטיקע צווײַגן,
אַ טונקעלער שווערער בלעטערקאָפּ —
ווי איבער אַלטע מידע אויגן
די ברעמען פאַלן שווער אַראָפּ.

וואָס אין זײַן טונקעלער מחשבה
באַהאַלט זיך פונם טאָג און זון, —
דער גראָער נאָכט־נביא — די סאָווע
ווייס מנהסתם דעם סוד דערפון.

אומעטום

מיין ליבער
אלע געפאַרן, נסיונות קומט מען איבער.
דעם עול פון הוילן עלנט
איבערן דערנערנדיקן געווילד פון מענטשן
אויך.
און נאכדעם בינדט מען זיך צו
צום קלענסטן שטיקל זאַמדיקן ארט,
צום מינדסטן שימער פון אַ טרייסטנדיק ווארט,
דאָ, דאָרט,
וואס איז דער חילוק וואו ?
אין יעדן אַלטן ווינקל
איז די טונקלקייט רו.

טויט

דער שר פון טויט איז אויך אַ מלאך
זיין האַנט איז ווייס און שלעפערט איין.
עס איז ניט אמת, ער האט קיין שווערד ניט
און היימלאַך קומט ער אין טיר אריין.

עס ווייט פון אים דער דופט פון פרידן
דער גרינגער אָטעם פון טיפער רו.
צו וואָס די טונקעלע אומעט־קליידער ?
פאַרוואָס דעקסטו דעם שפיגל צו ?

קום זע, אויף זיינע קליינע בערגלאַך
גייט אַזאַ גרינגער גראָזגריז אויף,
און פון איין בוימל צו דעם צווייטן
אַ ציטער ווי פון גוף צו גוף.

נצחון

ביים ברעג פון גרויסן נצחון
דער זיגער רוט אפּ מיד.
לעבן אים — זיין קליינער שאָטן
און מערער קיינער ניט.

שפּיל אויף דאָס ליד פון לויבן
און וועק דעם זיגער אויף,
און רייס אים אויף פון מידקייט,
און הויב אים אויף פון שלאָף.

צעוויי די ברייטע פאָנען
איבער דער לופט מיט פרייד.
אַ זיגער, נעם די קרוינעז,
די גאָלדענע קראַנצן פרייד.

די רויטע פאָנען פלאַטערן,
די פּויקן פּויקן שטאַרק.
דער זיגער רוט אַ מידער
ביים גרינעם פוס פון באַרג.

צו מיינע קינדער

כוועל יעדן טאָג אייך ברענגען
ברויט און פּאַטערשאַפּט.
קומט אַלע לעבן מיר, אָט דאָ.
האַלט זיך אָן אָן מיינע הענט און פּיס.
כוועל היטן אייע וואַקסן
דער חן פון אייערע ווייסע אַקסל
וועט מיר לייכטן אין די אויגן.
וואונדער, קליינע וואונדער מיינע,
איטלאַכער מיט אַנדערע אויגן
אַנדערע שמייכלען,
אַזאַ מין פרייד צו זען אייך
ארום טיש זיך רינגלען.
צו טראָגן אייך,
אטלאַכן צו זיין געלעגער,
איבערדעקן איבערן שיינעם קאָפּ.
ארויסלויפן און ווידערקומען
און שפּעטער, שפּעטער אריינגיין:
דורך די פאַררוקטע פאַרהאַנגען לייכט דורך
אַ קליינער שימער פון דער לעצטער שעה פון טאָג,
און — איינקוקן זיך אין די ליבע קעפּ,
די דינע קאָלדרעס האַלב אַראָפּגעשאַרט,
נאָר דאָס סאַמע קלענסטע און דינסטע,
האָט זיך ווי אין אַ שאָל פאַרוויקלט
די שמאַלע פּלייצעס, ווי א ווייבעלע,
וואָס גייט אין מאַרק אינדערפרי,
און — אויפגעבויגן די דינע קני:
און — בלייך און דורכזיכטיק די ברעמען
אַרום די איינשלאָפענע אויגן.
כבין דריי מאָל שוין געווען ביים טיר
און ווידער זיך צוריקגעקערט צו איר.
און אזוי שטאַרק זיך איינגעקוקט:
די שמאַלע פּלייצעס איינגעוויקלט אין דער קאָלדרע,
דאָס בלייכע מויל, די דינע ליפּן צוגעמאַכט.
צוגעמאַכט.

צו מיין אינגל

איך בויג זיך איבערן קליינעם קאָפּ:
מיין דין בלייך אינגל, דו ביזט מאָרגן.
ביזט דער מאָרגן און דו דרימלסט.
ווי וועל איך דיך אָבער דאָ דורכפירן
דורך מיינע קרומע וועגן,
און דורך די הינטישע גאַסן.
די רשעים האָבן זיך געשטאַרקט
און זייער האַק בלאַנקט שאַרף און ניי
און מיר איז אזוי שווער זיך אָפּגעוואוינען
פון די שטילע פסוקים ליבשאַפט, שורהס גלויבן.

אויפן שוועל פון אַלטע ספרים
בין איך איבערגעלעגן אין מיין אַנגסט
און האָב זיך איינגעשטילט.
אויך איצט אַנטלויף איך אַהין.
כבין קראַנק און בעט נאָר היילונג
און צוליב דיר וויל איך נאָך אויסגלייכן
מיין איינגעבויגנקייט
דעם מידן גליווער פון מיין ברעם
ארויפהויבן, און זען דיך מיט דער וועלט.

איך האָב דיר, אין מיין גוטער שעה, צוגעזאָגט, —
כ׳פאַרגעס זיך אַזוי אָפּט
אַז איך פאַרמאָג דאָ גאָרנישט.
האָב אויסגעבעטלט מיין אָטעם לופט,
מיין לעבל לעבן, מיין נאַכטלעגער.
און אומגעריכט, און אומזיסט
האָב איך מיך אָנגעשלאָגן אָן דער שנאה.
זי האָט געהויבן רוי איבער מיין קאָפּ איר בייטש,
איר גיפטיק מויל,
אַנטקעגנגעוואָרפן אַלע דורכפאַלן פון מיין בלינדן גורל;
אַרויסגעטריבן פון דער וועלט.

אַז כבין צו זיך געקומען פון געפּאַלנקייט,
בין איך שוין דאָ געווען אַ פרעמדער.
חוץ מיט דער גרויער שעה פאַרנאַכט,
און מיט די שווייגנדיקע בוימער־ווענט פון גאַס,
מיט קיינעם זיך שוין נישט דערקענט.
און זייער שפּראַך און זייער מאַרק,
האָט זיך צונויפגעטומלט אין איין משונהדיק געשריי
און נאָך מיט ווייטיק אָנגעקלאַפּט זיך שווער
אַז שוועל פון מיין געהער.

אַרום זיך

מיין אייגן לייב און לעבן נישט צו פילן
און אָפלייקענען גאָר מיין טין און טון
אַבי די קליינע זאַלן זיך פריילאָך שפילן
מיט קאַץ און הונט, מיט רעגן און מיט זון

ווי בינען זיינען אַרום מיר אָנגעפלויגן
די לידער מיט זייער האָניק און זייער גיפט.
איך האָב זיי אָפגעטריבן — ווי אַ גאָלדענער בויגן,
געקרייזט אַרום מיר אין דער בלויער לופט.

וואָס איז מיין חוב דאָ? ליים און ציגל קנעטן,
און קומען מיד און איינגעשמירט אַהיים.
אַ פרומע רו איבער די שמאָלע קינדערבעטן,
דער שיין פון לאָמפ ביים טיש — אַ פייגנבוים.

אונטער זיין אָפרו — הענט און שמאָלע אַקסל
און נאָכגיביק דער קאָפ אונטערן עול.
און ווערן אַזוי צוגעוואַקסן, צוגעוואַקסן
ביים ראַנד פון טיש צום שלאָף פון שווערן שטאָל.

אינמיטן נאָכט זיך אויפכאַפן — די שויבן
מיט פינסטערניש, דער לאָמפ — אַ טונקל ליכט.
און נידעריק אזוי דער באַלקן אויבן
דער זייגער שקראַבעט ווי אַ מויז און קריכט,

כפאַרהויב דעם פאַרהאַנג — די צוויי קינדערבעטן,
די קליינע קעפ פאַרוואָרפן הער און הין.
און איך — איך קריך אַרום אין נאַכט אין שפעטער —
פון ווינקל אַן אַרויסגעקראָכענע שפין.

כשלעפ צו צום בעט זיך, לייג זיך שטום אַנידער
און טו נישט אויס אַפילו מיינע שיך
כבין קיינטמאָל נישט געוועזן אַזאַ מידער
ניט קיינמאָל אַזוי וואַד נאַד אַרום זיך . . .

צו...

דאָס מינדסטע — דער פאַרשימלטער גראָשן —
די רייכסטע בענטשונג אויף זיין קאָפּ,
ווען סוועדט דער גרויער קנויט פאַרלאָשן
און סטריקנט אויס דער נאָפּט אין טאָפּ,

און סקינד דאַרף נאָך צוויי שורות שרייבן
פאַרן שול — פאַר מאָרגנדיקן טאָג
און דו דאַרפסט נאָך צוזאַמענקלייבן
דריי אייגלאָך אינם קליינעם זאָק.

נו, לויף אַרויס מיטן אַלטן קריגל
צום אַלטנס קלייטל, שנעל און גיך.
און — שוין צוריק, ווי אויף ווייסע פליגל
און — ווייס און ליכטיק ווערט אין קיך.

און אויסגעשפּרייט אַ ווייסן ליילאָך
אויף מיידעלעס ווייס־קינדערש בעט.
דער אוונט שמייכלט פרידלאָך־פרייליאָך
פון איטלאָך ווינקל וואַנט און ברעט.

דו וועסט נישט קיינעמס ליכט פאַרלעשן
און וועסט דערהערן יעדנס לייד.
דיין ברכה אויפן אָרימסטן עסן,
ווי זון אויף ברייטע פעלדער ברויט.

דאָס מינדסטע, דער פאַרשימלטער גראָשן —
די רייכסטע בענטשונג אויף זיין קאָפּ,
ווען סוועדט דער גרויער קנויט פאַרלאָשן
און סטריקנט אויס דער נאָפּט אין טאָפּ.

דאָס ליד

וואו די שווערע שעה מאַכט מיד,
קומט דאָס ליד דערפרישן.
יעדער ריינע טאָט ווערט ליד,
לויב ביי סעודה־טישן.

שטיין און משא, וואָך און טעג
עול אויף עול געגאַרנט.
ביז מיר קומען צו דעם ברעג,
צו דעם ברעג דעם קלאָרן.

גאָט פון אַלע יאָכן נויט
און פון פרייד און טרויער,
היט אונזער פאַרהאַרעוועט ברויט
ביי דער טיר פון שייער.

און ער היט אונזער געביין
פון צוזאַמענפאַלן.
היט דעם גרויען אַלטן שטיין
אויף די קילע קוואַלן.

פאַסטוכער מיט מידע שאָף
היץ און דורשט פאַרטריקנט.
הויבט דעם שטיין פון ברונים אויף
אַז מיר זאָלן טרינקען.

איז דען נישט אין קלאָרן קוואַל
זיין געזאַנג געלייטערט.
דער פאַרנאַכט אין רויטן שטראַל
ווען דער טאָג דערווייטערט.

אונזערס

זיבן בענטשונגען און טויאיקע גענאָדן,
זיבן קללות, בלוט און נויט און שווערד
אויף אונזער אייביק־לעבעדיקן באָדן,
אויף אונזער יונגער זינגענדיקער ערד.

אויף היגטערוועגן אונזערער אַ הרוג,
און אונזערער אַ גזלן אין אַ וואַלד.
און אונזערער אַ צדיק — איינזאַמט, זאָרגט,
אין אַלטן שטיבל אויך אַליין אין וואַלד.

און אונזער שווייס אויף זאַמד און שטיינער־גרודעס,
און די פאַרשאָלטענע וויסטעניש גיט־נאָך.
און איינער קומט צו אונזער אָרימער סעודה
און קרוינט מיט שיינקייט אונזער אַלטע וואָך.

און ווי פון דרערד די בוימער און די זאַנגען
אַזוי פון אונזער טונקל שווער געמיט
מיט לויב און ליבשאַפט הערלאַך אויפגעגאַנגען
דאָס פרומע ליכט פון אונזער ליד.

און גרויס דער אָנדענק נאָך פון אַלט־געצעלטן
פראָסטע מעשה׳ס פונם וואונדערבוך: אַמאָל,
וואו קינ׳ס טרויער וואָגלט דורך די וועלטן
נאָך הבל׳ס בלוט דורך דאָרף און באַרג און טאָל.

ער שטעלט זיך ביי די דאָרפסשטיבער אַנידער
ווען קינדער כאַפּן אויף זיך אינדערפרי, —
אַ פרומער בעטלער, בייגט ער זיך אַנידער
אין שטומען בעטן אויף די קנאָכיקע קני.

און קוקט נאָך פונדערווייטנס — טשערעדעס גייען
די קליינע פאַסטוכער פאַרנאַכט פון פעלד אַהיים.
כדי די אינגלאַך זאָלן אים ניט דערזען,
פאַרשטעלט ער זיך הינטערן שטאַם פון אַ בוים.

פאַרגיב

שמאָל איז מיין סטעשקע — אַ ברעטל
פון לעבן צום גרוב פונם טויט.
אַ דאַנק דיר פאַר וואַסער פאַר קלאָרער,
אַ לויב דיר פאַר אָרימען ברויט.

הונגער־טעג — כהאָב זיי פאַרגעסן.
און טו דיר פאַרגעבן פאַר זיי.
און דו אויך — פאַרגיב מיר מיין טרויער,
מיין צער אין דער שעה פון מיין ווײ.

און אויב כהאָב געקלאַפּט אין דיין טויער
שוין שפּעט אין דער שלאָפלאָזער נאַכט,
און אויב כהאָב דיר קינדערשע טענות,
און קינדערשע טרערן געבראַכט;

און אויב כהאָב געפאָדערט געבעטן
אין ענגן, אין טונקעלן פאַרשטאַנד,
אַזויווי אַ בעטלער געשטרעקט דיר
אַ דאַרע, אַ פינסטערע האַנט —

פאַרגיב מיר די שטרויכלונגען אַלע
וואָס איך האָב געשטרויכלט אין גאַנג;
מיין וועג איז געווען אַזאַ טונקעלער,
מיין וועג איז געווען אַזוי לאַנג.

אַ טאָן

עס וואַקסן גראָזן און בוימער
פון רעגן זון און טוי...
פונוועלכן קוואַל האָט איינגל
געשעפּט זיין אויגנבלוי?

אַז איך האָב אויגן ברוינע
אַביסל גאָלד אין זיי
און דיינע אויגן — גרויע
אַ זילבערל אין זיי.

פונוועלכן קוואַל? — אַ דאגה,
פון הימל מנהסתּם.
אַז אַלע קוואַלן גייען
סייווי אַריין אין ים.

און וואָס זיי הערן, זעען,
אויף זייער ווייטן וועג.
זיי טראָגען עס מיט ליבשאַפט —
מתנות צו זיין ברעג.

זיי זינגען און זיי שפּילן
און בעטן אין זייער גאַנג.
אַ קלאַנג בלייבט דאָ און דאָרטן,
פון זייער שיינגעזאַנג.

אַז וואויל איז יענעם אויער
וואָס ער דערהערט זיי וואו
אַ לעצטער גאָלדענער זשומען
אויף גרויסע פעלדער רו.

אַזוי־אָ

זיי זאָגן מיר:
אַט־די אַ פּסוקים דיינע
איז ווי דאָס בית מדרשדיקע ווינקלען זיך,
ווען מאַרק און וואָגן רודערן גאַס און וועלט.

זייער זאָגן גייט מיר גרוי פאַרביי,
כּבֿלייב אין די אַלטע ווענט.
נו וואַרפן זיי מיר אויף: די תּושבֿים פון מיין קאַנט
בעטלען איינער ביי דעם צווייטן שטרוי און ברויט.
גיפטיקן די ציין און אויגן — כּעס און בלוט.
שעלטן, גנבֿענען, חרטה'עווען און ציטערעווען,
און שעמען זיך ביז טויט.

אַ וואַרפט עס מיר נישט אויף.
עס איז מיין שטאָט, מיין שטאַם,
און מיינע מענטשנלייט.
אַזעלכע מענטשנלייט,
שטייען איבערן גאַס פאַרוואונדערט
אויף זייערע טשערעדעס קינדער
ווי זיי שפּרינגען ווי די לעמער אום אין שטויב,
ביז דער פאַרנאַכט פליט איבער די דעכער אַז —
אַ טויב.

דאָס, געשריי ווערט שטיל
מילדקייט אין יעדער שויב.
די פּראַצע איז געקומען הונגעריק צום טיש.
די אַלטע פרומע קאַץ ביי אירע פיס
וואַרט גוט און וואויל און שיין
אויף איר פאַרנאַכטיקן ביין.

אין פאָלקסליד שטייט אַזוי

אין פאָלקס ליד שטייט אַז דער טויט טוט וויי,
אַז דער טויט האַלט אַ שווערד אין האַנט.
און דעם דיכטערס ליד זאָגט: טויט איז ליכטיקער שניי
אינדערפרי איבער וועלט און לאַנד.

איך וועל גייַן מיטן דיכטערס ליכטיק ליד,
ווייַל דעם דיכטערס טרויער איז שיין,
און וועל לינדערן און היילן דאָס שווערע געמיט
פונעם פאָלקסליד און זייַן ערלאַד געוויין.

דאָס פאָלקסליד וואוינט אין אַ קליינער שטאָט,
אין אַ שטוב מיט אַ שטרויענעם דאַך.
אייַן פענסטער קוקט שטיל אין אַן עפּל סאַד
און דאָס צווייטע — אויף ראַוונער שליאַך.

דאָס פאָלקסליד וואַרט אויף אַ גוטן בריוו
וואָס דאַרף קומען מעבר לים.
זיבן טעג און נעכט שווימט די שיינע שיף
אויף די ווייטע וועגן פון ים.

אויפן אַכטן טאָג וועט זי קומען צום ברעג,
זיך שטעלן ביים רואיקן פאָרט.
און דער בריוו וועט דערציילן פון גאָלדענע טעג
אַז עדות איטלאַד אות און וואָרט.

די בענקשאַפט זוכט איר גרינעם צווייג
און געפינט אים נישט, בלייבט זי שטיין
אויפן דינעם דרעטל פונעם גרינעם שטייג
און טראַכט אַז די וועלט איז קליין.

די וועלט איז קליין און האָט וועגטלאַך פיר,
און אַ שטעקעלע אויף דער וואַנט.
און פוניענערזייט וואַנט, און פוניענערזייט טיר
ליגט דער גרעניץ פון אַן אַנדער לאַנד.

גענאָד

אויף די קברים — בערגלאַך שנייען,
אויף די שנייען — רו און זון.
פרומער טאָג פון פריען ווינטער,
שטילע פרומע, גוטע זון.

האָב דאָ היינט אַ נאָנטן מיינעם
צו זיין אייביקייט באַלייט.
מיטגעשוויגן אין זיין שווייגן,
זיך געבויגן אין זיין טויט.

(אין זיין פריען יונגן שטאַרבן
תמיד מיטגעגאַנגען מיך.
ער אַפריער און איך — נאָך־אים,
מיינע טריט אין זיינע טריט).

נייע רו איבער די גאַסן
כאַטש אין טומל נאָך ווי פריער.
מענטשן, מענטשן ווייטע, פרעמדע,
נענטער, אייגענער צו מיר.

לאָמיר חבר־ווערן, מענטשן,
לאָמיר שלום־ווערן, גאַס.
סליגט אַזאַ מין זון אַ שטילע
אויף דער טרויעריקער גאַס

לאָמיר אנהאַלטן זיך מענטשן,
נאָנט, נאָנט, האַנט אין האַנט.
אַזאַ בלייכע שמאַלע סטעשקע
פירט אַראָפּ פון אונזער לאַנד.

אַזאַ רו פון לויטערער ליבשאַפט
איבער אַלע שטיבער שיינט,
לאָמיר חבר ווערן מענטשן,
לאָמיר שלום ווערן היינט.

אַלטבאַקאַנטע לייט דאָווענען

גאָט, איך בין אַ וואַכעדיקער מיטוואָך,
מאָנטאָגן קלאַפּ איך מיין האַמער
איבערן צוגליטן אייזן,
פרײַ־פרימאָרגן, שפּעט אין אָוונט,
און מיין פּלייצע פון מי געבויגן,
מיין האַנט מיט אַדערדיקע שטריק פאַרצויגן.
פרומע שטילע תמימות אין די פערדישע אויגן,
דאַנק און גוטסקייט,
בייגן זייערע קעפּ און שווייגן.
שווער מיין טראָט און מיד,
און צו דער שוועל פון שבת
קום איך ניט.

גאָט, איך בין אַן אָרימער מאָנטיק.
כ׳עפן אויף מיין דלותדיק שמאָל קלייטל,
איידער סכאָפּט זיך אויף דער האָן אַ קריי טאָן.
נעבאַכדיק דאָס קאָפּטשען פונם קראַנקן לעמפּל
אויף דער ווינקל־פּאָליצע פאַררויכערט.
פון אונטער אַ קעסטל שקראַבעט מיר אַ מייזל:
אַ־גוט־מאָרגן אייך, רב אָרים־מאָנטיק . . .
מייזל, מייזל, הונגעריק איז אונזער מזל
הינקענדיק איז אונזער מזל.
פּריצים אין די רחבותדיקע קאָליאַסן.
פערד אין זילבער—איבער די געפּלאַסטערטע גאַסן.
מייזל, מייזל ביי דעם נאָפּל פון אַ זעקל,
שוין דאָס לעצטע ביסל מעל מסתמא אויסגעזויגן
היינט ביינאַכט.
דאַנק דיר שיין פאַרן גוטמאָרגן,
אַ גוט מאָרגן, אַ גוט איבערמאָרגן,
שווער מיין קאָפּ און מיד,
און צו דער שוועל פון שבת
קום איך ניט.

גאָט, איך בין אַן אומעטיקער ערב שבת
האָב ניט קיין צובויגענעם גראָשן
אַ חלבן ליכטל קויפן.

און דאָס ווייסע מלבוש פֿון מיין טיש
שוין פֿעדימווייז צופֿאַלן.
ספּלעגט אַמאָל איבער מיין שוועל אַז אורח קומען,
קומט נישט קיינער מער איבער מיין שאָטן.
אַלע אָרימעלייט פֿון וועג אָראָפּגעבלאָנדזשעט ?
גזלנים אין אַ וואַלד באַגעגענט ?
קראַנקע, לאַנגע רעגנס ?
פֿינסטער־אָוונט פֿאַלט צו מיינע פֿענסטער צו.
אַ וואַלד פֿון חושך.
קאָנען זיי צו מיר ניט טרעפֿן,
זיץ איך בײַ מיין נאַקעטן טיש
פֿלעדערמויז צי קראָ,
קלאַפּט אויפֿן דאַך מיט אַ דאַרן פֿליגל.
כהער נישט קיינעמס טריט.
צו מיין שוועל קומט קיינער ניט.

אין אַ הינטערגאָס דאָ ערגעץ...

מיר האָבן דאָ אַן אַלט בית־עולמ׳ל
עלטער־פאַטערס אונזערע,
אידן פון אַן אַנדער נוסח
וויניק זייעריקע פאַנטערד־זיך שוין דאָ.
די פושקאַרטס אויסגעשפּאַנט אין אַ פאַררוקטן הויפל.
די שולכעלאַך פאַרהאַקט, פאַרשלאָגן,
קיין איינהאָרן קומט מער שוין ניט צוגיין אַהער
באַטרויערן דעם פאַרשטויבטן עלנט,
אין ווינקל פון דער הינטישער הינטערגאָס
וואו דער טאָג ליגט געל אונטער אַ מעשענער זון,
און בוימער, הויט און ביין,
בלעטערן־זיך ווי ניט איז
ווען דער זומער טוט דאָ אַ ריס,
אַ ביס אַ שטיקל ערד לעבן אַ וואַנט, —
אַ גראָז אין א זשמענע זאַמד.

אויף אונזער אַלט בית עולמ׳ל
קומען מיר אין אַ טאָג אַמאָל.
דער קברות־מאַן לויפט פון זיין נייער שטוב אַרויס
מיטן גרויסן תהילים אין די הענט,
האָט איטלאַכן פון אונז דערקענט...
און פירט אונז צו אַ גרוב.
שטעלט זיך לעבן שטיין און גרילצט, בעט.
זיין קול — ווי טריט אין טרוקענעם טשערעט.
און ווען מיר טרעטן אויף דער סטעשקע צוריק
קאַלט און גרוי אונזערע טריט.
און ביי דעם טויערל,
ווייזט אונז אונזער קברות־מאַן זיין מויערל
און פרייט זיך מיט די גרויסע פענסטער
אין אַלע ווענט צי פיר
און מיט דער ברייטער טיר
וואָס ער אַליין האָט גרין געפאַרבט.
און ביים געזעגענען זיך
באַדויערט ער מיט אַ מאָדנעם פיפס איבער דער פעטער ליפּ,
למאי דער עולם שטאַרבט.

מאָנטרעאָל

איך בין זיי דאָ געבליבן פרעמד
נאָר — כבין געבליבן אויף מיין אָרט,
ווי אויף מיין לייב דאָס נאַקעטע העמד,
ווי אין מיין ליד דאָס שטילסטע וואָרט.

וואו האָב איך דאָ געהאַט צו גיין,
און ווער האָט דען אויף מיר געוואַרט.
דער צייכן אויף מיין טיר — אַליין,
כאָטש סאיז מיין טיר נישט צוגעמאַכט.

איך וויקל אָפּט דעם צייכן אויף. —
אַ שטיקל פּאַרמעט — געל און מיד,
פיר שורהס קליינע, אַ שטילער סטראָף,
פון גאָר אַן אַלט אַלט וויגנליד.

כקוק דורכן פענסטער פון מיין וואַנט:
די דורכגייער — מיינע פריינט אַמאָל.
שוין אַלע סוחרים דאָ אין לאַנד
און אַלע — פירער שוין פון קהל.

דער האָט אַ רעכט אויפן יתומים־הויז
און דער אויף דער בית־עולם ערד.
און יענער קלייניקער — איז גרויס,
און האָט ביי לייט אַ הויכן ווערט.

און איך פאַרמאָג אַזאַ מין רייך
אַזאַ עשירות ווי די זון,
און אַזאַ פרייקייט ווי דער טייך,
ווער ווייס דען ניט אין שטאָט דערפון...

די סוחרים האָבן אַ וואָרט פון לויב
פאַר מיין באַשערט געגאַד פון גאָט,
און רימען שטאַרק דעם גאָלדענעם שטויב
פון דיכטערישן פערזן־טראָט.

ביים שטיין

אַרום קליינעם שטיין האָבן גראָזן צוגרינט,
גלעט די גראָזן דער ווינט ווי דעם קאָפּ פון אַ קינד.

דער ווינט איז פון זייד פונם פיינסטן געוועבט,
אַזוי דין, אַזוי גרינג, קוים־קוים ווי ער לעבט.

און דאָס קינד אין זיין אייביקן קינדערשן שלאָף
הויבט ניט קיין ברעם פון די אויגן אַרויף.

די קלייך־קליינע פיס און די דין־דינע הענט,
ליגן און רוען ביי די טויט־קאַלטע ווענט...

און די ליבשאַפט צום קינד בייגט זיך איבערן שטיין:
ביזט נאָך אַלץ אַזוי שיין, ביזט נאָך אַלץ אַזוי שיין,

און ליכטיק און ווייס איז דיין לייב און דיין העמד,
קרויזיק־שוואַרץ דיינע האָר, ווי איך האָב זיי פאַרקעמט.

וועסט זיך אויפכאַפּן און — דיינע אויגן העל בלוי,
נו, שלאָף, דו ביזט מיד, דו ביזט מיד נאָך אַזוי.

און איך וועל דאָ וואַרטן בייטאָג און ביינאַכט,
אַזוי ווי איך האָב ביז אַצינדערט געוואַרט.

אַוועקגיין און — קומען טעג און נעכט נאָכאַנאַנד:
דאָ מיין שטוב און מיין שטאָט און מיין וועלט און מיין לאַנד.

אינדערפרי פרעגט די זון און פאַרנאַכט — דער ווינט,
און איך ענטפער: איך גיי צו דער שוועל פון מיין קינד.

און זומער דאָס גראָז און אין ווינטער דער שניי,
און איך ענטפער: איך גיי וואו מיין לעבן טוט וויי.

כקום און לייג זיך אַוועק אויפן בערגל אַליין,
כהער: עס קלאַפּט אַזאַ קינדעריש האַרץ אינם שטיין.

און דאָס קינדערשע האַרץ קלאַפּט צו מיר, קלאַפּט צו מיר,
ווי אַ קליינינקע האַנט אין דער נאַכטיקער טיר.

און איך טו זיך אַ כאַפּ פונם קינדערשן שטיין;
אַט אַ קום איך און עפן און לאָז דיך אַריין.

איינער...

נאָך הויערט אַן אַלטער סוד
אין שטילקייט פון פאַרנאַכטן
גייט איבערן וועג אַליין
אַ בחור אַ פאַרטראַכטער.

אַ בחור — סגיט זיך אויס
פון אַלע מענטשן איינער
אפשר דער ערלאַכסטער?
אפשר דער ריינסטער?

איז פשוט, קליין ביי זיך,
ווי עפּעס נישט פונדאַנען:
גאָט שיקט דעם טוי צו בליאונג,
שיקט דעם טויט — צו וויאַנען.

די מילדע זון איז ליב,
און ליב דער ווילדער שטורם.
און קומען ליידן? נו,—
אַ קינד ליידט אויך יסורים

ער טראַכט: אַ שווערע שעה
האָט אויף דער וועלט געניידערט.
סאיז אונזער ישוב קליין,
האַלט זיך אינאיינעם, ברידער.

ביז סוועט די בייזע שעה
פון אונזער ברעג אַוועקגיין.
זי וועט אונז לייטערן
ווי שטאַרקער סיווד־רעגן.

און נאָכדעם עפענען זיך
אַזעלכע הימלען נייע
און אונזער ישוב, ברידער
אָטעמט העלער, בלויער.

ליכטיק

פון אונטער פאַרשטומטע פאַרגעסענע יאָרן,
קומסטו מיר נאָך אַן דײַן ליבן דערמאָנען:
געדענקסטו, דו ביזט נאָך מײַן וואָגן געפאָרן
דורך שטומע פאַרלאָשענע לאָנען.

נאָר דו און די מאַמע און ווײַטער ניט קיינער.
מיר האָבן ניט געהאַט אין די גאַסן דאָרט קיינעם.
נאָר וואַכיקע מידע פאַרנאַכטן — דײַן קומען,
און זונטיק בײַטאָג רוען, דרימלען די שכנים.

זיי זײַנען דאָרט אַלע פאַרמאַטערטע, מידע.
און דו אויך אַזעלכער און צו אַלע אַ פרעמדער.
זיי גייען פאַרנאַכט נאָר אַרויס — זייער זונטיק —
אַן איבערטון זיך אין געוואַשענע העמדער.

איך האָב דיך געזען אין דײַן יוגנט צובראָכן
און ווען איך האָב קראַנק זיך געלייגט שוין צו שטאַרבן,
דײַן מויל אויף מײַן קינדערשן קאָפּ און דײַן ווייטיק —
דער הערבסט אין זײַן בלוט — נאָך אין קראַנקערע פאַרבן.

און ווען איך בין איינגערוט ליכטיק געלעגן,
האָסטו זיך אַרום מיר געבויגן, געצויגן.
איך האָב אַזוי שטאַרק דיר געוואָלט דאַן דערפרייען,
און עפענען נאָך אויך אַ רגע די אויגן.

און זאָגן דיר: טאַטע, מײַן שלאָף איז מיר רויִק
און גוט איז מיר גוט, און עס ווערט מיר אַלץ גרינגער.
און נעמען דײַן האַנט און זי האַלטן און גלעטן,
און צוטראָגן שטום צו מײַן מויל דײַנע פינגער.

II

אין מיר

האָב זיבן מאָל זיך שוין געפּרוואווט
און אפשר איינמאָל אויסגעהאַלטן.
דאָס איינע מאָל האָט מיך געשטאַרקט
ווי טויזנט יאָר אַ דעמב אַן אַלטן
וואָס האָט געטרונקען ים׳ען זון
פון טיפסטע גרונטן זאַפט געזויגן
און איינגעזעצט זיך אין דער ערד,
די צווייגן — פּיילן פון זיין בויגן.
אַ שווערע שטומקייט אין מיין שטאַם
אַ שטייף־פאַרוויקלטע מגילה.
נאָר אַפט שטרעקט ער אַ דינע צווייג,
אַ האַנט מיט גרינע בלעטלאַך שטילע.—
אַ העל און ליכטיק ליד דער וועלט
לכבוד נייער זון און זומער.
פון יונגער פרייד אַרום מיר ווערט
מיין אַלטקייט פרידלאַכער און פרומער.
מיט טויזנט ווארצלען האַלט איך אָן
די ערד־ראָד ווי מיט שטאָלענע אָרעמס,
און סגייען שפּינוועבסטדיק פאַרביי
איבער מיין שטאַם די נייע שטורעמס.
זיי ציען דורך מיט זייער ליד
ווי פייגל אין די וואַנדער־וועגן,
און לאָזן איבער אויף מיין שטאַם
טראָפּנס קעלט, און טראָפּנס רעגן.
און אין מיר — בייגעקומענער וויי,
באַרוטע טרויערן און יסורים.
מיין שאָטן שפּרייט זיך אויפן שניי
ווי רו אויף איינגעשטילטן שטורם.
איבער מיין קאָפּ — די ווינטערזון
אין קלאָרן קאַלטן בלויען שפּיגל,
אַרום — די ערד — אַ ווייסע טויב,
שלאָפט צוגעדעקט מיט אירע פליגל.
איך טראָג די גרויסע רו אויף זיך
פון גאָר דער ברייטער וועלט אַרום מיר.
אין מיר — דער ווייסער ווינטער־בער,
אין מיר — דער גאָלדענער לייב פון זומער.

אַ ווייסע זאַך...

אויף אונזער שטומען לאַבן ברויט
די האַרבע זאַרג ווי טויטער פראָסט,
דער ווייסער היישעריק פון נויט
האָט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט

און אונזער גאַס ליגט איינגעדאַרט —
אַ הונט אַ גרויער — הויט און ביין.
די לבנה האָט אים אָפּגענאַרט
געשווימט איר זילבער אויף זיינע ציין.

און מיר, צען וואָוילע קלוגע לייט,
האָבן צען לאַנגע נעכט געטראַכט,
און האָבן פון זייער זייער ווייט
אַ האָפענונגל אַ קליינס געבראַכט —

אַ לעמעלע אַ ווייס ווי שניי
און סדרייט זיך צווישן אונז אַרום.
אין אונזער גרויסער זאַרג און וויי
געוואָרן שטילער, שטיל און פרום.

עס זעצט זיך אונטערן טיש אַוועק
און קלייבט די דאַרע ביינדלאַך אויף.
מיר היטן זיך עס זאָל קיין פלעק
ניט פאַלן אויף זיין קלאָרן גוף.

נאָר אָפּטמאָל בלייבט עס זיצן שטיל
אין ווינקל קליין און שטום אַזוי,
און סדאַכט זיך אַז זיין קלאָרער ווייס
ווערט טונקעלער, טונקעלער און גרוי.

פאַרנאַכט

מײַן טרויעריק ליד
קומט צופליִ'ן צו מײַן שטײַן:
דײַן שטוב איז פאַרמאַכט
און דײַן קינד איז אַלײן

אַפילו קײן פײגל
שטעלט זיך ניט אַוועק
אויפן אומעטיקן דאַך
אין די זומערדיקע טעג.

איך, ווי אַ קראַ,
האָב מײַן נעסט דאָרט געבויט.
אין די הערבסטיקע נעכט
שוואַרצע ווינטן און טויט.

איך זע איר אַמאָל
דורך אַ הינטערשטע גײן
אײנע אַלײן
אײנע אַלײן.

דער קאָפּ אין אַ שאַל
אין אַ גרויער פאַרהילט.
קלײן און פאַרשטילט,
קלײן און פאַרשטילט.

און אַמאָל, אויפן שוועל
אַז וואַנט אַנגעשפּאַרט —
מידע וועלט און פאַרנאַכט,
מידע וועלט און פאַרנאַכט.

וואו?

זילבערנע רו.
אויף מיינע ברעמען,
אויף מיין דיך
א ווייסער גארטל.
גיי איך, גאט
אין דיין אייביק־הויז.

כהאב מיין לעבן
אויסגעשליפן —
גאלד פון לידער.

כרעד צום טויט
מיט אט־דעם לשון,

הער מיך אויס:
כגיי דא אום
אן אייביק אינגל.

אלץ צו גרויס,
צו שווער,
צו ווייט
פאר מיר.

קלאר־געשליפענער
אקטאבער.

ווארפט די זון
קרישטאלענע שטראלען.

זאג איך:
וועלט, דו וועלט.
האסט מיך אפגעלאזט
א הירש אזא
איבער די פעלדער.

כשטרעק און רייס
מיין קאפ צום הימל
תם און תמימות:

האריזאנטן
אין גאלדענע רינגען.
זון און וואונדער.

און — וואָס טו איך דאָ ?

כוועל דאָ אומלויפן
אַ טאָג נאָך.
מזרח־וועג
און מערב־וועלטן.
וועט די זון
אַ לעצטן שיין טאָן
און — כוועל אַנטלויפן.

זוכט מיך נישט
איבער די בערגלאָך.

וועג אַראָפּ
אין טאָל דאָרט
שלאָפט אַ טייכל.

כבין עס גרינג
ווי אַ רינג
אַריבער.

בין אַוועק:
אין זון,
אין הימל,
אין ווייט,
אין ווייטן,
אַריבער אַלע
רינגען גרעניצן
פון די פיר
און פון די פינף
און פון די זיבן האָריזאָנטן.

כבין אַוועק
פון ברייט,
פון גרויס,
פון פעלד
און וועלטן
פון וועג
און טאָלן.

וואו ?
וואָ־־־אָ־־־אָ־־ו ?

אויך דאָס אינגעלע...

אויך דאָס אינגעלע דאָס וואוילע
איז אַ קליינער אָרימאַן
פרומע בעטנדיקע אויגן
אַ הכנעה׳דיקן גאַנג.

האַרטע וואַנט פון טאָג אין צווייטן —
ווי זשע וועסטו דורך דורך איר,
אינגעלע מיט גוטע אויגן
אינגעלע מיט פרומע טריט ?

איינבעטן זיך ביי אַ שטאַרקן
איינבויגען נאָך מער דעם קאָפּ ?
שטאַרקע האָבן ליב צו קוקן
אויף אַן איינגעבויגענעם קאָפּ.

צאָרן ברעכט זיך אויפן מילשטיין
אויפן גומען גרינער גיפט.
שפּעטער — אינגעלע אין קישן
איינגעגראָבן טיף דעם קאָפּ.

וויינט מיין אינגעלע זיין טענה,
טענהט אויס זיך און הערט־אויף.
דעקט אַרויף זיין טונקעלן שלייער
איבער אים דער גוטער שלאָף.

ווישט אים אויס די ריינע טרערן
בלייכע רו אויף זיין געזיכט.
מיט דער גרויסער וועלט אינאיינעם
שלאָפט ער אין דער גרויסער נאַכט.

צו דיר

די לעצטע האַפענונג — דיין גרעניץ,
דאָס פרידלאַכסטע געגאַד — ביזטו
אַז אומעטום איז וואָגל, אומרו,
איז אויף דיין שוועל די גוטע רו.

לאָז איבער איטלאַך ברעקל קערן
אין בלוט און אַנגסט דאָ אפגעשפאָרט,
און קום צו דיר אָ דל, אַן אביון,
און מיט דעם קלענסטען, פראָסטן וואָרט.

און אינם וואָרט — די אַלע ווייען
און די עינויים פון מיין וועלט.
אָט ביז איך בין אַהער דערגאַנגען
און סהאָט מיין טראָט זיך אפגעשטעלט.

איז פאַר מיין אומפאַל אויסגעוואַקסן
די טרעפ, די שוועלן פון דיין הויז,
און דו ביזט ווי אַן אַלטער פאָטער,
אָ פרידלאַכער צו מיר אַרויס.

און פון מיין אַקסל צראָפגענומען
די שווערע משא און דעם יאָד.
דו פירסט מיך אין דיינע חדרים,
דו פירסט מיך און איך גיי דיר נאָד.

דו האָסט דעם קאַמער צוגעקליבן,
און ווייס ווי שניי זיינען די ווענט.
ביים זייט פון טיר אַן עמער וואַסער
אַ האַנטוך, — וואַש איך זיך די הענט.

און וועל זיך צו דעם טישל זעצן,
אַ מעסער און אַ ווייסער ברויט
אַ שאָל קאַרטאָפל מיט דער שאָלאַכטס
אָ וואַרימלאַכער רויכל גייט.

און כבין אַליין — אין קוק אַרום זיך
די טיר איז צוגעמאַכט און שטום,
איך עס מיין לעצטן ווייסן מאָלצייט
און כלייג זיך רוען אין דיין שטוב.

דער אוצר פון ווייניק

— מיין ליכטיק, מיין גאָלדד־שיין אינגל,
ווי האָסטו דעם טרויער דערקענט ?
— אַריבער מיין פריאיקן דרימל
מיין מאַמעס פאַרלאָשענע הענט.
מיין מאַמעס פאַרלאָשענע אויגן
אַ פונק האָט אין זיי נאָך געטליט.
אַזויווי דער אָטעם פון טויטע,
די מידקייט פון אירע טריט.
און איך בין נאָך קליין און וואַקס קוים
אונטערן דאַך פון איר האַנט.
די נויט קנעט מיט סם איר לאָבן
איר סם און איר ברויט איז באַ׳טעמט.
ווי גראָזן אין הערבסטיקן גאָרטן
טרינקען ביטערן טוי פון דער נאַכט
האָסטו דורך די פענסטער, ווי שטערן
ווייַ און טרויער פון לידער געבראַכט.
דיין אָרימקייט איז אַ געבעטהויז
איין טרעפּ פירט אַרויף צו איר טיר.
און מיר איז שוין גרינגער געוואָרן
אין שאָטן ביים שוועל פון איר טיר.
דער אַנריר פון בעטלערישן אָרבל
דעם עלנטנס עלנטער בליק,
אויף מיין קאָפּ ווי אַ שטיין איז געפאַלן
דער קנופּ פונם זינדיקנס שטריק.
ווי אַ מאַמע טוט אַן אַ ווייס העמדל
איר קינד אויפן מאָגערן גוף,
האָסטו מיר אין קלייד פון לייטערונג
באַלויכטן נאָך אַנגסטיקער שטראָף.
די תּפילות וואָס איך האָב פאַרנומען
די ליוב וואָס מיין האַרץ האָט געהערט —
פאַרן הייליקן אוצר פון ווייניק
פאַר דער שיינקייט פון קאַרגן באַגער.
ניט רעכן מיר צו צו די קלוגע
זע ווי גרוי שוין מיין קאָפּ און מיין באָרד
איידער איך האָב זיך דערשלאָגן
צום האַרץ פונם אָרימסטן וואָרט.

זיין ליכט

ער האָט צווישן מויער און שטאָל און גראַניט
אַ נידעריק אָרים קליין שטיבל געבויט.
אַלטמאָדיש, לויט גאָר אַ פאַרצייטיקן שניט,
אַן סימנים פון געל, אַן אַ צייכן פון רויט.

וואָס העכער עס רייסט זיך דער אַקסל פון שטאָט,
אַלץ נידריקער בייגט זיך דאָס שטיבל אַראָפּ
אַ גרין ביסל גראָז רואיקט קליין ביי זיין טראָט,
דער קוימען — אַ ליימענער הוט אויף דיין קאָפּ.

די פאַרוועגנאָס: שטייף, אין צילינדערשע היט,
שפּעטן און שפּיצן די נעז פונדערזייט:
אַן אַריינדרינגער־שונא אויף זייער געביט
פון עפּעס אַ לאַנג שוין פאַרצייטיקער צייט...

זיי גרויסן זיך; האָבן ערשט נעכטן געוויס
די פאַרכעס פאַררוקט אונטער גלאַנציקן זייד,
אין הויזן געפּרעסטע — די פויערשע פיס,
דאָס מינדסטע מאַנירלאַכע ווערט ערשט צוקייט.

נאָך שטעכט זיי דער פּיען פונם האָרן אין קאָפּ,
דער דאָרן פון מום — אינם שפּיציקן אויג.
ווי איבערן ליפּ פון אַ פויערשן טאָפּ
זייער אומגעשיקט צירלאַך־מאַנירלאַכער נויג.

און ער — מיט אַ פרומער און גלויביקער האַנט
פאַרוואָרפן אַ קערן פון דאָרף אינם שטיין.
אַ טויאיקן טרונק דעם פאַרדורשטיקטן זאַמד,
דעם גליוועך פון גרוי — בלויען טייכיקן חן.

האָט איבערן שטיינגרוי זיין ליבשאַפט געוויט
מיט גאָלדענעם אָטעם פון זון און פון ערד,
ווען ס'ליגן שוין פעלדער געשניטענער ברויט
אויפן גרויסן און ליכטיקן טיש פון דער ערד.

בלינדע הינט

אין הינטערלאַנד פון טונקעלן נעכטן, גאָט,
מיט איטלאַכן וואָס האָט די וועלט שוין אָפּגעהאַט,
זיך אויפגעהויבן פון שטויב און ווינטער לייד,
געקראָכן מיט זיין מיזערנער קליינמענטשלאַכקייט
צום באַנק ביים וואַנט פון שטוב, ווי צו אַ פּלויט,
צו אָפּוואַרטן דעם טויט.

ווייל, וואָסער שרייענדיק און אויפגעשויבערט וואָרט
קאָן דאָ נאָך אָפּנאַרן: באַגייסטערונג אויף מאָרגן, גאָט?
אונזער אויג האָט נאָכגעגעבן דער בלינדער שעה.
ניטאָ מער פּאָר אָזעלכע מיני בעלי־שעפּענישן ווי מיר
קיין צאַצקעס גליק, קיין מאַרש פון קאַמף;
קיין גרויסער טאָג פון צוגעזאָגטן גליק
אויף אַ ברייטן זאַטן טיש.—

קינדער וואָס גייען אָפּ פון שווערן געשיכטע־בוד,
טרעטן מיר צוריק פון אַלטן ערדערנעם בלאָט
און וואָס מיר ווייסן, ווייזן איז אַבסטראַקט און הויל,
און וואָס מיר טראָגן אין געדעכעניש — אַ ביסטערער בליק
פון כעס פאַר אַן איבעריג שטיקל ברויט.
קליינקינדעריש דיר אויסגערעדט דיין זינד,
געקלאָגט זיך אויף פאַרשעמטקייט, הונגער, בייז,
און נאָכן נאַכטשלאָפן — פענסטער בלויע טרייסט,—
איז ווידער אונז ניט שלעכט אין דיין גענאָד.

און — אָט וואָלט איך געהאַט שוין איצט אַ שיווע באָרד,
מיט אַלטער מידקייט זיך פאַרווינקלט אין מיין שטוב,
געווען אַ פּראָסטער פרומער איד פון אַלטן דור,
אויסגעבייטשט און אויסגעקנייטשט פון לייד, —
שאַנדברויט, איינזאַמקייט ביז טויט,
ביטער מוחל־זיין אויף הינטיש בייז,
ליגן שווייגנדיק הינטער דער וועלט, ווי אונטער אַ בריק:
האָסט מיך געבראַכט אַהער אין אָט דעם קאַנט
פאַרוואָס? נו, אַלע פרעגענישן זיינען הונגעריקע הינט,
היימלאָזע בלינדע הינט.

מיר פאָרן

—וואוהין פאָרן מיר אַלעקסי ?

—איר ווילט דאָך זען די אַלטע דערפער.
מיר פאָרן באַלד דורך קופּיטעוו,
איר האָט דאָרט אַ פעטער ?

—איך האָב דאָרט געהאַט.
ווער ווייס וואו ער איז שוין.
ער פלעגט אַמאָל קומען פון דאָרטן
בלייבן אויף יומטוב אין קאָרעץ
ברענגען אַ וואָגנדל גענז
פאַר די אָרימע קרובים,
אַ זעקעלע זילבערן חנוכה־געלט
פאַר קליינגרויסוואַרג,
איינקויפן נייע מזוזות,
אַוועקגיין צום סופר „פאַרריכטן" די תפילין,
און—מיך האָט ער איינמאָל קיין קאַפּיטעוו גענומען—
אַ מלמד פאַר זיינע מיידן.
געווען דאַן פרי־ווינטער,
אַ דריב־דראָבנער שניי איז געגאַן נאָכן וואָגן
וואָרימלאַך, שטיל אויף דער וועלט פון די פעלדער.
דאָס קול פון דער הימלאָכער גרויקייט און שטילקייט
פאַרזשומעט נאָך איצטער נישט פון מיינע אויערן.
אַלעקסי, שוין אַ ווייטקייט, אַן אייביקייט יאָרן זינט דעמאָלט.
פאָר, פאָר, אַלעקסי,
ניין, מען דאַרף זיך ניט אָפּשטעלן.
פאָר נאָר דורך פונדערווייטן,
זאָל עס זיין ווי אַ חלום,
וועל וועלן פון פרייד עפּעס אויסשרייען
און קיין קולות ניט האָבן.
פונדערווייטנס נאָר קוקן :
אָט קומט אָן דער וואַלדוועג,
אָט פאָרן נאָך פורעלאַך האַלץ,
ווי אַמאָל אין סוף אלול.
אָט פליען אום מחנות שוואַרץ־נאַכט,
באַלאַגערן די צווייגן,
ריכטן אָפּ טויט־שוואַרץ שווייגן.

ווי איר זעט
האַט די גרויס פון ניו־יאָרק
מיד נאָד אַלץ נישט געוואוינען.
כ׳וואוין הינטער איר וואַנט
ווי אַן אייביקער פרעמדער.
טראַכט און וואַרט:
פונם נידריקן געגנט
וועט זיך אַ פורל באַווייזן,
און, איך קום אַז אַנטקעגן
אין אַ ראָק אַן אַלטן
אַריין אינם וואָגן.
מיר פאָרן.

קילער פרי־ווינטער.
סוועט נעמען באַלד שנייען

מיר פאָרן.

בעסער

און אַט איז מײַן ערד
נאָך קלענער געוואָרן.
שענער און בעסער
און קלענער געוואָרן.

איך ווייס מײַנע טעג,
און אַט זײַנען די יאָרן —
קלענער און שענער
און — בעסער געוואָרן.

אַ הויפן מיט אַש
פון מײַן כעס און צאָרן,
שטילער און קילער
און גרויער געוואָרן.

איך בין פון מײַן שוועל
ניט אײַנערגעץ פאַרפאָרן.
שטילער און מילדער
און ריינער געוואָרן.

און אָפט איז מײַן צער
נאָך אַ בראַנדיקער דאָרן,
נאָר איך בין מילדער
און שטילער געוואָרן.

האָב זיך נאָר געהאַט
און פון זיך נאָר פאַרלאָרן.
שענער און ריינער
און בעסער געוואָרן.

פאַרמשפּטער דור

פאַרשאָלטענער דור
אויפן בּאַראַט פון שווערד.
די דערפלאָד שטומען אומעטיק
אונטערן יונגן צוויט.
אינמיטן העלן זומער
קראַקען קראָען פון וואַלד.
אַלטע ווייבער
הויקערן איבערן מאַגערן שניט.
דער זאַנג איז בּלייך,
און דער קאַרטאָפעל קליין.
הונגעריקע פויגלען שפּרינגען אַן
מיט אַ וויסט געוויין
איבערן טרוקענעם שטרוי.
און ווען די רעגנס נעמען גיין איבערן הערבסט,
ווי אויף אַ הוילן שטיין,
דעכער רינען יאוש,
ביימער שפינען טומאַן,—
בּאַקומען שטיבער אַזאַ פאַרלאָרן געמיט,
גרויען פענסטערלאָד־אויגען
ווי ביי הימלאָזע הינט.
הימלען פאַלן בּלינד,
אין קוימענס שדים־דיקער ווינט.
אונטערן צוקאָפּנס פונם קראַנקן
דאָס צונאַגטע תהילים־בוך.
ער זעצט זיך אויף אינמיטן נאַכט,
פאַרהילט אין גרויען טוך,
זוכט אין די שורות אַ ליכטיקן שטעג,
נאָר יעדער קאַפּיטל פירט אין אַן איינזאַמערן וועג אַוועק,
צום יהושפט טאָל,
צו נאַקעטע פעלזנבערג,
די וויסט פון דער אבשלום־גרוב.
דער קעניג מיט אויסגעשטרעקט געבעט
אויפן שלאָפלאָזן בעט
צוטרייבט דעם חלום־לויער איבער זיך.
גאָט, זיי האָבן מיך דורך נאַכט געיאָגט.

בין געלאָפּן אין דער וויסטער שטאָט.
די היטער מיט די שווערדן אין די הענט,
האָבן דורכגעלאָזט דעם יאוש דורך די דיקע ווענט;
ער שטייט איבער מיין צוקאָפּנס און רעדט:
קעניג, קעניג,
כהאָב דיר אַ הערלאַך בוך געבראַכט.
דערלאַנגט אים מיר אין האַנט.
איך עפן אים און—
ווי פון אַן אויפגעשניטענער איבעררייפער פרוכט,
קריכט פון די קערנער־גריבלאַך
דער גאָלדענער וואָרים אַרויס:
נאַריש, נאַרישקייטן, נאַר:
אַ טאָג קריכט אויף אַ טאָג,
און סקלינגגט דער מדבר אין זיין גרויען זאַמדיקן גלאָק:
אַ יאָר גייט אויף אַ יאָר,
אַ טאָג קריכט אויף א טאָג.

צו חיים קרול

ביזט אָוועקגעגאַנגען אין אַ שטומען ווינקל.
סקלאַפּט דיין ליד מיט בלייאיקע פליגל
אין דיין פאַרגראַטעטן פענסטער.
דער קאַלטער הימל וואַרפט ווייסן טויט
איבער דער וועלט, מיין ברודער.
דו קומסט נישט.

איך האָב פאַר דיר דאָס אָפּגעקליבנסטע וואָרט,
דאָס אָפּגעהיטנסטע ליד.
דו קומסט ניט.

געדענקסט דאָס אַלטע אויוועלע אין אונזער הויז,
די אָנגעפּעלצטע שויבן נאַכטיקן פראָסט ?
דו האָסט געלייענט אויסנווייניק
וועגן דער ליבשאַפט צו די וואָס ווערן מיד,
און זייערע הענט זיינען אַ קראַנק געבעט
פאַרן קלענסטן קערן ליכט און רו,
וואָס מ׳וואַרפט זיי צו.

שטילסטער, זייטיקסטער פּאָעט,
נישט נאָר אין קלאָפּנדיקן ניו־יאָרק —
אין קלענסטען דאָרף אין טאָל.

אַ, הונדערטיאָריקער געבויגענער תנא,
אַ לעצטער און אַ פאַרצייטיקער
אין געבערגלטן אַלטן צפת —

אין דער רוישנדיגסטער, דרויסנדיקסטער
גאַסנדיקסטער גאַס —
ניו־יאָרק.

איך ווייס...

כוועל זיך נישט ראַטעווען הינטערן רוקן פון מצבה־שטיין,
די רויע האַנט וועט ווי אַ שלאַנג דערגרייכן מיין פחדנותדיק געביין.

ניט מיין צוריקגעצויגנקייט, ניט מיין עניוות פון אַ בלאַט
וואָס דער סעפּטעמבער וואַרפט אין ווינט ווען זומער איז שוין פעט און זאַט.

איך ווייס עס זייער וואויל און נעם מיין וויסטן גורל אָן. —
דאָס אומעט־קלייד פון אונטערגייענדיקן — מיין אַראָפּגעלאָזטע טרויער־פאָן.

און כנורע ווידער מיין געמיט אין שיפלות און אין קליינקייט איין.
כוויל דער פאַרפאַלענער עלנט אונטער די ניט־באַלוינטע נויטן זיין.

כזע קיינמאָל אין מיין חלום ניט די אויפגעהויבענע שטאָלצע האַנט, —
דאָס העלע ליכט און אויג אַנטקעגן נייע שיינע ברעגן לאַנד.

מסתם... ווייל ענג און שמאָל און איינגעשרומפּן איז מיין בליק
איז שווער מיר צו דערזען די הויך און די נבואה פון דעם זיג.

סהאָט איינמאָל איינגעזאַפּט מיין וואָרט די סמ׳ען פון פאַרפּייניקט בלוט,
און סאיז מיין ליד איבער מיין אייגן לייב געוואָרן דאַרן, צאָרן, רוט.

און וויפיל זאָלסט נישט ברענגען טרייסט ווי קווייטן צו זיין אַ גרויער שווער
דער נעפּל פון זיין אויג פאַלט איבער זיי און מאַכט זיי מיד און געל.

מסתם... ווייל אָן אַ זכות האָב איך מיין פוס געשטעלט
פונדערזייט מדבר נאָך און — מיין פאַררוקט געצעלט

בלייבט איבער איינזאַם דאָ, ווען איר אַלע, אַלע ציט אַוועק
דורך גאָר דער נאַקעטער וויסט צו אַ באַגרינטן ברעג.

און אייער פייל איז פלינק, און אייער מוט איז שטאַרק,
און — בליענדיקע וויינגערטנער אויף אייער מאַרגן־באַרג.

די בני דאַן קיכאַט

זיינען די קינדער, די בני דאַן קיכאַט.
צוזייט אויף אַלע שבעה ימ׳ען וועלט
זיי האָבן אויסגעטראַכט דעם הימלישן און ערדישן גאָט,
די פאַרביקע קריגעלאַך פאַרן מלך אויף זיין סעודה־טיש,
דאָס גאָלד פון געלט און דאָס גאָלד פון ליד,
דאָס זילבער און דעם אבן־החלום פון געדאַנק.
און ווען זיי קומען זיך צונויף אַמאָל אין אַ ברודערס שטוב
זינגען זיי אַזאַ מין פליגלדיק הימן־געזאַנג
בקבלה פונם אַלטן זיידן זייערן דאַן קיכאַט.
אין דעם הימן דערציילט זיך פון דער הייליקער שטאָט
וואָס ער האָט אַמאָל אויפגעבויט אויף אַ הויכן באַרג אין יענע טעג.
היינט ווייסט מען שוין נישט וואו ער איז, — ווי מיט אַ זעג
איז אָפּגעשניטן אַהין דער וועג.
האָבן די זשעדנערע פון זיי זיך טאַקע ארויסגעלאָזט
איבער די שליאַכן זוכן,
איבער די דערפער פרעגן.
ארימבאַרויט אין זייערע זעק,
שטריק אויף זייערע לענדן,
און גאָטס תהילים אויף דער ליפּ.
נעכטיקן זיי אויף קלויסטערשוועלן
מיט די הינט: פראָסט און ווינט.
שיצן זיך אונטער די שטאָלדעכער
פון די שפּיזן היץ פון טאָג,
און זיינען שטאַרק, געפּרואווט,
ווי שטאָל איז זייער מוט,
פרידלאַך אין דער זוכעניש און — גוט.
ווייל, ווער האָט דען אין זייער גרויסן גאַנג
ניט אָנגערייצט אויף זיי די הינט, די זינד,
דעם חוזק און דעם טרויער,
די נויט און דעם טויט.
צוגענומען ביי זיי די לייוונטענע זעק, דעם קוואָרן ברויט,
זיי נאָכגעוואָרפן ווייט אַ מייל ארויס פון דאָרף
פאַרפוילטן שפּאָט — און שטינקענדיקן בלינדן האָס.
און וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט אין סדום, אין רוים,
און פּעטריקבורג... אין קיף און אין קעשיניע־גוף!
זיך אָנגעטראָפן מיט פאַלשמינצער, פאַלשפרינצער,

משיחים — האלב מענטש, האלב קניש,
נביאים מיט אקסענקעפ און הינערשע פיס —
דאס אלץ איז שווארץ פארשריבן אינם ווייסן פינקסווארט אוןווארט,
קיין אות ווערט נישט פארפאלן פונם בייזגעשעף.
צונויפגעוויקלטע מגילות היסטאריע פאר דער אייביקייט,
קאפיטלאך נאך קאפיטלאך: ויהי,
ויהי, און עס איז געווען.
עס איז געווען און סאיז געווען.
און סאיז געווען ווען סהאט זיך די מגפה איינגעשטילט.
און סאיז געווען ווען גאט האט זיך פארגעסן אין זיין פאלק,
און ס׳איז געווען ווען די זיבן רויטע מאגערע קי
זיינען געקומען צו די זיבן שווארצע פעטע קי,
פארנייגט די הערנער און אזוי געזאגט:
דער הונגער האט אונז אפגעפרעסן,
אפגעגריזשעט שוין פון קאפ ביז פיס,
סטריקנט דאר די הויט אויף אונזער ביין,
באוויליקט אונז א שטיקל ארט דא אויפן פעטן זאטן גראז
זיך אנעסן, זיך קאנען האלטן אויף די פיס.
און סאיז געווען ווען די שווארצע זאטע קי האבן דאס אויסגעהערט,
זיינען די אויגן זייערע געווארן פול מיט חסד־גענאד,
און אזוי ווייטער, אזוי ווייטער און — ווייטער אזוי.
די מאגערע רויטע קי זיינען געשטאנען אין דער ווארימער זון
און געביסן דאס גרינגראזענע פעלד,
און — דא ענדיקט זיך דאס ערשטע ספר פונם פינקס־בוך
און סהויבט זיך אן אנדער אינדערפרי פון ויהי.
ויהי, און סאיז געווען אזוי און אזוי — ויהי.
און גארביים סוף פון לעצטען ספר
האט עפעס א פארגרייזלטער ויהי
א וואונק־געטאן און סאיז געווארן — סוועט זיין.
און עס וועט זיין, און עס וועט זיין אין די לעצטע טעג.
דאס האט א דאן קיכאטניק פונם לעצטן דור
א וואונק־געטאן אויף עפעס אין דער וועלט אריין.
נאר אויף די פעלדער וואקסט דאס פראסטע גראז ווי אלעמאל
און די טייכן גייען גלייך און קרום,
דער פיפערנאטער קריכט אויף זיבן פיס,
קאץ און קאטער האבן זיך איינגעג׳חבר׳ט אינם מענטשדארף.
הונט און אגער דינען אויך דארטן געטריי,
נאר וואלף און לייב נאך ניט.

די שפּילפּייגל איבערן זומערבוים
זינגען לויב דער זון און דעם הימלבלוי.
אויף וועגן פאַרן וואַגנס מיט שטייגן גענז
און וואַגנס קאַרן און ווייץ,
און וואַגנס אומעט און טויט.
און די בני דאַן קיכאַט
קריכן באַרג־אַפּ, באַרג־אויף
דורך דערפער און דורך שטעט,
דורך אינגעווײדן פון קי און שאָף.
אויף וועגן זומערגאָלד,
אויף שליאַכן ווינטערזילבער,
און סבלייבט פון זיי אַן אָנדענק דאָ און דאָרט:
אַ קלויסטערל,
אַן אָרים גאָטשטיבל,
אַ צלם־צייכן אויפן וועג.
די אַלטע הייליקע שטאָט אויפן הויכן באַרג
שטייט גאַנץ נאָך נאָר — אויף אַלע פיר טירן פאַרמאַכט.
דער וועג אַרויף צו איר איז גרין־פאַרוואַקסן און פאַרמאַכט.
שטעכט יופּיטער זיין שאַרפשפּיזיקע נאָז
איבער איר שטיינערנעם הויכן טורעמשלאָס

טעסטאַמענט

אַ מענטש האָט זיך געפּאַרעט אויף אַ הייליק אָרט בײַ אַ קבר.
האָט אונטערגעהויבן דעם אײַנגעבויגענעם שטיין,
קליינע שטיקער העלצער אונטערגערוקט.
און ווען דער שטיין איז שוין געשטאַנען מיטן פּנים פאַרויס
האָט ער זיך אײַנגעבויגן, אײַנגעגראָבן זײַן אויג
אין דער זיך לעשענדיקער ערשטער שורה: הרב מבראַצלאַוו,
אַנגערירט דעם אַקסל פונם שטיין און זיך אַזוי געווענדט:
נחמן, כבין דיר געקומען זאָגן אַ זײַגעזונט און א גוט־תּמיד
איך פאָר אַוועק אַריבער שבֿע ימ׳ען אין מרחקים
און ווידערקומען צו דײַן הייליקער שוועל — ווער ווייס. ווער ווייס.
מײַן נאַקן ברעכט אין אַנגסט,
און גאָטס ווילן איז איך זאָל אַוועקוואַגלען,
פאַרהאַקן שטוב און שול און נאָכגיין נאָכן גורלס טריט
ערגעץ אין אַ מדינת נכר אין דער וועלט
זײַן ווילן איז און דײַנער אויך —
דו בלײַבסט דאָ איבער אַליין פון יאָרצײַט־טאָג ביז יאָרצײַט־טאָג.
איך האָב דאָ אונטערן שטיין מײַן תּהילים אַוועקגעלייגט
און דײַן מצבֿה אויף נײַע פלעקער אונטערגעשפּאַרט.
היינט איז מײַן לעצטער פאַרנאַכט,
און איך נעם דײַן האַנט אין מײַנער און איך זאָג דיר: זײַ געזונט.
זײַ געזונט, מײַן רבי נחמן, רבי־ברודער, רבי־פאָטער.
איך הער דו זאָגסט מיר: פאָר־געזונט מײַן תּלמיד יעקבֿ.
איך הער דײַן קול אין זיך, דו רעדסט צו מיר:
דאָס לאַנד אין וועלכן די טוסט גיין איז נײַ און גרויס און שטאַרק,
און וועט דורך דיר און דײַנע קינדער הייליק ווערן,
איך גיי דאָ אָפּ מיט קבר און מיט שאָטנוועלט,
און דו ביזט מײַן שליח איבער אַ נײַער צײַט,
זאָלסט עדות זאָגען אין די קאַנטן וואו מען קאָן מיך נישט
אויף מײַן געדעכעניש און אויפן אמת פון מײַן וואָרט
וואָס דו האָסט נאָך געזען דאָ ליכטיקן אויף דער לעצטער ווײַסער באָרד.

דער מענטש האָט לאַנג איבערן שטיין געבויגן זיך
און נישט געהערט
דעם האַסטיקן גאַלאָפּ פון רײַטער־פערד.
פוניענערזייט בית עולם פלויט.
און נישט געזען,
דעם הימל פלאַקערן אין העליש־בלוטיקן רויט.

גרין - גאָלד

א.

שמיד אויס אַ גאָלדענעם רינג פון שווייגן
פאַר גאָרן בייז וואָס אָרום דיר.
דאָס בייז — אַ שלאַנג מיט גיפטיקע אויגן, —
אַ וואָרים ביי דיין אָפענער טיר.

מייד אים אויס מיט זיין פוס באַרירן
ביים גיין און קומען צו דיין שוועל.
פאַרזע דעם שפּיל פון זיינע קאָלירן,
דעם כיטרען פינקל פון זיין פעל.

פאַרוואָס ער האָט פון אַלע טירן
גראָד ביי דיין טיר זיך אָפּגעשטעלט?
ווער ווייס וואוהין די וועגן פירן
פון שלאַנג און עקדיש אין דער וועלט?

מיין זינד? איך וויל זיך איר דערמאָנען
און — שווער מיר, שווער אין דער מינוט.
נאָר דער וואָס מאָנט וועט שוין דערמאָנען
זיין פינטל פלייש, זיין קווינטל בלוט.

בין שוין געוואוינט צו צאָלן צינזן,
האָב שוין אַזויפיל אָפּגעצאָלט.
פאַרגרייט פאַר צוואָנציק עשו׳ס לינזן,
אָט ווי די עשו׳ס האָבן האָלט.

און איך — מיט ברכה און מיט בכורה,
בין קוים אַנטלאָפן פון געצעלט
דורך פעלדער עלנטקייט און מורא
אין פרעמדער וואָגלענדיקער וועלט.

(און ווער עס האָט געקאָנט מיך נאַרן,
דער האָט מיך בייזוויליק גענאַרט.
זיי ווייסן ניט, די שלעכטע נאַרן,
ווי גוט זיי האָבן מיך געמאַכט).

ביינאַכט אין פעלד אַ שטיין — אַ קישן,
געפאַלן איז מיין יונג געביין,
דער שענסטערע חלום קומט דערפרישן
דעם מידן קאָפּ וואָס רוט אויף שטיין.

מלאכים רו, מלאכים שלום,
און דער געדרייטער לייטער קריכט.
דורך אַלע הימלען בלענדט גאָטס חלום
אין אומענדלאָכן הויכן ליכט.

דאָס צוגעזאָגטע לאַנד דאָס שיינע,
דער גרויסער טאָג וואָס וועט געשען.
איך האָב זיך אויפגעכאַפּט — די שטיינער
זיינען נאָך נאַכטיק־קאַלט געווען.

דער שפּראָץ פון טאָג — אַ בלוטיקער טראָפּן
האָט אויפן הימל־ברעג געגליט.
אונטערן נעפּל־טוי, פאַרשלאָפן
זיינען נאָך געלעגן די פעלדער מיד.

ב.

עס פאַלט פון מיינע אַקסל אָפּ
די קללה פון די שונאים.
אַ זילבערנער שטערן אויף מיין קאָפּ,
שטראַלט רו איבער מיין פנים.

און איטלאָך שלעכטס פון מיין געמיט
איז ווי טומאַן צורונען.
און ווי דער ניגון צו אַ ליד —
מיין וועג צו זיך געפונען.

האָב וואונדיק דאָ דערשלעפּט מיין גוף
אין איינגעבויגן שווייגן
צום פריען דאָרף — דער זומער שלאָפט
און דרימלט אין די שווייגן.

האָב דאָ אַ נאָענטן געהאַט,
כדערמאָן זיך: זומער? ווינטער?
פון בוים קוקט העל אַ גאָלדענער בלאַט,
און — פאַלט נאָך נישט אַרונטער.

ג.

פוניענערזייט מיין וואַנט — אַ רויע האַנט,
אַ האַרטער פנים — די שנאה מיט איר זינד־געזינד,
חוזק־נעזער, מאַרדעס ווי ביי רויבפויגלען, ביי הינט.
און גופים — ווייכע מייז.

און פון די מוילוווינקלען די גרינע פינע ווייסט
איבער די דראַטענע בערד.
כמוז דורכמאַכן דורך זייער געסל יעדן טאָג
מיין טרויריקן מאַרשרוט אין מאַרק.
כקום גיך צוריק און טרייסל אָפּ פון זיך
די מיאוסקייט פון מיין קלייד און שיך.
און פונם ברויטל, פונם קעסטעלע סאַרדינס
בלאָז איך דעם הויך אַראָפּ — אַ ווערימל אַ גרינס.
און לאַנג־לאַנג לאָז איך שטראָמען איבער מיינע הענט
דאָס קלאָרע וואַסער — פּליסנדיקער אייז,
און שמייכל פריילאַך: מיינע פיר פעסטונג ווענט!
איינגעמויערט אינם שטאָלשטיין פון אַ באַרג.
רו און לאַנגע שעהן נאָך ביז מאָרגן אינדערפרי.
אַמאָל פאַרצי איך לאַנג מיין הונגעריקע שעה.
אין לעמפל טריקנט אויס דער קעראָסין.
כ׳רו מיט די בלייכע קאַלטע ווענט.
קוק אויפן פאַספּאַר פון מיינע דאַרע הענט.
גיי צו צום פענסטער, הויב דעם פאָרהאַנג אויף:
אַ ווייטע ווייסע וועלט.
שפּעטע נאַכט. די נייע ווינטערקעלט
אומרואיקט איבערן שניי.
הויבט זיך ווי אַ ווייסע קאַץ —
אויפגעשפּיזטע זילבער־האָר,
טוט זיך אַ דריי, אַ שפּרונג, און קריכט,
פאַרקריכט צוריק אין שניי.
אינדערהויך: טויט־שוואַרץ.
ווייט אַרום: דאָס ישובל, ניו־יאָרק צי מאָנטרעאָל,
שלאָפט.

ד.

דער גאָלדענער און רויטער פייער אויפן בוים.
דער שוואַרצער דאַרער הילך פון דער קראָ
אונטערן שאַרפן אינדערפריאיקן אָקטאָבער־בלוי, —
אַ, מיין באַרוטע שעה אין דער שפּעטער וועלט.

העל טוט ברענען די ליכטיקייט פון מיין געדאַנק,
און ווי מען נעמט אַראָפּ די גאַרבן פונם פעלד,
די בינטלאַך מעשים קלאָרן אויף מיין ערד.
וואָס האָב איך דאָ פאַרזייט?

איך פרעג, ווי ספּלעגט נאָך פרעגן שטיל און פרום
דער מענטש פון פריערדיקן פאַטער־דור
אין אַלטן טאַל־דאַרף דאָ ניט לאַנג צוריק,
בנוסח ספרד אין מיין ליבער גאַס.

דער איידעלער מוסר פונם פרק, און זיין חשובער טאָן:
וואָס פאַר־אַ סטעשקע זאָל דער מענש זיך נעמען אויף דער ערד,
ווען דער בין־השמשות שאַטנט און דאָס שפּעטע ליכט פון טאָג
פאַלט קרום און אומבאַשטימט איבער דער וועלט.

ה.

פאַראַן אין גרויע טעג אויך פרייד,
און זון — אין גוף, אין פראָסטן ברויט.

און קליינע וואונטשן בליען גרויס
און וואַנדערן וואונדער־איין און אויס,

און חלום רעדט דורך רו און שלאָף:
נשמה, איך האָב ליב דיין גוף.

דורך נאַכט־טונקל און פרישן בלוי,
טריפט־אָן אין אים רויטבלוט און טוי.

און אין דיין אויג איז ליכט פאַראַן —
זילבער־זון דורכן טומאַן.

וואָס ציט פון פעלדער אינדערפרי
ווי מילכווייס פון יונגע קו.

ו.

דער פויגל איז פריי,
נאָך פרייער — דער שטיין
אין זיין שטומען און טויבן און בלינדן געביין.

וואו ער פאַלט איז זיין ערד,
וואו ער ליגט איז זיין לאַנד.
טיפע קוואַלן פון רו און פון קלאָרן פאַרשטאַנד.

ער איז אַלץ שוין געווען —
פרישע פרוכטבאַרע ערד,
בוים און זוניקער טאָג און בלויפלאַמיקער שווערד;

קוואַל אין ווייטן פון וועלט,
פרייער שטראָמיקער גאַנג,
און געשניטן די בערג — אַ קרישטאָלענער שלאַנג;

האָט געזען און געהערט
און גערעדט מיט דער וועלט,
מיטן גראָז, מיטן האָז, מיטן וואַלד, מיטן פעלד,

און — די ברעמען אריבער
די אויגן פאַרמאַכט:
כוויל זיין בלינד ווי די נאַכט.
און די ליפּן פאַרשטייפט,
און פאַרהאַקט דאָס געהער
צו דעם גאַנג פון דער צייט און צום קלאַנג פונם שווערד.

איז איטלאָכער שטיין
אונטער וואַסער,
אויף לאַנד,
אַ בודא פון רו
און פון קלאָרן פאַרשטאַנד.

ניט קריץ אויף זיין האַרצן
קיין ליד און קיין שבח.
ער האָט נישט קיין שפּראַך.

ניט האַק פון אים אויס קיין געשטאַלט,
ניט יונג און ניט שיין און ניט מיאוס און ניט אַלט.

ז.

כהאָב געזען אויף מיין וועג אויפן איינזאַמען פעלד
אַ שטיין,
און אַ מענטש האָט פאַר אים אויף די קני זיך געשטעלט.

זיין קאָפּ אָנעם קאָפּ פונם שטיין אָנגעלענט,
מיט פאַרבויגן־פאַרבראָכענע הענט.

האָב איך ליכטיק באַנומען זיין שטומען געוויין
צו דעם בודא פון רו,
צו דער רו פונם שטיין.

סהאָט די קילקייט און שטילקייט פון שטייניקן גוף
געטריפט ווי אַ קוואַל פאַר אַ דורשטיקער שאָף.

און דער מענטש, — כהאָב געזען —
ער ווערט לייכט, ער ווערט ריין.
זיינע הענט ווערן שטיין,
זיינע פיס ווערן שטיין.

כבין געגאַנגען מיין וועג
צו דער שטאָט פון מיין היים.
כבין אַ קנעכט וואו מען קנעט
געלע געטלאַך פון ליים.

אויף מיין טיש האָב איך נעכטן
נאָך איבערגעלאָזט
אַ וועגנוסל שטייז
מיט איין לאָך אין דער נאָז.

און דאָס גלחל וואָס האָט אַט־די געטין באַשטעלט,
האָט לאַנג מיר באַצאָלט שוין אַ העלפט פונם געלט.

מיר האָבן עס טאַקע אינאיינעם פאַרשווענדט
אין שענקל פון די „זיבן אומהייליקע ווענט״.

ח.

אויסגעמיטן אַלע שטאָלפּאַרריסענע הויכן.
כוועל דער סאַמע שפּעטסטער צו דיין שוועל דערגרייכן.

ווערסטו פון מיר אָפּטאָן לעצטע פינסטערנישן,
ווערסטו אין מיר היילן אַלע רויע ריסן.

און מיין קאָפּ באַרוען אויף דיין האַרטן קישן,
מיט דיין האַנט — די ברעמען מיר פאַרשליסן.

און דיין רו דיין קלאָרער וועל איך ריינער ווערן
און דיין ליכט וועט אויפגיין העל איבער מיין שטערן.

אינדערפרי, ווען דו ווערסט קלאַפּן אין מיינע שויבן,
וועל איך לאַנג שוין אויפזיין און דיין נאָמען לויבן.

הימנע צו אידיש

קליין און נישטיק זיינען די וואס האבן דיר דעם קלענסטן זכות פארגעסן
און אומדאנקבאר פארשעמט דיין כבוד.
זיך אפגעקערט פון דיר, ווי פון א זינדיקער
און נישט געדענקט די ליכטיקע גענאדן פון דיין יוגנט.
ווי די באגלויבטע בחורים פאעטן — דיינע קינסטלער,
קאנסטו אויך די שטילסטע סטעשקעס איינזאמקייט.
וועלכע שפראך האט נאך אזויפיל טרויער־שווייגן אין די אויגן,
אזויפיל שיר־השירים, וועלט־חלום און קהלת־שטימונג.
האסט דורכגעשניטן אלע וועגן וועלט און ערד,
ווי מבלעטערט דורך אן אלט און הייליק בוך
און די טראדיציע פון דיין געסל ניט פארגעסן.
פון יענער הערלאכער זון אויף דאך און בוים דיין גאלדליכט
דיינע דורכזיכטיקע פארבן אויפגעקליבן,
די ניגונים פון דיין מיידלש פרום און טרויעריק פאלקסליד.
דער זכות פון דיינע דינסטמיידלאך און קלייט־משרתים
זאל מיר בײַשטיין ביי מיין אייגן ארים ליד,
הינטער די פענסטער פון די קיכן, שטיבער וואו זיי ראמען אויף,
וואלט איך פאררופן בייראנען, פושקינען און רילקען,
זיך איינהערן מיט זייער איידל ליריש זינגען.
כקאן אלץ נאך נישט מיט ליבשאפט בלעטערן
די שטיינעריקע דפן פונם בוך : ניו־יארק.
כהאב ליב זיך אויסבאהאלטן הינטער בלינדע שאטנס פון א וואנט,
און לייענען וועגן לאשעקעס און וואסערפלוסן
איבער נידעריקע דערפער־טאלן,
וואו קאטשקעס גייען בארוועס איבער קאליעזשעס,
וואו רעגנס פלייצן אין א שארפן־קרומען שטראם,
מיט א קוועלנדיקער ראשער וואסער גריווע.
און אך, ווי פעלדער, דורשטיקע ווי פערד, טרינקען,
זשליאקן מיט די אויפגעריסענע מײַלער, לייבער, הינטנס
די פרישקייט פון די אויפגעבורעטע וואלקנס.
א אידיש וואונדערלאכע, וואס דו האסט נישט אנטפלעקט,
איז מיר נישט קיינמאל קלאר־געווארן.
וואס דו האסט נישט געלערנט, בין איך געבליבן א פארשטאפטער קאפ,
ווי שווער עס איז א הארץ זיך נאקעט עפענען
פאר די קאלטע אויגן פון א פרעמדער שפראך.
איז מיין געמיט פארן גרויען פלאכן בליק פון שטיינעריקע שטעט,
מיין טראט אויף טויט־אספאלטן שליאך.

ו י ה י

ויהי און סאיז געווען בימי ה׳דאַרפסצייט
אין אונזער ליטעראַטור.
דער זיידע מענדעלע האָט נאָר וואָס אויפגעשטעלט די ערשטע ברייטע שטוב,
אַ בוימענגאָרטן, אַ פּאַראַדנעם צוגאַנג צו דער טיר,
שורהס ווייסגעקאַלכטע שטיינדלאַך, בייטן קיילעכדיקע
שטאַלטנע ביימלאַך קינדערשע צי צוויי, דריי, פיר.
און ווי זיין שטייגער,
אינדערפרי, אין גרויען ראָק, פאַרקנעפּלט, שלאַנק,
מיטן שטאָק אין האַנט — אויף זיין פרימאָרגיקן שפּאַציר,
האָט ער דערזען פונוויטנס אַנקומען אַ יונגערמאַן,
צעפּאַליעט ברייטע פּאָלערינע־פּאָלעס, אַ הויכער שוואַרצער הוט,
און וואָוילעריש דעם פלינקן שטעקן, אין דער האַנט געדרייט.
רב מענדעלע האָט זיך אָפּגעשטעלט,
די האַנטפּלאַך איבערן ברעם,
פאַרשנירלט קרום אַ ליפּ:
מ־מ־מ־סתם אַ נייער מין בעל שם,
מיט תורה און מאָדערנע וואונדער? — דער פאַרשוין
האָט אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט,
און וואויל און שיין זיך פאַרגעשטעלט.
„מיין נאָמען איז יוד למד פרץ און איך קום
פון זאַמאָשטש און פון וואַרשע און פון בערלין,
האָב דאָרט פאַרהאַנדלט מיט די גרויסע ווערטער־אַרכיטעקטן
צו קומען עפּעס טאָן און איבערבויען אין אונזער אָפּגעשטאַנענעם קאַנט.
אַראָפּנעמען דאָס אַלטוואַרג מיטן שטרוידאַך נאָך פון תרחס צייט,
די ברונימשטאַנגען שטעכן דאָ די אויגן אויס פון אומעטום,
די קליינפענסטער, די ליימיק איינגעהאָרביקטע ווענט,
קוימענעס פאַררויכערטע וואָס טשאַדען צוגעברענט,
אַ ווייסע קלויסטערטויב האָט מורא זיך אַראָפּלאָזן
און איינריכטן אַ פעדער פון איר טראַכט.
און נאָך און נאָך, און נאָך,
איך קום איצט פון דער וועלט,
און האָב געזען ווי ס׳בניג׳ט זיך
מיט פּלאַן און מאָס און טאַקט,
עס שאַדט ניט, אסור, צו פאַרקוקן זיך
אויפן גאַנג פון אַ יונג שיין פאַלק
מיט פלינקע הענט און שטאַרקע פיס און ברייט־פאַרנעם.

יאָ, יאָ, מיט ברייט פּאַרנעם׳׳.
רב מענדעלע האָט נאָכאַמאָל פאַרדעכלט מיטן האַנט די ברעם.
אָפּגעמאָסטן דעם שוואַרצן ברייטן הוט,
די פאַליענדיקע פּעלערינע־קלייד,
דאָס שוואַרצע באָרד־רעמל און די אָפּנקייט פון זיין אויג,
און אין זיך האָט זיין גלייך געשטאַלט געגעבן זיך אַ גרינגן בויג,
און גוטמוטיק געצייכלט זיך וואָרט נאָך וואָרט:
רב יונגערמאַן, איך האָב אַליין שוין וועגן דעם געטראַכט,
נאָר כוואָלט אייך ווי אַן אייגענעם געראָטן איבערקלערן די זאַך.
אַט שטיי איך שוין אַ האַלבע שעה, באַטראַכט דאָ דעם דאַך
וואָס ברעמט איבער די קליינע פענסטערלאַך
ביי דער אַנטקעגנדיקער וואַנט,
די אויסגעריבענע שוועל,
און די אַלטמאָדישע טיר,
און — כקאָן גוט דעם אידן,
וואָס איז ערשט אַרויס פון איר,
אַוועק צום מנין —
זאָג איך אייך, רב יונגערמאַן,
אַז דאָ איז שוין אַוועקגעלייגט געוואָרן לאַנג
אַ געזונטער אַלטער פּלאַן.
און ווי די בוימער זיינען דאָ געוואַקסן,
געגעבן פרוכט און בלאַט,
האָט דער דור מיט דער צעוואַקסענער באָרד,
אַן אוצר ליכט און לעבן דאָ פאַרזייט
אונטער יעדן פוילן בריקל,
בלינדער שטובנוואַנט,
שטאַל און פלויט.
נאָר, כזאָג אייך, יונגערמאַן,
סאיז זייער וואויל פון אייער זייט,
צו פאָרן אין דער וועלט,
באַקענען זיך מיט לאַנד און לייט,
נאָר אַז מען קומט אין אייגענעם דאָרף אַהיים צוריק
פאַמעלאַכט מען די טריט,
און לערנען גאַטסוואונדער
קאָן מען אויף דער וועלט אפילו פון אַ ציג,
וואָס שטייט פאַרנאַכט ביים שטעלכל און וואַרט.
אַ ציג.
אַ שטאַל.

פאַרנאַכט.
איך האָב גענומען זיך אַרומקוקן אין אונזער קאַנט,
בלענד די אויגן מיינע אין יעדער וואַנט,
הער זיך איין צו איטלאַך אויסגעשריי אין מאַרק, —
אַ וועלט איז דאָ אַרויסגעוואַקסן,
זיך צעוואַקסן און צעוואָרצלט שטאַרק
און גרויס.
און איבער איר נעבעכדיקן אַלטן שטאַנד
דער שאַרפער צייכן פון אַ וואונדערלאַכער מייסטערהאַנט.
און איך, רב יונגערמאַן ,
איך האָב ערשט אין צונויפּרופן אַביסל ווערטערשפּראַך
צו איבערגעבן די פאַרטראַכטע קנייטשן
פון אַן אַלטן דאַך,
און די פאַרבענקטקייט פון יונגעלאַך,
קעלבלאַך, שוועלבעלאַך איבער דער גאַס.
און אייך, רב יונגערמאַן,
אייך וואָלט איך אויך גע׳עצה׳ט,
אונטערגאַנווענען זיך אַמאָל,
בשעת דער וואַסערפירער־יונג בלייבט זיצן אויף זיין פולער וואַסערפאַס
און טוט אַזוי־אַ זינגענדיק פאַרגיין זיך אין זיין ליד,
וועגן דעם טייך וואָס גייט און גייט און ציט
און טראַגט אויך זיין באַגער צו זיין באַשערטער וואו זי דינט
ערגעץ אין דווינסק אין אַ גביריש הויז,
ער לאָזט די לייצעס פון דער האַנט אַרויס,
לאָזט די גאַנצע וועלט פון זיינע הענט אַרויס,
און איך, רב יונגערמאַן,
איך גיי מיר כלומרשט, גלאַט אַזוי זיך דאָ פאַרביי,
באַקוקן דעם טייך,
באַטראַכט דעם הימל און די ערד,
ווינק זיך איבער פונדערווייטנס מיט די פערד
וואָס שמייכלען אונטער מיט אַראָפּגעלאָזטע ליפּן צו דעם ברעג :
אַ בחור שטעלט זיך עס אויף זיבן יאָר אַוועק
און רירט זיך נישט פון פלעק.

ב.

אַ שטילס, איז אונזער דערפל: אידיש
האָט נאָך גרינע גערטנער, נידערפלויטן.
כאָטש קיין בלעכלאָך גלאַנצן דאָ נישט אויף די טירן,
ווייסט דאָ איטלאַכער דאָס הויז פון אַלטע תושבים.
ארויפצו אויפן קליינעם בערגל — דעם זיידן מענדעלעס שטוב
די טאַפּאָלן אויפן הויף דערציילן פון זיין שטאָלצן גאַנג און שטרענגן בליק,
פון דער הויך האָט ער אַראָפּגעקוקט צום מאַרק אין טאָל.
דער מאַרק ביי אונז — אַן אייגענבויגענער בטלן־סוחר.
רב מענדעלע, איר האָט עס איבער אים געקנעלט אַביסל,
ביזוואַנען סהאָט זיך דאָרט ארויסגעיאָוועט אייער אייניקל
מיט ממזר־אויגן און מיט ממזרישע ווערטלאָך,
ער האָט אריינגעכמאַליעט אין די גדלותדיקע פּסוקים אייערע
אַזאַ מין פרישע וואונדערלאַכע עמהארצותדיקע פרייד
די שטייפע לומדות אַזאַ ריר פון אָרט געטאָן,
און — קרומע דעכער, איינגעהויקערטע ווענט,
לאַמטערן־סלופּעס אַפּגעסמאַליעט און צוברענט —
אַלע האָבן אויסגעשטרעקט דערפרייטע הענט:
שלום עליכם, פּאַני שלום עליכם.
און — סהאָט פאַרשמעקט אין אונזער דערפל אידיש
מיט זומער און געלעכטער־גריז, און קלוגן טרויער.
און אַלע האָבן זיך דערזען אין גראַטעסקן חידוש
ווי מ׳וואָלט דערזען דעם אייגענעם לינקן אויער,
און זיך צולאַכט פון גרויסן קליינעם נס.
רב זיידע און רב מענדעלע,
איר האָט זיך זיכער נישט געריכט
אויף אַזאַ מאָדנע שפּילנדיקע ניי ליכט
וואָס האָט זיך ווי אַ רוח פון הינטערן וואַנט ארויסגערוקט,
ווי אַ שאַלטיק אונטער די ברילן אייך אַריינגעקוקט:
צו וואָס זיך בייזערן, מיין שטאָלצער זיידע;
בייגט זיך איין אַביסעלע, הער אַבראַמאָוויטש,
וועט איר דערזען, עפּעס דערהערן.
און כזאָג אייך: נאָך אַ זמן און נאָך אַ תשעה באָב,
די חברה וועלן זיך די פּאות אונטערשערן,
די בערדלאָך אויסקעמען, קאַפּאָטעס קירצן
און דעם ראַבינער אויפהערן צו איר׳צן.
דערווייל איז, זאָג איך אייך, האָב איך אַנטדעקט אַ ברונעם,

וואס זינגט מיט אַלע זיבן פריידיק־טרויעריקע ניגונים,
צו שעפּן פולע עמער, שעפל, פעסער.
אמת טאָקע, איר זייט העכער, שטייפער, מערער שלייפער,
מען דאַרף זיך אָבער איינבויגן אַביסל און — פון אַלע האַרבע ווערטער
שפּרינגט אַרויס אַ ממזר אַ געלעכטער.
און אונזער עדה, זיידע, דורשטיקט און פאַרשמאַכט...

דער זיידע האָט געלאַכט.

נ. ב. אין אונזער דערפל: אידיש,
מען דאַרף זיך נאָך אַמאָל אַראָפּכאַפּן אַהין צוזאַמענקלייבן,
די שטיקלאַך אוצר, און ווי עס דאַרף צו זיין פאַרשרייבן
און ליכטיקייט וועט טריפן פון דער געגנזנפעדער,
ווי שפּעטער גאָלדנוויין אין אַלולדיקע סעדער.

אקאָרד

איך בין אינם אוונט פון דורות געקומען
מיין ארימען תהילים אין ווינקל פארגרויען:

כבעט נישט אויף גארנישט און טראכט נישט פון אוצרות
זוך נישט קיין וועג פון איין וועלט צו א צווייטער.

דאָס ליכט פון פארגיין אין זיין רויטלאכן טרויער
פאַלט איבער מיין אקסל אזויווי אריבער א טויער

וואס מאַכט זיך שוין צו
אין שטומער געהיימניש פון רו.

ניט שרעק זיך, מיין לעבן, מיר וועלן אראפגיין דעם שיפוע פון באַרג
ווי די שאָטנס וואס גייען פאראויס־אונז און נאָך־אונז.

הער זיך איין ווי סגייט אויף נייע רו אין דער גרויס פון די וועלטן.

קומט א יומטוב א נייער?
צעעפנט דעם הימל, צופראַלט זיינע טויערן צו א טאָג צו א היכן?

מיר וועלן שטילע ארונטער דעם שיפוע פון באַרג
פאַראויס־אונז און נאָך־אונז — די שאָטנס. די שאָטנס.

וואו פירן די וועגן ?

אַ פּשוטער מענטש און — וואָס איז דען געווען
דער בעל שם טוב ? אַ פּשוטער איד. —
קאָן איבער די הימלען און פעלדער דערזען.
גאָטס ליכטיקע פריידיקע טריט.

וואו פירן די וועגן ? אַראָפּ און אַרויף.
פּאָזע טייך, פּאָזע וואַלד און — אַ טאָל.
פונוויַיטן דערהערט מען דאָס קול פונם דאָרף,
אַ היימלאַך, אַ רופנדיק קול.

געבענטשט איז דאָס שטילע און אָרימע אָרט,
וואו אַ מענטש לעבט דאָרט אויס זיַינע טעג.
אַזאַ פרייד צו דערזען פונדערוויַיטנס אַ באָרד
אין זילבערנעם ווינט אויפן וועג.

אויף איטלאַך שטיל ערלאַך און פשוט געזיכט
שוועבט דער אָטעם פון הייליק געגנאָד.
און ערלאַכע הענט זיַינען ליכטיקע ליכט,
וואָס ברענען מיט ליבשאַפט צו גאָט.

צו וואָס נאָר זיי רירן די פינגער דאָ צו,
נעמט בליען ווי גראָז אונטער טוי.
ווי וואָרימע זון — זייער פרידלאַכע רו
אויף טרויער, און עלנט, און וויי.

דער וויַיטיק פון וועלט ווי ביטערער ווינט
אויף דער וואונדיקער הערבסטיקער ערד,
יאָגט פון אומעטום וויסט, לויפט פון אומעטום בלינד
אונטער רוט, אונטער בלוט, אונטער שווערד.

אויף דער אָרימסטער שוועל פאַלט ער צו און וויינט
און — די נידריקע טיר מאַכט זיך אויף.
גאָטס עלנטע קומען אין דערנער געקרוינט
אין זיַין פרומען און הייליקן הויף.

די שטאַרקסטע, זיי בויגן זיך נידעריקער איַין
אונטער שווערן און ביטערן עול

און טראָגן די בינטלאַך מיט שטעכיקן פּיין
צום באַרג - וועג אַרויף פונם טאָל.

דער באַרג פון נסיון איז קנאַכיקער שטיין
און דער וואָס דערקומט צו זיין הויך,
צוגייט אין זיין אייגענער אויפלייזונג קליין
פאַרנאַכטיקער גאָלדענער הויך . . .

אַזוי זאָלסטו בענטשן מיין אָרים געביין,
אין דער העכסטער מינוט פון מיין פרייד
זאָל איך זיין אַזוי שטיל, זאָל איך זיין אַזוי קליין
ווי אַ קינד פאַר דער גרויס פונם טויט.

מיין ברודער דורשט נאך וועלט...

מיין ברודער דורשט נאך וועלט און אוצרות
און איך, ווי פון אן אנדער שטאם,
האב ליב צו זען ווען שיפן קומען
און רוען אפביים ברעג פון ים.

און סארט מיך נישט זיי זאלן בלייבן
שוין תמיד שטיין אין רו ביים ברעג
מיר דאכט זיך: אלע שיפן זיינען
שוין מיד פון וואגל און פון וועג.

כהאב ליב צו לייענען אין עלטער־ביכער
פון דערפער ערגעץ אין דער וועלט,
וואס זיינען דארפיש־שטיל געבליבן
ווי ביימער אלטע אויפן פעלד.

און בילדער פון אלטמאדישער ווייבער
אין ברייטע קליידער, קליינע היט.
גראד היינט מוז פאסן אן אלטער מלבוש
צו דעם פאסאן פון יונגסטן ליד.

כהאב ליב צו בלעטערן אלטע ביכער,
האב ליב צו טראכטן פון ווייטע טעג —
אוזארן ארום פערזישע טיכער —
סעפטעמבער־גאלד ביים פעלדיקן ברעג.

קומט מיט מיט מיך אין דארף א ווײלע
צום אלטן פישערמאן דעניס.
ער האט א ים מיט ים־געשיכטעס.
און ער דערציילט זיי גארנישט מיאוס.

די מעשיות זיינען שוין זייער אלטע,
נאר זייער אלטקייט איז זייער חן.
און יארן האבן זיי געשליפן
ווי שטארקע וואסערן דעם שטיין.

און צו געדענקען זיי ביז איצטער
איז אויך נישט אזא קלייניקייט.
פארפרעסטער וואונדערליכער אניקס
פון איינגעשטילטער אייביקייט.

אַלטוואָרט

דאָס אַלטע וויל זיך נאָכאַמאָל דורך מיר דערזען,
און איך — זיך אין זיין הערלאָך ליכט דערקענען.
מקאָן דערגרייכן אין דער ווייט פון ווייטסטע וועלטגעשען,
זאָל נאָר דאָס ריינע וואָרט אונז צולייכטן דעם וועג און — ברענען.

וואו, ביי וועלכן פערן האָסטו אָנגעצונדן דיין וואָרט ?

ביים בלויען פייער פונם מילדן אויג פון ליבשאַפט ;
ביים ווייסן פייער פון דער בלייכער ברעם איבער די מידע אויגן ;
ביים קאָניצל וואָס קאָפּטשעט שטיל אין תהילים־בוך,
און ביי דעם פייער פון דיין אָנדענק רב בעל שעם טוב,
וואו אַלטע בלייבן שפּעט אין קלויז נאָך מעריב.
זיי זאָגן אַז עס איז שוין הונדערטער יאָר, זינט ביזט פון דאַנען אַוועקגעגאַנגען,
און סהאָט מיין זיידע נאָך פון דיר דערציילט ווי פון אַ פאָטער.
צי קאָן דען וועז אַוועקגיין פון דיין ליכט די צייט,
צי קאָן דען ווייט ווערן דער טאָג פון דיין געוועזן דאָ.
און אומעטום האָסטו געלאָזט אַ צייכן וואונדער.
דיין משל האָט אונז קלאָרגעמאַכט אַזויפיל טונקעלע זאָרגן
אַזויפיל אומעטן געגעבן דאָ אַ תיקון און אַ ניגון,
וועז ניט, ווי וואַלטן מיר געקאָנט אַ קיום האָבן, ביי די קלייטלאָך דלות ?
ווי מיד עס האָרביקט זיך דאָס קליינע שולכל אין זיין גרויסער אַלטקייט,
וועז דער פאַרריסענער קלויסטערגלאָק נעמט קלינגען.
עס ציטערן די טונקעלע קלייטלאָך פון זיין אָטעם,
פאַרנאַכטיקער ווינט לויפט דורך צווישן דעם מאַרק־שטויב,—שטומע מורא.

אויך דאָ אין דעם ניו־יאָרקער מויערנעץ קומט אַז אַ גוטערטאָג,
און זינגט מיר מיט דער זון אין פענסטער : אַ גוטמאָרגן.
און סצינדט זיך אַן אין מיר אַ וואָרט געזאַנג און ניגון ;
ניו־יאָרק, איך וועל דיר ברענגען אַלטע וואונדערשיינקייט,
ווי נייגעזאַנג און יונגע בשורהס — וועסט זיי הערן.
צען אַלטע לענדער האָבן דיר געשיקט אַ נייע יוגנט
אין דיינע ברייטע אויפגעפּראַלטע טויערן.

דאָס אַלטע וויל זיך נאָכאַמאָל דורך מיר דערזען ;
און איך — זיך אין זיין הערלאָך ליכט דערקענען.
מען קאָן דערגרייכן אין דער ווייט פון ווייטסטן וועלטגעשען,
זאָל נאָר דאָס ריינע וואָרט אונז צולייכטן און — ברענען.

מיין חלום

אַ ישוב: דערשלאָגענע שטיבער מיט הויקערס, מיט קוליעס
פּאַרזונקענע טירן און שוועלן אין חורבן.
מיין וועלט און מיין חורבן.

און איך האָב דאָ אַמאָל, אַמאָל
געשלעפּט מיינע יאָרן מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע.
דריי מאָל אַ טאָג צו דעם שולכל געשאַרט זיך.
געווען דאָרט אַן אַלטער מלמד, צי אפשר אַ שמש,
צי גלאַט אַזאַ שלעפער ביים וואַנט פון בית מדרש —
מיין הערלאַכסטער גילגול.

עס גייט דורכן לייב מיר אַ פייערדיקער ציטער,
וואָס כהאָב שוין געלעבט וואו אַן אַנדער מיר לעבן,
מיין אמת׳ער לעבן, מיין ליכטיקער קיום,
און סווערט מיר אויך גוט איצט פון יענעם פאַרגאַנגענעם,
וואָס קומט מיר צום חלום מיט טרייסטונג
אַז כבין מוחל פאַר ווינט און פאַר וויסטקייט.
איך האַלט אויף מיין חלום.

איך לאָז זיך אַוועק אין די חרובע וועגן,
צועפן די טירן פון שטיבער, פון שולן, פון חורבות,
און שריי צו די ליידיקע ווענט און די טונקעלע ווינקלען,
צו לעכער פון פענסטער, צו זייגערס וואָס שטייען:
גוטנאָוונט אייך, ברידער, גוטנאָוונט!
איך האַלט אויף מיין חלום.

איך דריי זיך אַרום איין אַליין הינטערן ישוב.
און וויַיז זיך אַליין מיטן פינגער אין ווייטקייט:
דאָרטן ליגט ער מיין ישוב, מיין לויטערער נעכטן.
איך האָב דאָרט געהאַט יונגע אינגלשע גערטנער
דאָרט האָב איך מיט גאָלדענע אינגלאַך געשלונגען
די ליכטיקע זילבערנע שטראָלן פון רעגן:
גאַט, גאַט, גיב אַ רעגן,

אַ ליכטיקן זילבערנעם קינדערשן רעגן,
אַריבער די קעפּ פון דערשלאָגענע שטיבער,
אַריבער די רוקנס פון טירן און פענסטער,
אַריבער דער וועלט פון געבויגענעם חורבן,
מיין וועלט און מיין חורבן.

באָבע - לשון

קליינע אינגלאַך זיינען מיר דיר נאָכגעגאַנגען
ביי דער פּאָלע, וואויל־שיין מאַמעלשון,
איצטער יונגעלייט — זעען מיר ווי דיינע שלייפן זילבערן
דיין יונגשאַפט, קנייטשן זיך אין שטומע זאָרגן: מאָרגן?

מאָרגן וועלן מיר, שוין אויך געעלטערטע, פאַרוואַנדערן
אין ווייט פון פרעמדן און פון אומהיים־לענדער.
וואו וועסטו, ביי וועלכן טיש, דיין תחינה מישן?
פאַרן פענסטער צו דעם הערבסט אַרויס דיין בענקשאַפט אפּלאָזן?

מאַמע, מאַמע־שפּראַך, וועסט אונזער באָבע ווערן.
וועלן מיר, שוין אויכעט גרויע, ווייסע, קומען אין דיין הויז,
פייערן דיין אָרימקייט, דיין איינזאַמקייט,
די יובילייען פון דיין הונדערטיאָריקן עלנט אין דער פרעמד.

דו וועסט אונז ווייזן אין דיין אַלטן אַלמער
ספרים, חיבורים, ביכלאַך פון זיידעס און פון אייניקלאַך.
אַ וואוילע באָבע־אידיש, וועסט דערציילן פונם זיידן מענדעלען
ווי ער האָט פאַר דיר געבויט אַ היים אַ וואַרימע.

און וועגן בלאָנדגעקרויזטן לייריש־לאַכנדיקן, זינגענדיק־וואַכעדיקן
שלום עליכם — וואָס פאַר אַ פרייד עס האָט אַריינגעטאַנצט
אַריינגעשטראָמט דורך טיר און פענסטער, איבער דיל און באַלקן,
און דערנאָך זיינען זיי אָנגעקומען איינס נאָך איינס:

דער שאַרפער שטרענגער פּרץ און דער הויכער שיינער שלום אַש,
דער וואונדערלאָכער וואַרטשניצער און גאָלדקריצער פון איידלסטן אות —
דיין דוד בערגלסאָן — ער איז אָוועקגעפאָרן איצט
ווער ווייס אויף וועלכן ווייטן שליאַך, צו נייע גרעניצן וועלט —

ליבע יונגע באָבע אידיש — אין אַ טונקל אַלקערל פון דיין שטוב
האָב איך זיך נעכטן ערשט אַריינגעקליבן, דאָס שמאָלע פענסטער
קוקט אין אַ ליידיק הויפל וואַקסן גרעזלאַך ביי דעם פּלויטל,
פאַלט אַריין אַ פייגל, פּיקט אַ ברעקל, פליט אַוועק, אַוועק.

אַוועק, אַוועק, אַוועק.

ער

ער איז געשטאַנען שולדיק
פאַר דער טיר פון דער ליטעראַטור:
„פאַרגיב מיר, וואָס איך בין געקומען שפּעט.
כהאָב נישט געוואוסט אַז מען האָט איבערגעבויט דיין הויז,
געמיינט ביזט אַלץ נאָך אַן אַנטרינונגס־אָרט
פאַר די וואָס האָבן נישט קיין נחלה אינם מאַרק.
פאַרוואָר, איך האָב געטראַכט, דו ביזט אַ קלויז,
אַ קלויסטער און — איך בין פון טויזנט זאַכן מיד און אַלט.
איך האָב געטראַכט: כוועל זיך פאַררוקן אויף אַ טונקעלער באַנק
אין ווינקל ביי דער וואַנט אונטערן שאָטן־געוועלב,
אין זיין אַ ווייל אין רו און אָפּגעשיידטער צייט.
אַזויפיל אומריין, ווי און גליווערדיקער אַנגסט
שווערט איבער מיין קאָפּ און מיין געמיט".

און — ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צו דער הינטערטיר
פון דער ליטעראַטור, אַוועקגעזעצט זיך אויפן שוועל,
באַטראַכט פונוייטנס, ביי דעם פּלויט פון הויף,
דאָס שטעלכל וואו דער פעגאַז פלעגט אַמאָל רואיק שטיין
נאָך זיין אַרומיאָגן איבער דער גרינער בלויער פריי;

דאָס שטעלעכל איז אַלט,
דאָס דעכל איבער זיין קאָפּ צולעכצט,
און שינדלען שימלען גרין און געל.

דאָס טירל הענגט אַרונטער אָפּהענטיק און פויל,
ווי די ליפּ פון אַ שלאָבעריק פערדיש מויל,
בענקעניש אין בליק.
פאַר יעדן פיצל שטרויאיק אָפּפאַל —
אַ טרויעריקער זכר פון אַ שיינער צייט.

סהאָט אים פאַרשמעקט דער האָבער־ריח פאַרן נאָז,
האָט זיך דערמאָנט דאָס גאָלדענע הירזשען פון זיין קול,
און דער שפּאַציר מיט אים אַמאָל, סוף אלול איבערן שטילן טאָל.
אַז איינציקער פויגל איז אַנגעפלויגז,
זיך אויפן איינציקן בוים געשטעלט,
סאַראַ הימל איבער דער וועלט.

ער איז געזעסן אויפן הינטערשוועל און געטראַכט:
וואָס קומט דאָרט פאַר פוניענערזייט ברייטער טיר?
אויפן אַרויפגאַנג פון די מאַרמאָר־טרעפּ,
ביי די קאָלאָנען־זיילן
הער איך זיי גייען די אָפּשווינדלער פון וואָרט.
דאָרט שטייען אינם הויכגעוועלבטן קאָרידאָר
די חלפן־טישלאַך מיט טעצלאַך גאָלד און קופּערמינץ.
איך הער דאָס רוישיקע געקלאַנג פון אויסגעביטענעם גאָט.
זיבן מאָל פאַרראַט, זיבן מאָל פאַרשפּאָט.

נידריקער האָט זיך זיין רוקן איינגעבויגן מיד:
פון קינדווייז־אויף פאַרשעמטקייט אויף מיין קאָפּ.
שטאָלצקייט שרעקט מיך, ווי די שטייפקייט פון אַ האַקן־האַלז..
כהאָב זיי געזען די שטאָלצער,
זיי טראָגן זייער סם אין זיך,
און סחזירײ־כלי זיין אין אַ זיידן זעקל לעבן דיך,
און האָב צום צענטנמאָל זיך מודה געווען:
כהאָב מורא פאַר די לייט.
דער טויט פון שטאָלצע איז מיר ניט באַשערט,
און אינם ווייטן הויכן זון־טאָג אויף דער בייער ערד,
זאָל דער וואָס וועט זיך שטעלן אויפן באַרג,
אַרונטערטייטלען מיט אַ שפּיזנפינגער אין טאָל
צום הינטערפּלויט וואו ס'איז געפאַלן מיין געפאַלן געביין,
כהאָב זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן פונם סם און פייער־שטראָם.
און אויפדערנאַכט איז דער ביינערדיקער הונגער געקומען צוגיין,
אַוועקגעזעצט זיך ביי מיין זייט
און אויפגעקלאַפּט פון צווישן די ציין:
פאַרדאַן, הער פחדן, עץ זענט הונגעריק מסתם?
און — אָפּגעבונדן סשטריקל פון זיין זאַק,
אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט אַ ביין:
גאָט, נאָגט, נאָך דאָ אַ שטיקל הויט דאָ צוגעדאַרט.
ער האָט דערביי נאָך זייער שטיל געלאַכט,
אַז ס'איז דאָס לאַכן ליגן־געבליבן פייכט
אין די שאָטנווינקלען פון זיין קנאַכיק געזיכט,
ווי קאַלטע שטיקלאַך אויסגעלאָשן ליכט.

ליד

איך בין געקומען דאָ,
נאָר אויפקלייבן דין־גאָלדענע שברי־ניגון.

אַ ניגון וואָגלט גלות און ער זוכט מיך,
מאָנט פון מיר אַ תיקון.

שאַרפער הערבסט האָט מיינע קליין־ישובים געשלאָגן
אַלטע, בעטלערישע הייזלעך וועלדער, אויסגעבלאָזענע חרוב־נעסטן
גרויע אומרו אויף געטריבענע כמאַרעס,
איבער נידערגעשלאָגענע דעכער,

אַ ניגון כאַפּט זיך אויף פון אונטער אַלטע ווערטער
ווי פון אונטער טרוקענע בלעטער און ער שאַרכט מיר:
כבין די ליבשאַפט און די פּשטות פון בעל שם טוב.
האָב באַלייט שוין מיינע לעצטע צום בית עולם,
אויף זייער קברים־ליים געלעגן, איינגעדרימלט,
ביז סאיז אַרויפגעפלויגן אויפן צדיקס גרויסן בוים
דער נייער זומער מיט זיין הימל,
זיך אויפגעכאַפּט ביים בלויען אינדערפרי־ליכט,
גרינג אַריינגעלאָפן איבערן ישוב.
נאָכגעלאָפן יעדן קינד אין גאַס,
נאָך די אַלטע פאַלעס פון אַ זיידן,
אומהיימלאַך געברומט ביי פענסטער־לאָדן.
נאָר סהאָבן מיך די קינדער נישט באַנומען.
דער לעצטער אַלטער פונם שיינעם דור
איז אומגעגאַן אין טויבן חלל.
איינגעדרימלט אויפן שויס פון תהילים.
בין צוריקגעלאָפן צו די זומערדיקע קברים,
אַריינגעלאָפן אינם צדיקס שטיבל, און צוריק אַרויסגעלאָפן.
וועלט האָט מיר צעעפנט אַלע וועגן גלות, גרעניצן פרייקייט,
און — בין איצט צו דיין שוועל דערלאָפן
דו פרעמדסטער אין די טויזנט נייע לענדער,
אָפּגעפרעגטער ביי די זיכערע תושבים,
ביי דיינע שוועלן הויערן און וואַרטן
וועל אויסוועבן אַרום דיין הויז
מיין שטילן לעצטן גרעניץ,
נישט איך, נישט דו וועלן פונדאַנען פריי אַרויס.

אַנדענק

שווערע טעג פֿאַרפֿרעמדן און פֿאַריאָגן
דיין געדעכעניש אויך פֿון מיר.
נאָר איך כאַפּ זיך און דערזע
דו ביזט נישטאָ אונטער מיין האַנט,
אַז כוועד דערוויטערט פֿונם שטעגל
טאָל־אַרונטער צו די בערגלאַך פֿון דיין לאַנד.
און כקוק אין שטוב פֿון גלייכגילטיקע גאַסן
שווייגנדיק און גרוי.
האָב צוגעוואוינט זיך נישט דערוואַרטן.
וויפֿיל סזאָל די טיר דאָ עפֿענען
ווערסטו שוין מער ניט שטיינבלייבן אין טיר
און — דו ביזט אַזוי קליין געווען נאָך
און האָסט פֿאַרגעסן לאַנג אין מיר.
וואָס האָסטו דען ביי מיר אין שטוב געלאָזן?
וואָס האָסטו אין מיין ענגער גאָס געזען?
ביים שוועל דעם זומערס זיבן אָרימסטע גראָזן
דעם ווינטערס גרויען קאַלטן שניי.
און ס׳אומעטיקע רויכל פֿונם קוימען
ציט צום וואָלקן פֿונם הערבסטיקן פֿאַרנאַכט.
אָוונט. קום איך פֿונם שאַפּ־טאָג,
ווידער דיר דיין צוזאָג נישט געבראַכט.
וואָס האָב איך דיר צוגעזאָגט, מיין טייערע?
ווייסע שיכלאַך און אַ בלייפֿען רויט און בלוי.
מאָרגן, מאָרגן, דו וועסט זען שוין, מאָרגן.
אַטאָ מאַך מיר דאָ אַ צייכן אויפֿן לאַנגן פֿינגער,
אַ קליין צלמל מיט רויטן טינט.
איך געדענק, דו בעטסט זיך:
— לאָז מיר נעמען דיינע ביכער,
וועל מיר אויפֿשטעלן פֿון זיי אַ דאָרפֿיש הויז.
און אַרום דעם הויז — אַ פּלויט.
גוט, קאָנסט נעמען אַלע אַלע ביכער
און קאָנסט אויפֿשטעלן אַ דאָרפֿיש הויז.
וועל איך קומען ווי אַ פֿרעמדער וואָגלער
מיטן שטויב פֿון וועגן אויף מיין קלייד.
וועל זיך אָפּשטעלן ביי דיר און גאַטהעלף זאָגן

און אריינגיין אין דיין שטיבל שטילערהייט.
לאַכסט און — נעמסט די ביכער ברייט צולייגן
און אַט האָסטו שוין די ערשטע וואַנט.
אַזאַ פרייד און איך מאַך־צו די אויגן,
זע זיך וואַגלען אין אַ וויטן לאַנד.
כטראַכט: פאַרנאַכט, וועל איך דיין שטאָט דערגרייכן,
איידער סוועט זיך זעצן רויט די זון
וועל אריבערגיין דאָס בריקל איבערן טייכל
בוים און שטיבער שאָטענען אין רו,
כגיי אַריין אין געסל, —
סלייכט זיך אין דיין שטוב
אַ סענפטערל,
און רו.

אַקאָרד

שוין אַלט, שוין אַלט אונזער קליין פעלד
און מיד און שלאַבעריק איר טראַכט.
און אַזאַ אומהיימלאַכקייט פאַלט
איבער איר פּנים פרי־פאַרנאַכט.

די ביימלאַך ביי דעם גרויען ברעג
וואַקסן קוים, אַזוי דאַר און דין,
אַ ווינט קאַן קומען אין דער נאַכט
אַרויסרייסן און מיט זיי פאַרפליִ׳ן.

אַז אַרימס אונזער שטיקל ערד,
איר יעדער גראַז — אַ גאַטסגעשאַנק.
פרי־זומער־רעגן זינגט איר זיס
אַ ליכטיק איידל שיינגעזאַנג.

און אַז די הערבסטרעגנס ווי די הינט
די ווינטן, ווי די פייגל אויף רויב
באַפאַלען איר און זי וויינט צו אונז
און רופט אונז דורך דער נאַכטיקער שויב,

פאַרוואַגלט ווערט פון אונזער אויג
און אַפּגעטאַן די רו, דער שלאָף
די הערבסטנאַכט איז אַ ווילדער וואָלף
און אונזער פעלד אַ בלינדע שאָף.

זילבער - בלוי

פארן מארגן אזויפיל מורא —
וואס קאן דיר דער מארגן טון ?
וועט דיך לייגן אין בעט פון שטארבן ?
נו, שטארבן איז שטילקייט, רוען.

ער וועט דיין אקסל באשווערן
מיט א טארבע פאר בעטלברויט.
ער וועט מיט דיר טרויעריק לערנען
דאס ליד פון גאסן און נויט.

איז וואס די מורא, נאנטער ?
און וואס און פאר וועמען די שאנד ?
א בעטלער האט ריינע אויגן,
און א ריינע ליכטיקע האנט.

ער קומט דען בעטלען כבוד !
ער קומט דען בעטן רום ?
די נדבה פון ברויט איז מתנה,
און דער דאנק פאר ברויט איז פרום.

פונוואנען נעמען די תפילות
אזא זאפט פון שיינעם געזאנג ?
זיי נעמען עס ביים בעטלער
ביינאכט הינטער דער גארטנבאנק.

די לבנה זילבערט זיין פנים,
די לבנה פון דער ווארימער נאכט
און יוספס וואונדערלאכן חלום
צו זיין הארטן צוקאפנס געבראכט.

דער חלום — א גאלדענער לייטער
ביז צום זיבעטן הימל ארויף.
און בעטלער מיט זעק אויף די אקסל,
גייען מיט אים צו גאט ארויף.

זיי לייגן די זעק אנידער
פאר דער טרעפ פון גאטס געצעלט.

און אין אַלע זעק — דער עלנט
פון דער גרויסער עלנטער וועלט.

און אין אַלע זעק די בושה
און דער צער פון קינד און קייט.
אַזויפיל ביטערע קערנער טרויער
איבער דער גרויסער ערד פאַרזייט.

זיי האָבן דאָס גרויסע גערעטעניש
געשניטן און אַהערגעבערענגט —
א מתנה צום אייביקן בעטלער
פון די בעטלער פון דער וועלט געשענקט.

דער בעטלער איבער אלע בעטלער
שלאָפט נאָך זיין הימלישן שלאָף.
און די בעטלער מיט די זעק די גרויע
גייען און גייען אויפן לייטער
אויפן גאָלדענעם לייטער אַרויף.

דער קאָריצער

די מידה פון הכנעה לייטערט,
האָט ער די נאָנטע פאַרטרויט.
וואו קאָן אַ מענטש זיך קלענער האַלטן
ווי אין דער שכנות מיטן טויט.

שטיל איז מיר מיין האַרץ געוואָרן
פון ווייניק ווערטער און ווינציק רייד.
איך שרייב אַ ספרל אַן אָרימס
און לערן מיט זיך פשוטקייט.

די שיינקייט פון אַ פּראָסטן משל
איז צו אַן ערלאַך פּנים גלייך,
און צו דעם בלויען טיפן הימל
אין שפּיגל פון א גלאַטן טייך —

כ'בין דורשטיק אויף די קני געפאַלן
און האָב געטרונקען ביי זיין ברעג.
און לויטער האָט מיין אויג געשמייכלט
מיט פרייד צו איטלאַכן אין וועג...

די טריט פון אָרימע לויה׳ס,
פון אַלטע בוימער דאָס געשטאַלט —
אַלץ טוקט זיך אָפּ אין מיין נשמה
און איך פאַרשווייג און איך באַהאַלט.

דער אָרימאַן אין לייד באַטראָפן —
אַ קינד מיט קינדערשן געוויין.
וואָס קאָן איך מער, חוץ איינצושטילן
מיט מיין פאַרשטילטן אייגענעם פּיין.

כ'בין קליין און וייס נישט ווי צו צינדן
די גאָלדענע האָפנונג פאַר דער נויט.
כ'האָב קוים פאַר זיך אַ טרייסט געפונען
אין שאָטן פון בית עולם פלויט.

און אין דער רו פון אַלע מידע
וואָס שלאָפן שוין אונטערן שטיין,
איך טרייסט מיין האַרץ מיט זייער שטילקייט,
מיט זייער אויסגעלייזט געביין.

כהאָב אפשר אָפּגעניינגט אין שאָטן
פון דעם בעל שם טובס ליכטיקן וועג,
מיין לעבן ווי מיין אָרים שטיבל,
פאַררוקט צו ווייט אין טונקעלן ברעג,

ער וועט עס מוזן מיר פאַרגעבן,
אַזוי איז מיר באַשערט מסתם —
אַז אומעטיקער צווייג אַ קרומער
איבער אַ שטאַרקן ברייטן שטאַם.

די שונאים דײַנע

די נאַנטע דײַנע — מרגלים אין דײַן הויז,
קומען רעדן שײן און גוט אַרום דײַן טיש
זינגען פֿאָלקסגעזאַנג אַרום הויכן סעודה־ברויט.
אַז דו װעסט קומען מאָרגן אָנקלאַפּן הכנעה׳דיק אין זײער טיר:
די נויט איז אין מײַן שטוב־קעלער אַרײַן,
און גריזשעט שוין דאָס לעצטע זעקל מעל,
שקראַבעט אין די װענט אַ גאַנצע נאַכט.
דאָס קלײנװאַרג װעקט זיך, שרעקט זיך;
שטרעקן דאַרע הענט פֿון בעט אַרויס — —
אַז דו װעסט קומען בעטן,
װי פֿרעמד די שטומקײט זײערע װעט אַראָפּלאָזן איר אויג.
װאָס פֿאַר אַ װײַטער קאַלטער װעג
עס װעט זיך אויסשטרעקן פֿון זײער שװעל ביז דײַנער:
מיר װעלן אַריבערקומען,
מירן קומען זען.
און — זיצסט בײַם פֿענסטער מיט אַ גרויען קאָפּ
און װאַרטסט, װאַרטסט און אין דײַן שטוב
שײַלן זיך די גרויע טרוקענע װענט.
און דײַנע קלײנע עסן אָפּ דאָס מאָגערע שפּײַז,
זעצן זיך בײַם װאַנט אַװעק,
לײענען אומעטיקע־אומעטיקע מעשיות
װאָס האָבן אַזאַ שײנעם סוף.
אָט נאָך אַ בלעטל, נאָך אַ בלעטלע,
עס פֿינקלט שוין אַ גאָלדענער פֿונק.
דער װינטער לאָזט שוין גרעזלאַך גרין אין הויף
צװײ פֿײגל שטעלן זיך פֿאַרנאַכט
אויפֿן פֿאַררעגנטן טעלעגראַפֿדראָט,
פֿון אומעטיקע טרעפּעניש אויפֿן בלעטל 1913,
אַ שפּרונג אַריבער װײַט צו 2050.
װאָסװאָס פֿאַר אַ שײנע רײַד דאָרט ליכטיקן,
עס פֿאָרט די קאַרעטע מיט די בראַנזענע פֿערד,
דורך װאַלד און פֿעלד און טאָל און בערג,
אַ בריק אַריבער און אַ בריק אַרויף.
אָט איז שוין דער טויער,
דער באַשערטער הויכער טויער
פֿונם גאָלדענעם סוף.

אין ברויטנטאָל

ווייס און קיל
דער זילבערנער טאָג רינט
איבער דער אומעטיקער וועלט.
שטייען די קליינינקע אין די קאַלטע שטיבער־פּענסטערלאַך,
קלאַפּן מיט די פינגער־ביינדלאַך אין שויב.
וואַרטן אויף זייער פאָטער פונם פעלדוועג מיט א זאנג ברויט.

הינטער די קינדערשע פּלייצעס
גייט איבערן שטוב אַרום דער הונגעריקער טויט.
ער וואַרט ביז עס וועט ווערן פאַרנאַכט.
ער האָט מיט זיך זעטיקייט געבראַכט.
ער וועט זיי פרי׳ר אַוועקנעמען צום בעט פון שויב,
אויסגלייכן די קעפּלאַך אויף די קישנס שיין.
די הענט און פיס זיי אויסשלאַנקען און צודעקן פיין,
און איינרוימען אין אויער: שלאָפט, קינדער, שלאָפט איין.
איך וועל גיין אויפן ברייטן וועג הינטערן נאַכטיקן דאָרף
איך וועל ברענגען אייער פאָטער אַהיים.
מען זעט נישט קיין וועג פון וואַלד אַרויס, קיין פייערל פון אַ הויז
נאָר כוועל אים אויסזוכן וועג איין, וועג אויס.
די טיר געעפנט, די טיר פאַרמאַכט.
אַוועק דער פאַרנאַכט, געוואָרן נאַכט.
און אינמיטן דער נאַכט פון שוואַרץ און וואַלד
האָט דער טויט פאַרן האַנט דעם פאָטער געפירט.
ער האָט אים מיט זיין אָרעם אונטערגעשפּאַרט,
און פאַרן גרויען פאַרטאָג אים אַוועקגעלייגט לעבן טיר,
אויפן קאַלטן טויטן שוועל פון דער טיר.

נ. ב. אין דאָרף ברויטנטאָל,
האָט זיך סופּזומער באַזעצט דער הונגער אַמאָל.
אונטער אַלע זיינע שטרוי־דעכער
דאַרע ביינעריקע געזינד,
אויסגעדראָשענע זאַנגען פון ווינט.

אַ וואָרים

דער געלער וואָרים איז אַ קליינער,
דער רויטער עפּעל — גרויס און רונד.
דער קליינער וואָרים האָט אין עפּל
געמאַכט אַ געלע וואונד,

און איז אין אים אַרייַנגעקראָכן,
און קריכט שוין דאָרט אַ טאָג, אַ נאַכט.
דער געלער וואָרים האָט אין עפּל
אַ טיפע וואונד געמאַכט:

דאָס לייב פון עפּל איז קלאָר און לויטער,
אַ קילער פרישער ווייסער וויין.
דער וואָרים טרינקט דעם וויין פון עפּל,
דעם עפּלס לייב שרומפּט איין.

זיין רויטע פרישע הויט ווערט געלער,
דעם עפּלס פּנים קנייטשט זיך טריב.
דער וואָרים זויגט דאָס לייב פון עפּל:
עפּל, איך האָב דיך ליב.

און טיפער גראָבט ער, וויַיטער קריכט ער
און לאָזט נאָך זיך אַ געלן סליאָד
איבערן ווייסן לייב פון עפּל.
דער וואָרים ווערט נישט זאַט.

ער קריכט און זוכט דאָס האַרץ פון עפּל,
דאָס האַרץ פון עפּל איז נאָך ווייט.
און ביז אַהין איז דער וועג אַ זיסער —
דעם עפּלס לייב — זיין ברויט.

דער וואָרים האָט אַ ציל אַ גרויסן
ער גייט און קריכט צום וויַיטן ציל
דער וועג אַהין איז לויטער זומער,
דער וועג איז שיין און שטיל.

געחלומט

און די שווערע יארן
וועלן איבערלאזן
גאלדן ליכט פון טרויער,
וועלק אויף מידע גראזן

דארף דען ווער דא קומען
אויף די מעשים פרעגן?
עפן איך די טיר אויף ,
וויז אים מיין פארמעגן

פינף אלטע שטולן
און א טיש א גרויער,
און א בעט, א בעטל —
קינדערישער טרויער.

ביי דעם בעטל זיץ איך
שפעטע נעכט א מידער,
מורמל ווייטע ווערטער,
מיינע שטילסטע לידער.

לידער — הערן טוט זיי
נאר מיין אייגן אויער.
לידער — זאגן טוט זיי
נאר מיין אייגענער טרויער.

דא ביים שמאלן בעטל
ביי דעם וויסן צוקאפן,
נאר איך איינער הער דא
רואיק קינדעריש שלאפן.

נאר איך איינער זע דא
קליין די פיס באוועגן.
דורכן פענסטער פינסטערט
נאכט און שווארצער רעגן.

רעגן, נאכט און אומעט
וועלן גיך אריבער.

קומט דער שײנער מאָרגן,
בוימער בײַ די שטיבער.

שוין געוואָרן זומער ?
גריז און שײַן און וואָרים ?
קינדערישע קולות,
קינדערישער ליאַרעם.

שוין געוואָרן זומער,
כרײב זיך אויס די אויגן :
אויפֿן שמאָלן בעטל
ווײסע רו פֿאַרצויגן.

לידער

קלייב אויף די שיינקייט פון אויגן, גלידער,
פון קלוגן שווייגן דעם גאלדענעם רייץ,
פארזיי עס אין די בייטן, לידער,
ווי קארנקערנער, ווי קערנער ווייץ.

אויף ערלאכע לידער, ווי אויף שיינע גופ'ן
און ווי אויף בוימער — בליט פרומער צוויט.
און זייערע פרישע ריחות רופן
צו יעדן נייעם ווינט וואס פליט.

אויף ערלאכע לידער טוט דער זומער בויען
זיין נעסט און זינגט פון איהם און שפילט.
און סרועז אויף זיי וואסער־טויען
אין ווייסן נעפל איינגעהילט.

ווי נאכט וועבט זייער שטילקייט סודות
און ווי פרימארגן — זון און קלאר.
און זייערע ווערטער זיינען עדות
אויף דעם וואס האט נאך ניט קיין ווארט.

פון ערלאכע לידער פאלט די זריעה
ארום די ראנדן אויף זייער בייט.
און ווינטן קומענאן צופליען
צוטראגן זיי אויף פרעמד און ווייט.

און לאזן זיי אויף גוטן באדן
ווי אין געבענטשטער רו פארטרויט.
און פון די נעכט מיט טוי באלאדן
רופט זיי די ליכטיקע זון ארויס.

אזאַ היים

וואָס איז די וועלט ? אַזאַ היים.
מענטשן ? — אַזעלכענע ברידער.
וואָס איז ביז איצט דאָ געשען ?
מעשיות אַזעלכע און לידער.

האָבן מיר פאָטערס געהאַט
ערגעץ אויף מזרח׳שע ברעגן.
גרינט נאָך דאָס אייגענע בלאַט,
זינגט נאָך דער אייגענער רעגן.

ערד איז פון אייביק־אָן — ערד,
וואַסער וועט וואַסער פאַרבלייבן.
וואונדער געזען און געהערט —
קאָן זיי אַ האַנט דען באַשרייבן.

און אונזער וואָרט ? אַזאַ׳ן אות,
ווייזט מיט אַ פינגער אין הימל.
הערבסטזון שפּרייט איבערן גראָז
זשאַווער און גאָלדענעם שימל.

טרויער — דער פאָטער פון טויט,
לערנט אונז לידער פאַרפאַסן.
זיס איז זיין גויט און זיין ברויט,
בעטלט פאַר אונז אויף די גאַסן.

אַלט איז זיין לירע פון האָלץ
סטרונעס — שטאָלענע, שטאַרקע.
באַוויינט אונזער פינסטערן שטאָלץ
איבער די שפּל׳ע מאַרקן.

שלעפּט זיך פאַרנאַכט אַהיים
דורך טונקעלע גאַסן אַ מידער.
וואָס איז די וועלט ? אַזאַ היים
מענטשן ? — אַזעלכענע ברידער.

איך קאָן . . .

איך קאָן די אָרימקייט בײַ אַלע זיבן נעמען,
איך ערלאַד וואָרט — ביז צו דער זיבעטער הויט
איך האָב בײַ קיינעם גאָרנישט וואָס צו נעמען,
וואָס זאָל מיר זײַן געשמאַקער ווי איר ברויט

אַזאַ מײַן אוצר טרויער אין איר שווײַגן,
און אין צאָרן — אַזאַ הויכער ציל.
פאַרגיט מיר, קינדערישע אומעטיקע אויגן
וואָס כהאָלט זיך אײַנערנידער, אײַנדערשטיל.

און מונטער ניט די קריגערישע פּאָנען.
איך ווייס איר זענט גערעכט, צענמאָל גערעכט.
אין אײַער פּײַנלאַד פאָדערן און מאָנען
איז אויפמאָנען דעם שונא׳ס בלינדע שווערד.

איך וואָלט ארומגענומען אַלע אײַערע שטיבער
די אומבאַהאָלפענע אויף ווייסטע רויע טעג
ביז סוועט דעם שונא׳ס פּײַערבראַנד אריבער
און אײַנשטילן די קינדערס טונקעלע שרעק.

דאָס איז דאָס קלענסטע, ווינציקסטע, מסתמא,
דער מינדסטער אפּערט זיכער מער פון מיר.
איך האָב פאַרלאָרן אויף אַן אַנדער מין מלחמה,
בײַם סאַמע שאָטן פון מײַן שוועל און טיר.

און אײַער גלויבן, און אײַער גרויסער וואונדער
און אײַער גרויסער צאָרן — שטאַרקט מיך אויך,
כ׳בין שטיל, דערפאַר מיינט איר איך גיי באַזונדער,
כ׳בין נישט דאָס מויל וואָס רופט און יובלט הויך. —

איך בין דאָס אויג אײַערס אונטער די ברעמען
וואָס קוקט און זעט מיט אַ פאַרשוויגענער טרער.
פאַר צופיל ווייטיק טו איך זיך נאָך שעמען,
פאַר צופיל יובל — שעם איך זיך נאָך מער.

אידיש

מאמע אידיש,
וועסט נעמען אונזער פּאַק מיט ספּרימלאַד
אויף דיינע געטריינע אַקסל — איבער דער וועלט.
אפשר וועסטו קאָנען ערגעץ אַפּשטעקן
אַביסעלע פון אונזער נייעם אַלטוואַרג.

אפשר וועט דער גוטער האַר פון אָקספאָרד,
קעניגסבערג, קאָלאָמביע, מק'גיל,
אָפּקויפן ביי דיר אַ פּאָר שפּאָגל־נייע שמות.

אפשר וועט דער גוטער פיינער אדון
פון דער אוניבערסיטא דירושלים
ברעכן זיין האַרטנעקיקייט,
און דיך אַרויפלאָזן אויפן ערשטן מאַרמאָר־טרעפּ,
אָפּקלייבן ביי דיר אַ בלעטל אַש,
א דפ'ל מענדעלע,
א קונטרס שלום עליכם.

רעד אים איין, דעם אדון,
בייג זיך פאַר זיין שטאָלץ,
ראַטעווע פאַר אונז א חלק אייביקייט.
זאָל זיין אין שטויב,
אין פינסטערן בײנאַכטיקן שאַרד
פון די וואָוילגעלערנטע אַרכיוו־אַכברים,
אָבער עפּעס, עפּעס.

פאַרוואָס זאָלן מיר מער ווי איטלאַכער פאַרשעמט זיין.
שטעל זיך איין פאַר אונזער גרויסער קריוודע.
פאַרזיכער אים דעם גוטן אדון,
אַז סאיז דאָס לעצטע שוין.
און זאָג אים צו נאָך אַ מתנה —
אונזערע טינטערלאַד און פעדערס.
אפשר וועט ער זיך לאַקאָמענען אויף אַזאַ אַנטיק ?
און דו אַליין וועסט זיך נאָך איינבעטן ביי אים אין דינסט —
אָפּקערן די טרעפּ פאַר די איידעלע טריט
פון די געבענטשטע קינדער פון דער האַרנטע,
וואָס דאַרפן אָנצינדן דעם נייעם העלן פאַקל
איבער די שפיצן פון די אַלטע גרויע בערג.

חורבן שרייבט מיר:

שיק אַ גראַשן.
אַן אַלטן ראָק, אַ פּאָר קאַלאָשן
און אַ היטעלע אַ וואַרימס. —
כהאָב אַ אינגעלע אַן אָרימס,
און אַ זיידעלע אַ טויבן —

ביידע שטילע, גוטע טויבן.
לערנט זיידע מיטן אינגעלע גמרא.
ביידע האָבן שטימען קלאָרע
זינגען זיי ביי טאָג אַ בלאַט גמרא.

און ווייטער:
באָבעלע איז שוין ניטאָ מער.
נאָך פאָראַיאָרן זומער
אויפן שוועל פאַרטראַכט געזעסן,
זיך פאַרגעסן,
און — געשטאָרבן,
אַנגעשפּאַרט אַן טיר.
גייט צו די קאַץ צו איר,
קריכט אַרויף איר אויפן פאַרטוך,
ציט־צונויף־זיך אין אַ קנויל
און — דרימלט גוט און וואויל.
שלאָפן ביידע פאַר דער זון
און רוען.
פאַרנאַכט ערשט, ווען די זון איז פאַרגאַנגען,
און קאַץ איז אין שטוב אַריינגעגאַנגען
האָט מען באָבעלען געזוכט און דערזען
וואָס סאיז געשען.
האָט מען באָבעלען באַגראָבן —
דאַרף מען אַ פּאָר גראַשן האָבן
כאָטש אַ הילצערן ברעטל שטעלן. —

שיק אַ גראַשן.

דאָס בוך פון ווידוי

דאָס בוך פון ווידוי איז ווי אַ קליינע שטוב
הינטערן ישוב ביים זייט פון וועג.
אַהין קומט צוגיין אַ מידער מענטש,
זיין אַליין אין די לעצטע טעג.

דאָס איינציקע פענסטערל אין דער וואַנט
קוקט ארויס אויף אַ ווייטן פעלד.
מיט אַן אנדער ליכט, מיט אַ רואיק אויג,
קוקט די זון דאָרט אַראָפּ אויף דער וועלט.

און לויטערער, און ליכטיקער ווערט
יעדער רגע, יעדער שעה — ווערט רו.
וואו גייען די טעג און די זונען אַוועק ?
נאָר אַ נייגעריק קינד פרעגט : וואו ?

ניט די זון, ניט דער טאָג גייען פונדאַנען אַוועק
און נישטאָ קיין פונוואַנען, וואוהין,
אַ פויגל פליט מיטן זומער אַוועק
און קומט מיטן זומער צופליי׳ן.

און דאָ אין דער לעצטער שעה פון דאָרף
אין די פיר שטילע גרויע ווענט,
זאָג איך ווידוי מיט מיין אייגן לייב,
מיט מיינע מידע דינע צוויי הענט.

אַזיוווי דאָס פעלד אַנטקעגן ליגט ריין
און די זון רוט מילד איבער דעם
אַזוי רוט אויף איטלאַך וואָרט גאָטס גענאָד
אין די בלעטער פון שבחי בעל שם.

איך לייען זיי איצט אין מיינע מידע טעג
און מיין טרויער ווערט איינגעשטילט,
אַזיוווי אַ שאָטן אונטער אַ בוים
אין פאַרנאַכטיקן זונשיין געהילט.

דער טויט

אויך דער טויט קומט אַפּט צוגיין
מיטן פרייען זומעריקן וועג,
אונטער דער יונגער זון.

די ווינטן קושן די בוימער.
די ווינטן קלאַפּן אין די שויבן
וואו די אויפגעוואַקסענע נייע מיידן שלאָפן.

די קינדער לויפן אַרויס
דורשטיקע:
האַ־האַ־האַ!
גוטע וועלט.
וואו ביזטו געווען,
אַ גוטע, גוטע וועלט,
וואו האָסטו באַהאַלטן דיין הימל?

און ער גייט אַרום דער טויט
צווישן די דערפרייטע קינדער.
גייט צו צו אַ קליין אינגעלע,
אַ דינס,
אַ שטילס,
אַ זייער גוט אינגעלע.
און ער נעמט עס אַרום,
קיל, קיל נעמט ער עס אַרום:
שטיל אינגעלע.

און ער גייט אַוועק.

ביינאַכט.
אַלע שלאָפן.
שטיבער שטייען פינסטער.
שטום.

קומט דער טויט צוגיין,
בלייבט ביי אַ שטוב־טיר שטיין
(דער טויט האָט שליסלען צו אַלע טירן.)
און גייט אַריין.
גייט צו דעם בעט און קוקט:
שיין אינגעלע שלאָפט.

ער רירט פּאַמעלאַכן זיין דין הענטל אַן:
אינגעלע, אינגעלע.
קליין אינגעלע שלאָפט.

דאָס אינגעלע עפנט די אויגן
און קוקט בלייך, בלייך.

דאָס אינגעלע זעט:
דער טויט האַלט אַן זיין האַנט.

דאָס אינגעלע הערט:
אינגעלע,
פוניענערזייט פענסטער
איז שוין באַלד אינדערפרי.

אינגעלע.
איך האָב אַרויסגעלאָזט איבער דער ערד
אַ וואָרים דין רעגנדל.
דאָס רעגנדל איז זייער אַ וואוילס,
ער רופט די גראָזן:

גריז, גריז, גריז,
גריז, גריז, גריז,
גראָזעלאַך קומט אַרויס.
נאָר די גראָזן ווילן נאָך שלאָפן.

דאָס אינגעלע האַלט אָפן גרויס
די אויגן און הערט ווייטער אויס:

ווילסט, אינגעלע,
איך וועל דיר געבן שיינע גראָזן.
איך וועל דיר געבן קליינע ביימעלאַך,
און גרויסע בוימער אויך,
אינגעלע.

ווילסט, מיין אינגעלע,
וועל איך דיר געבן אַ גרויסן גאָרטן
אַ—ז—אַ גרויסן, גרויסן!
און פייגעלאַך אויך.
פון אַלע לענדער,
פון די בלויע לענדער,

פון די רויטע לענדער,
און פון די ווייסע לענדער,
אַלערליי פייגעלאך.

דאָס אינגעלע הערט,
דאָס אינגעלע איז שיין,
דאָס אינגעלע איז פרייד.

דאָס אינגעלע מאַכט צו די אויגן
דער טויט קושט אים זייער, זייער שטיל
אויף די בלייכע ברעמען.
דורכן פענסטער קוקט דער גרויער הימל.
ביינאַכט איז געגאנגען אַ רעגן,
און גרוי איז נאָך געבליבן דער הימל.

זונגאָלד

אַ בעטלער איז איבערן דאָרף געגאַנגען
געשמעקט פון סעדער דעם עפּל־צוויט.
די זון איז גרויס און קלאָר געהאַנגען
אין הויכן הימל אינדערמיט...

דאָס קליינע קלויסטערל דאָס דינע
האָבן פאַרבערס אָבגעפאַרבט אין בלוי.
אַ בלוי ווי קינדערשע אויגן שיינע,
פרימאָרגנדיק און פריש און ניי

דאָס צלמל האָט זיך צופינקלט
מיט אַזאַ בליציק־שאַרפן גאָלד,
אַז ס'האָט דעם בעטלערס אויג געטונקלט,
אַז סהאָט דעם בעטלערס האַרץ געשטראַלט.

און רייך אַזוי איז דער טאָג געלעגן
אין סעדער־גרין צושפּילט, צובליט —
אַ ברייטער טייך מיט גאָלדענע ברעגן
וואָס וויגט זיך אין זיין פול געמיט.

דער בעטלער איז פון דאָרף אַרויסגעגאַנגען
איז מיט אים מיטגעגאַנגען דער פאַרנאַכט.
פון וויטן קלויסטערל, ווי אַ הויפן זאַנגען
האָט סגאָלדענע צלמל צו אים געלאַכט.

און אַז...

און אַז איך זע זיך קליין
הינטער מיין גרויער טיר,
בין איך דיין קינד און וואַרט,
און קוק אַרויס אויף דיר.

און אז דו קומסט אַן שפּעט
און כּפּאַל אַנידער מיד
דערהער איך אין מיין שלאָף
די רו פון דיינע טריט.

און אַז איך כאַפּ זיך אויף
און דו ביזט שוין נישטאָ.
דיין אָטעם — אינם ליכט
פון דער פרימאָרגן שעה.

דאָס ערשטע ליכט פון זון
אויף ווענט און דיל אַרום.
אין יעדער שאַרד און ריר
איז פרידלאַך גוט און פרום.

די האַסט מיך דורך דער נאַכט
געהיילט און כּבין אַצינד —
אַ ווייכער יונגער צווייג
אין פריען זומער־ווינט.

און ווידער האָב איך קראַפט
צו לעבן אויף דיין ערד,
און נאָכגיין נאָך דיין קול
וואָס כּהאָב אין טאָל דערהערט.

מיין תהילים

א.

די שבתים און יומטובים
ווי די ווייסע ליכט — פאַרלאָשן.
וואָגלט זייער ריינער ניגון
איבער פרעמדער וועלט פאַרלאָזן.

און די ווינקלען אַלט, צופאַלן,
גרויע שמות פון סידורים,
מידע געלע בלעטלאַך פאַלן
פון די בוימער איבער קברים.

מאַך איך צו די אויגן, זע איך:
פון אַ ווינקל, קליין, פאַרשלאָגן,
קומט צו מיר דער שטילסטער ניגון:
לאָמיר ביידע תהילים זאָגן.

רוענדיקע גאַסן ליגן
אין נאָכמיטאָגדיקן דרימל,
און אַ זילבערן וואָלקנשיפל
שיפט זיך איין אַליין אין הימל.

ב.

אַלטע ספרים.
קיינער קומט נישט עפענען זייערע טירן,

אינם קליינעם תהילים,
ווי אין אַן אַלטן שטיבל
קום איך יעדן טאָג —
אַן אָרימאַן פון געסל בין איך,
האָב שוין דורכגעשלעפּט זיך
אַלע הינטערגעסלאַך
פון גאָטס אָרימלאַנד.

כזאָג צום תהילים:
כ'בין אַן האָפנונג.
וואָס? אויף וועמען?
וואָסער מאָרגן?

סאיז מיין דור
דער דור פון יאוש.
הוילע הויכן,
הויבט ניט מער די אויגן,
רופט קיין הילף נישט
פון די בערג.

און אין די מערק
אַ שטיקל טאָג מיט האַנדל.
שפּעטער אין אַ שעה אַ טונקלער
ווען די פאַרשלאָפענע קומען
זעק מיט איבערבלייב אויף איינגעבויגענע אַקסל
זעצן זיך ביים וואַנט זיך וויגן, וויגן,
שטום און שטום שוין אַן אַ ניגון,
אַן אַ ניגון.

וועלט איין, וועלט אויס

— וואו ווילסטו וואוינען, ברודער ווארט ?
וואו זאָל איך בויען פאַר דיר אַ הויז ?
— אויפן וועג וואו דער טויטנוואָגן פאָרט —
וועלט איין וועלט אויס, וועלט איין וועלט אויס.

דער לעצטער טרויער פון דער ערד,
דער לעצטער טרויער פון דער וועלט
רוט שטיל אויף יענעם פלויט פאַרקלערט,
און שפרייט זיין פרומקייט אויפן פעלד.

כ׳וועל קוקן דורך מיין פענסטער שטיל
ווי אַלע פאָרן פון דער וועלט אַהיים.
ניט ווייט אַהינטער שטייט די מיל
און דאָ שטייט הערבסטיק קראַנק דער בוים.

די בלעטער פאַלן פון זיין קאָפּ
דער ווינט שפרינגט אויף זיינע צווייגן אום.
אין פייער גייט די זון אַראָפּ,
און ווי די ערד איז איר טרויער שטום.

איר שטומער פייער ליגט און בלענדט
איבער די גרויסע פעלדער רויט.
און איילנדיק בויט דער אָוונט ווענט
פון טונקלער נאַכט און שוואַרצן טויט.

כצינד אָן דעם אַלטן לאָמפּ אויפן טיש,
דריי נאָר אַ שפּיץ פון קנויט אַרויס.
די שמות וואָס איך בלעטער, מיש, —
וועלט איין, וועלט אויס, וועלט איין, וועלט אויס.

די שפּעטקייט ברענגט אַמאָל אַרויס
די לבנה אין איר זילבערטראַכט
די וועלט ווערט דעמלט צענמאָל גרויס,
און צען מאָל טיפער ווערט די נאַכט.

כישוף

דיין משפט הענגט איבער מיין קאָפּ
און וועט אַרונטערפאַלן.
דערווייל נאָך פירט מיך אויף און אָפּ
דיין האַנט צו דיינע קוואַלן.

איין רגע זון, איין רגע ליד,
און ס׳איז מיין טאָג געזעטיקט.
און גרינג זיינען דעם אָוונטס טריט
און זי, וואָס האָט פאַרשפּעטיקט

איז פאָרט געקומען און פון איר קלייד
ווייט פּרייד אָן פונדערווייטן.
דו האָסט מיין טייל מיר אָנגעגרייט
אין פינסטערן הייל פון נויטן.

אַזאַ ווי איך, באַלאַדן שווער
מיט ליבּ־גענומענע ליידן
איך ווייס: עס וועלן קומען מער
און ווער קאָן זיי פאַרמיידן?

כבין מידער פיל ווי כבין געווען
און יאָרן האָבן די קאַרבּן
צונויפגעשטעלט פון גאָרן געשען, —
איין וואָרטיקע שורה: שטאַרבּן.

אַ טרויעריק נאָר אַ זיכער וואָרט
מען דאַרף זיך צוגעוואוינען.
דער טונקעלער טויטנוואָגן פאָרט
מיט איינציקע פאַרשוינען.

און איטלאַכער וואָס גייט אַוועק
ווערט אייגענער אין ישוב.
און דער פאַרנאַכטיקער הימלבּרעג
וועבּט טרויעריקערן כישוף.

ריין

פאַרנעם דאָס האַרץ פון אַרימע געמיטער,
וואָס האָבן נאָר אַן איינציק ליכטיק וואָרט
פון אַלע אוצרות דאָ, פון אַלע העלע גיטער,
אין ליידן און אין שווייגן אויסגעקלאָרט.

אין מיטן וואָרט ווי מיט אַ גוטן פירער,
פאַרנעמען זיי זיך אויפן שווערסטן וועג.
אין זייער בלאָנדזשן טוען זיי נישט פאַרלירן
דעם גלויבן און די זעאונג פונם ברעג.

זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע הויכע שכר'ן,
פון אַלע לוינען — קליין זיך אָפּגעקערט,
און פונם הויכוועג וואו די יאַלדן־נאַרן
באַווייזן זיך אויף זייערע הויכע פערד.

פאַראַן אַ פרייד וואָס פירט דורך וועגן שמאָלע —
אַ וואָסער אונטער גראָזן איינגעהילט
ביים זייט פון בערג און וואַלד און ברייטע טאָלן, —
אין יענער פרייד ווערט אַלצדינג איינגעשטילט.

אַלע רוישנדיקע טומלען ווערן פרומער,
אַלע רייסנדיקע יובלען שטילן איין
וועלט־פאַרנאַכט אין גאָלד פון שפּעטן זומער,
רו פון הימלען — קוואַלוואַסער פון שטיין.

אַ בענטשנדיקע ווייסע האַנט אַ גרינגע
שפּרייט אויס איר ברכה איבער גאָר דער ערד.
אַזוי געמוזט האָט דער בעל שם טוב תהילים זינגען,
אַז וואויל איז די וואָס האָבן עס געהערט.

דיין הויז

דיין הויז איז מיר אַ פרידלאַך הויז פון תפילה,
אַלט זיינען און גרוי די ווענט אין אים,
אין מיינע טריט, אין מיינע רייד די שטילע —
דער עכאָ און דער ענטפער פון דיין שטים.

און ווען איך בין געקומען דיר דערציילן
אונטער די פיר אויגן פון די ווענט,
מיין בייזע אַנגסט וואָס קאָן זיך נאָך ניט היילן,
האָסטו זיך מיר אין נאָענטקייט דערקענט.

אַלע זינד און אַלע שולדיקייטן
ווי פלעקן פון מיין לייב און בלוט ארויס,
האָסטו פאַרמעקט, פאַרדעקט, מיר זאָל ניט וויי־טאָן. —
בין יעדן טאָג געקומען אין דיין הויז.

אין דיין רשות האָב איך זיך אָפּגעגעבן
ווי כוואַלט געקומען אין אַ הייליקער שטאָט.
האָסט דורכגעפירט דיין אַקער אויף מיין לעבן,
פאַרזייט אין אים די קערנער פון דיין גנאָד.

און אויפגעגאַנגען זיינען שטילע גאָבן
מיט ווייסן ליכט איבערן קליינעם צוויט.
צי דאַרף איך דער דאָ עפּעס שענערס האָבן,
ווי דאָס וואָס איך קלייב אויף אונטער דיין טריט.

עס זינגט מיר —

כוועל דיר אַ דאָרף אַ שטילן געבן
אין ברייטן טאָל — אַ קליין אַלט הויז
און קליין און ריין וועט זיין דיין לעבן
ווי סגראָז וואָס וואַקסט פון דער ערד אַרויס —

אַ בוים אַ גוטער און אַ פרומער
אין דעם געגנאַד פון אַלע טעג —
אַ קעניג — הויך אַנטקעגן זומער,
אַ בעטלער — ווען ער גייט אַוועק.

ביים ברעג פון טייך די קינדער — ווייסע
אין פרייד און שפּיל און וואַרימען זאַמד.
און איינס דערציילט אַ וואונדער־מעשה
פון שיפן אויף אַ גרויסן ים.

די שיפן פאָרן אין ווייטע לענדער,
אין שיינע לענדער פון דער וועלט.
סהאָט יעדער לאַנד איר שיין־לעגענדע
איר ליבליד און איר וואונדערהעלד.

דער טאָג אויף זיינע דינסטע פעדים
שפּילט איבערן ים זיין הערלאַד ליד.
די שיפן גייען און זיי לאָזן
נאָך זיך אַ זילבערדיקן צוויט.

עס זינגט און קלינגט מיר אַזאַ מעשה
און גוט און טרויריק ווערט דערפון.
איך האָב אזויפיל קינדער ווייסע
געזען ביים טייך היינט מיט דער זון.

אַ ליד

דאָרף — אַ בוים, אַ באַרג,
שטאָט — אַ טעמפּער מויער.
וואָס שרייט אַזוי דער מאַרק,
און דרייט מיטן חזירשן אויער ?

ער האָט אָפּגענאַרט אַ קינד
מיט ווינציקער צוויי גראָשן.
די סוחרימלאָך, די הינט,
כיטרעוון מיט טוכלען לשון.

דאָס אינגל חשבונ׳ט און ציילט
פון האַנט צו האַנט דעם מזומן —
און סציטערט בלייך זיין מויל
אַז ער קאָן צו זיך ניט קומען.

נאָר דער זומערטאָג איז וואַך
און אויף אַלע הימלען אָפן :
וואָס ביזטו, אינגל, פאַרטראַכט ?
און וואָס האָט מיט דיר געטראָפן ?

און סטוט זיך דאָס אינגל אַ ריר,
ווי אַ פערדל, אונטערגעטריבן
אַ שפּרינג אַריין אין טיר
מיט שפּיציקע לעקערלאַך זיבן.

און קליינוואַרג האָט אַ סעודה געמאַכט
און מיט קאַלטער וואַסער פאַרטרונקען.
ביז וואַנען סהאָט דער פאַרנאַכט
איז פענסטער אַריינגעוואונקען.

און זיי האָבן געזונגען אַ ליד,
אַ ליד פון אַן אָרימען פויגל
וואָס פליט איבערן ים און פליט,
און צו קיין ברעג נאָך ניט דערפלויגן

און זייערע טריט

צו אויסלעבן דעם טאָג געוויינלאַך,
און קיינעם ניט באַרירן שלעכט,
און וואָס איך האָב דאָס טוט מיך זעטן
און גאָט און וועלט טוען מיר גערעכט.
און אַז איך בין היינט רואיק געווען
קומט מאָרגן ערלאַך צו מיין טיר.
און וואָס ער ברענגט איז אַ מתנה,
איז אַ געבענטשט געשאַנק פאַר מיר.
אַז איטלאַך ריר פון פוס אויף באָדן
און איטלאַכער באַוועג פון האַנט
און איטלאַך ביסל זון פונדרויסן
וואָס שפּילט זיך גאָלדיק אויפן וואַנט,
באַוועגט צו בענטשונג מיינע ליפּן
און מיין געמיט צום פרום געבעט.
כבין יעדן טאָג דאָ ווי אַ קראַנקער,
וואָס גייט געזונט אַראָפּ פון בעט.
און זעט די וועלט מיט נייע אויגן
און אַטעמט מיט דערפרישטן טעם.
און כבין ביז איצטער בייגעקומען
פון אַלע ליידן זייער סם.
און דורכגעגאַנגען אונטערן צאָרן
געשטאַרקט אין מיין צובראַכנקייט.
און כזאָג ניט אַז די קאַלטע עלטער
האָט אויף מיין קאָפּ איר ווייס געשנייט.
מיר איז באַשערט אַזאַ מין יונגשאַפט
אונטער אַ קילער זילבער־זון
און כזע די אייביקייט אויך בליען
אויף די וואָס שלאָפן שוין און רוען.
די מעשים זייערע נאָך וואַקסן
ווי בוימער ביי די וואַסער ברעגן.
און זייער רו און זייער גוטסקייט
איז אויסגעשפּרייט פאַר אונזערטוועגן.
ווי גוטער פּירות — זייערע מידות —
געשמאַקער האָניק אויפן גומען
כזאָג יעדע שעה אַ וואָרט פון תפילה
וואָס כבין אויף זייער שטעג געקומען.

ראַדירונגען

צום לאַנד פון נעכטן און צום לאַנד פון מאָרגן
האָב איך זיבן שיפן אַרויסגעשיקט.
אין זיבן טעג און — פון לאַנד פון נעכטן
דריי שיפן זיינען שוין דאָ צוריק.

די קעלערס פול און אָנגעלאָדן
מיט אוצרות שיינקייט אַן אַ צאָל.
אַנטיטשנע וואונדערלאַכע כּלים
פון גאָלד און זילבער און קרישטאָל

מיט אַזאַ מייסטערהאַנט געשליפן,
ווי איידל זיסער פידלשפיל
ווי דינע פּסוקים תּהילים־ליריק,
די שניצערייען און דער סטיל,

איך האָב די שיפן אויסגעלאָדן
און — אויפן ים זיי אָפּגעלאָזט.
איך זיץ אין קאַמער און קריץ אַרונטער
פון איינציקע דעם געלן ראָסט.

ווי זון פון אונטער רויך און וואָלקן
פון אונטער דער דיקער הויט גייט אויף:
ראַדירונגען פון דאָרפס־ישובֿים
פון חיה, טייך, און וואַלד און הויף.

די לאַנגע דינע ברונימשטאַנגען
די העכסטע שפּיצן שטעקן אַרויס.
און אויפן נידעריקסטן שטיבל
צוויי ווערטער פּשוטע: גאַטס הויז.

דריי טרעפּלאַך פירן אַהין אַרונטער
און דער וואָס טרעט אַהין אַראָפּ,
בלייבט שטיין אַ לאַנגע ווייל געבויגן,
מיט אַ הכנעהדיקן קאָפּ.

אַלטע ווערטער

אַלט אידישע ווערטער — ווי אָרימעלייט,
באַגלויבטקייט, גוטסקייט אין די אויגן.
זיי קומען פלוצלינג, ווי פון זייער ווייט,
אַביסל גרוי שוין און איינגעבויגן.

אונטערן עול פון נויט איז זיי דער האָרב —
אַ סימבאָל פון ליידן אויסגעוואַקסן.
איך זע זיי: אין דער האַנט אַ שווערער קאָרב
שלעפט צו דער ערד אַרונטער זייערע אַקסל.

כרוף זיי אין מיין ליד ווי גוטע געסט
זיך אָפּרוען, זיך אונטערלענען,
שיינע ליכטיקע אַלטקייטן — וואָס איך פאַרגעס
טו איך זיך דורך זיי דערמאָנען.

האָט היינט זיך אָן זיי אָנגעכאַפּט:
אַ לאָזט זיך מיר אין אייך באַהאַלטן,
בין ווי אַ שיף ביים האַפן־ברעג צוקלאַפּט,
שוואַרצער ים יאָגט בייז דורך אַלע שפּאַלטן.

וועלט איז מיר געוואָרן וויסט און שווער,
שוועל און היים ווי אין טומאַן פאַרטראָגן.
און פונם שענסטן פליען אָן אַהער
זיך לעשנדיקע קליינע שרפה־פונקען.

בלוי

די גויט, די קעניגין פון אונזער גאַס
האָט שוין אַן אַלטן גרויען קאָפּ.
זי איז אַ דינסט אין אוטרעמאַנט*)
נאָר זונטיק קומט זי צו אונז אַראָפּ.

זי האָט אַ צימער אין סאַלוויישאַן הויז
און זומער אַז דער טאָג איז שיין,
קומען אַלע קינדער פון נאַנט און ווייט
אין גרויסן הויף פון הויז צוגיין.

זי פּוצט זיך אַלע זונטיק אויס:
פון גאָלד פּאַפּיר אַ שיינע קרוין.
אַ לאַנגע ליכטיק בלויע קלייד
און פריילאַך ווערט זי און יונג און שיין.

און אויך די קינדער טוט זי אָן
מיט קרוינען פון פּאַפּירן גאָלד.
און נייע נעמען גיט זי זיי
ווי איטלאַכער פון זיי האָט האָלד.

דעם רופט זי: גינגאָלדענער לייב
דער צווייטער — שיינע ווייסע הון,
און דער: לבנה פונם דאָרף
און דער: פאַרגייענדיקע זון.

זי זעצט זיי אין אַ גרויסער ראָד
און זי אַליין אין סאַמע מיט.
און הויך אַזוי און העל אַזוי
קלינגט זייער פרייד און זייער ליד.

און אַז זיי זינגען אָפּ דאָס ליד
רוקט ענגער זיך די ראָד צונויף
און אויגלאַך שוואַרץ, און אויגן בלוי,
פאַררייסן זיך צו איר אַרויף.

*) א רייכע געגנט אין מאָנטרעאל.

און פרום און מיט אַ ליבן טאָן
און מיט פּאַרטייטשנדיקע הענט,
דערציילט זי זיי די מעשהלאַך
פון אַלטן און נייעם טעסטאַמענט.

און וויפיל ליכט און וויפיל זון,
און וויפיל גאָלדענע פרייד
עס שפּילט אין זייערע פּנימער
עס בליט אין אירע פרומע רייד.

די קרוין איבער איר גרויען קאָפּ
אין בליצנדיק זונשיין בלענדט
ווי זילבערווייסע טויבן צוויי,
די דינע פלאַטערדיקע הענט.

כקום יעדן זונטיק אַהין צוגיין,
און שטעל זיך ביי דעם פלויט אַוועק,
און שפּאַר זיך אָן און קוק און רו
פון מיינע וואָכעדיקע טעג.

זילבער - ליכט

וואו זיינען זיי אַהינגעקומען
דאָס ווייסע ציגעלע מיטן ליד ?
זיי זיינען מיטן ווינט פאַרשוואומען
אינאיינעם מיטן ווייסן צוויט.

צו מיינע נאָזלעכער דערגרייכן
די פרישע ריחות פון פריע טעג
וואָס שוימען אַפּ די קעלט פון טייכן
און רוימען אַפּ דעם שניי פון וועג.

די שלאַנקע גופים פון די ביימלאַך
דערפילן זייער זאַפטיק לייב,
די הימלבלויקייט שמייכלט היימלאַך:
נו, נעם דיין טינט־און־פען און שרייב

דער טאָג איז קלאָר אַ ווייסער בויגן
פון סאַמע ליכטיקסטן פּאַפּיר.
און יעדע שטוב האָט בלויע אויגן
און שלאַנקע אָרעמס יעדע טיר.

די ערשטע קעצלאַך אויף די שוועלן
כאַפּן אַ ציטער נאָך פאַרנאַכט
נאָר סאיז זיי זיכער וואוילגעפעלן
וואָס סהאָט זיך זומער שוין געמאַכט.

פון הינטער אַלע דעכער וואַרטן
אַ פאָלק פון ווינטער־קליינוואַרג בלאָס
אויף וואַרים זומער־גאָלד אויף צאַרטן
וואָס נעמט שוין פּלאָסטערן די גאָס.

זיי שפּאַרן שוין דורך האַרטע שויבן
די קינדערישע קעפּלאַך ווייך
און וואַרקען ווי די ליבע טויבן
פון די געזימסן אינדערהויך.

באַלד וועלן זיי אַ פּלאַטער געבן
און אַלע אינדערוויט און ברייט

איבער דער גרויסער גאַס צושוועבן
און אַפּלאַזן די מאַמעס קלייד.

און די וואָס קאָנען זיך קוים באַוועגן
און קייקלען זיך נאָך ווי די ניס,
דער פרישער גוטער זומערדעגן
וועט זיי שוין שטעלן אויף די פיס

און — פולע גאַסן ראָד און רעדער
צוזינגט אין הויף און וועלט און שאַלט.
נו, דאַרף מען האָבן פעלד און סעדער?
נו, דאַרף מען האָבן קוואַל און וואַלד?

די שענסטע נעסטן — אַלטע שטיבער
און אונזערע פייגל—זעט איר ניט?
און נאָך אַ זומער וועט אריבער
אויפן ווייסן ציגעלע מיט אַ ליד.

ליד

אין שולדיקייט לעב איך.
און האַרט ווי דער שטיין איז מיין טאָג,
און מיין האַמער איז שווער.

איך מייסטער מיטן זיבעטן שווייס
מיינע טרויעריקע שעה׳ן.

איך קאָן אינגאנצן נישט קומען פאַר דיר
אָן אַ סימן פון מעשים.

וואָס פאַר אַ אייביקע וואָג
סהאָט דאָס דערלייטערטע בוך.
די קרישטאָלן פון בונטיקע ליכטיקע שורות.

וואו טראָג איך מיין שווערן סך־הכל ?
נישט צום מאָן פון באַשיידונגען.
צום אַש פונם חלום.

וואָס וועט מיר דער מאָן פון באַשיידונגען זאָגן ?
איך גלויב דעם ניט רואיקן טיק פון מיין בלוט
אַז ניט אַנדערש ווי איטלאַכן
וועלן די טונקעלע טרעפלאַך מיך פירן
צום זעלביקן הימן פון אוונט.
דער אייגענער נאַכטראָט אין שטילקייט.

און — איך בין אין לאַנד פון די אייביקע פאַטערס
און מיין טויט איז פאַרשריבן אין לעבן.
פאַראַנען דאָ טאָוולען אַזעלכע
וואָס פירן אויף שמאָלע סטעשקעס
פון ווייטע געדעכענישן.
ווער וועט דען קומען אויף יענע בלעטער
ווער זוכט דעם אַ פאַרדרימלטן נאָמען.

אַפילו מיין אייגן געביין
האָט מיין אַנדענק פאַרלאָשן.
געבענטשט זאָל איר האַנט זיין
און ליכטיק איר אויג
אַן מיין טונקעלן שאָטן.

מדבר - ליכט

און די וואָס האָבן שוין דערגרייכט אַ שטאָפּל ליכט,
וועלן זיך אומקערן צוריק צום פאַלק אין רויען תהום,
אין זיין פאַרקנעכטער פינסטערניש און פוילנדיקן גרונט,
אַרויפשלעפּן אויף זיך דעם גרויען זאַק פון גויט.
און עסן דאָס פאַרמיאוסטע שענדלאַד ברויט
און שטאַרק זיין מיטן אָפּגענאַרטן פאַלק.

וואָס האָט דען מער דאָס פאַלק, אחוץ זיין ערלאַד בלוט,
און ווי זיין צאָרן איז נישט גרויס און הייליק־שטאַרק, —
דער רוגז פון אַ קינד אַן אָפּגענאַרטס.

אַזוי פיל פאַלשמינצער האָבן פאַרטאַכליעוועט זיין גאָלד,
אַזויפיל לויזיקע אויסלייזער האָבן אים אויסגעריסן
פון זיין מידער רגע רו און אים געפירט אין טויט.

און דער פרעמדער נביא איז פון ווייט געקומען און געזען
זיין שטילן לאַגער, די געצעלטע אין דער מדבר־רו
און רואיק איז דאָס וואָרט געוואָרן אויף זיין ליפּ.
און וואָס ער האָט גערעט האָט אויפגעקלינגען העל
און בענטשנדיק, ווי זון, געלייגט זיך לעבן יעדער שוועל:
ווי גוט זיינען די געצעלטן דיינע און דיין רו.

פון באַרג אַראָפּגעגאַנגען איז דער נביא פון דער פרעמד,
מיט אים די שלווה פונם קליינעם פאַלק איבערן טאָל.
די נאַכט פאַלט־צו, די שאַקאַלן רופן זייער טרויריקן גאָט.
אַ גרינגער ווינט גייט דורך דורך די געצעלטן־ווענט.
און דער וואָס האָט דערפירט די וואָגלער ביז אַהער
און האָט זיי דאָ געהייסן שטיין — איז איצט נישטאָ.
ער איז אַוועק זיין איינזאַמקייט פאַרטרויען צו דער נאַכט.
נאָר אויף די שפּיצדעכלאַך איבערן לאַגער רוט זיין אויג
ווי אַ געטרייע פאַטערהאַנט, און די געצעלטן דרימלען איין.
אונטערן שטערנקלאַנג,
אונטערן שטערנשיין.

אין אַלטע הייזער

אין אַמאָליקע הייזער
לעבן אַלטע זיידעס,
הענגען אַלטע זייגערס,
ברייטע שוואַרצע ווייזער
טונקלע קופּערוואַגן,
ציילן אַלטע שעהן
מיט אַ טאַן אַ גראַען.

שטייען אַלטע אַלמערס
פול מיט אַלטע ספרים.
טונקל־געל די בלעטער
ווי דער טאָג דער שפּעטער
איבער מידע פעלדער.

ווענט — גרוי־איינגעבויגן,
פענסטער — מידע אויגן.
לאָדן — שווערע ברעמען,
תמיד האַלב־פאַרמאַכטע.
שטילע זון פאַרטראַכטע
איבער דיל און ווענט.
און פוניענערזייט ווענט
יונגער טאָג — אַ זונראָד.
טאַנצן אין אים קינדער,
נייע ליבע קינדער.
נאַרוואַס אויפגעוואַקסן,
נאָך די פרישע רעגנס,
נאָך די נייע אויבסטן.

אין אַמאָליקע הייזער
דרימלען די בייטאָגן
איבער ווייסע בעטן.
גרינגע זון אויף קישנס.
קיינער וועט ניט קומען
דאָ די עלטער וועקן.
זיידע כאַפּט אַ דרימל
זונעגדיקע פלעקן
פלאַטערן אַרום

איבער זיינע קליידער —
גאָלדענע סימנים
ציען זיך צום פּנים,
ציען זיך צוריק,
ווילן אים נישט וועקן,
וויגן זיי זיך אום
וויגן איין דעם זיידן
אין אַ גאָלדענער וויג.

הענגט די וויג די גרויסע
אויף דעם אַלטן באַלקן
אויף גינגאָלדענע שטריק.

וואויל דעם דאָרף...

וואויל דעם דאָרף וואָס ליגט פאַרוואָרפן
אין דעם ווייטסטן, ווייטסטן טאָל,
אַלטע פרייד פון קאָסעס שאַרפן
קלינגט און בלאַנקט איר בלויען שטאָל.
איז שוין אַלט און יונג געוואָרן
טויזנטמאָל — דורך שניי און גראָז
און דורך טייך און ווייץ און דאָרן
דורכגעשפּרנגען ווי אַ האָז.
זעק מיט ניס און היי־זאַשיקן
פּעסלאַד קוואַס אין קאַלטער ערד.
ווייסע קינדערשע באַשליקן
ווייסער זייד און זיידע־בערד.
אויף די ווינטערדיקע הייזער
אויף די שטאַלן בלענדט און שטראַלט,
מיט אַ דינעם זילבער־ווייזער
שפּיזט די זון איבערן וואַלד.
אַלטער דאָרף מיט טויב און ראָבן
אין זיין ווייטן אויסבאַהאַלט.
פּוס־וואָרצלען אין שטיין פאַרגראָבן
הענט אַרום דעם דעמבן־וואַלד.
העלער גרין און הילך פון קינדער,
פאַרביקער און בלענדיק־בונטער
קופּערדיקע צווייגנרוט.
ווער וועט קומען און וועט קאָווען
פונם בראָנז און גאָלד זיין קרוין?
וואונדערלאַכער וואָן בעטהאָווען
שפּאַנט דאָ ערגעץ אום אין פעלד.
קלייבט, ווי איבערגעלאָזטע זאַנגען,
קלאַנגען, הויפנס גרויסע בינט,
וואָס סאיז נאָר אַראָפּגעהאַנגען
פונם פאָווע־עק, פון ווינט.
וואָס סאיז נאָר אַראָפּגעלאָפן
פון אַ צווייג, אַ שאַרד, אַ זשום.
וואונדערלאַכער וואָן בעטהאָווען
שפּאַנט נאָך אויף דער וועלט אַרום.

מדבר

און אַט גיי איך אַרויס פון דאַנעז,
ווי מען גייט אַרויס פון מדבר.

פערציק יאָרן אַקער, זייען,
זייען גרויען מדבר.

פערציק יאָרן זוכן שאָטן,
זוכן רו — אין מדבר.

איז מיין לעבן קיינעם ניט געוואָרן
דאָ אַ שוץ אין מדבר.

מאַך מיין טויט אַ קליינעם בוים,
אַ שאָטן — אינם מדבר.

האָט מיין לעבן קיינעמס גומען
ניט דערפרישט אין מדבר. —

מאַך מיין טויט אַ קליינעם קוואַל
אינם וויסטן מדבר.

מאַך מיין טויט אַ קוואַל אַ ריינעם
אינם וויסטן מדבר.

זאָל אונטער מיין שאָטן רוען
כאָטש פיר איילן מדבר.

און זאָל פון מיין וואַסער טרינקען
כאָטש אַ שטיקל מדבר.

ליד

זיי פליען אַז ווי קלאָרע טויבן
די תפילות צו דיין גוטער האַנט.
דו וועסט דעם אָרימאַן דערהויבן
פון שטויב, דערנידערונג און שאַנד.
דערווייל האָט ער פאַר ליב גענומען
זיין גורל און זיין זאַק אויף זיך
ביז וואַנען ער וועט צו דיר קומען
דעם קאָפּ געבויגן ביזן דיך.
דאָס אויסגעבעטלטע איז ביטער
און בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ און שאַנד.
נאָר — איז דאָס ניט פון דיינע גיטער
פון דיינע גיטער, פון דיין האַנט.
דערפאָר איז הייליק זייער בענטשן
פאַר יעדן ביסן אַלטן ברויט.
פאַר יעדן שמייכל פון אַ מענטשן,
פאַר יעדן אָנשפּאַר אַן אַ פלויט.
אַז גאָר דער גאַנג איז הינטערוועגנס
דער פּאַלאַץ און דאָס ליים־געצעלט
אונטער דעמזעלבן גוס פון געגנס
אונטער דערזעלבער זון וואָס העלט.
נאָר די, אַז רייכע שטיין־בנינים,
זיי וועלן זיכער קומען פריִ׳ר.
און מיט אַ ריין געלייטערט פּנים
זיך שטעלן פרומע פאַר דיין טיר.
און נאָר דעם שטויב פון וועג און גאַסן
און נאָר אַ וואונד דאָרט וואו ניט וואו
אין דיינע קלאָרע וואַסערן וואַשן,
און גרייט זיין פאַר דיין גרויסער רו.
אַפילו נישט די בגדים. בייטן —
אַ לינדער ווינט ווייט אָפּ דעם שטויב
ווי דער פרימאָרגן־בלוי פונווייטן
ווישט אויס די נאַכט פון יעדן שויב.
פון לעצטן אויסגעבעטלטן ברויטל
אַ לעצטע סעודה פראַווען זיי,
און דו וועסט אויך ניט שטיין פונווייטן
און זיין אַן אייגענער מיט זיי.

אַ שפּעט - שבת ליד

גאָטס שטיבל גרויט,
בייגט זיך,
צווישן באָד און הקדש,
די נידעריקסטע גאַס
פון אַלע גאַסן.

אירע הייזעלאַך
האָבן טריבע פענסטער.
אירע הינטערהויפלאַך
טריקענען אין זאַמד.

קעצלאַך מיאַוקען איינזאַם דאָרט
אויף זייער יתומשאַפט.

דאָרע ציגן מעקען קינדעריש
פאַרא קאַרגן גרעזל.

שרעקעדיק אַזוי גאָטס שטיבל.
די מידע ווענט.
דער דאַרער דאַך —
איבער די אויגן.

אַ גוטער עמיצער
זאָל עס אַרויסקומען אַמאָל
מיט העלע בשורהס.

זיך אָנשפּאַרן אָן איר שוועל
און מורמלען שטיל־געדעכעכנישן
פון אַ גוטן נעכטן.

אוצרות וואונדער,
מעשות און לעגענדעס
אינם ספר : נעכטן.

עפנט קיינער ניט
די צוגעפּאַלענע טאָוולען.

אפילו צו אַ קבר קומט מען אויך אַמאָל אַרויף,
אַרויפוואַרפן אַ גרעזל,
אָנרופן אַן אייגענעם נאָמען,
איינרוימען אין שטיין אַריין
אַ מזמור תהילים.
שטומע, שטומגעוואָרענע,
קומען דאָ די אורחים.
די פאַרשעמטע,
די פאַרטרויערטע
אַרימעלייטלאַך.
יורדים,
הויקער
איבער
הויקער.
אויף די ליפּן
אויף די ברעמען
קאָרבן פון יסורים.
אין די אויגן —
קברים.

זיי קאָנען זיך דאָ אַלע,
קוקן שטומע איינע אויף די אַנדערע.
היטן — ווער עס בייגט זיך
הויקערט איין זיך
מערער,
שווערער,
נידעריקער.
ציטערדיקער
די דראָבנע טריט.

קליין שבתל —
ווילס.
זילבעריק.
אַ טויב.
מיילן שטויב
האָבן זיין קאַפּאָטע איינגעריכט.
נאָר נישט דאָס ליכט

פון זיין קליינער באָרד.
גאָלדנדיק איז נאָך
זיין זמירות־וואָרט.
נאָר סקליינגט שטיל, שטיל, שטום
אין אייגענעם געביין אַריין.—
אַן איינגעפּראָפּטער,
אַ פאַרריגלטער
לאָגל ווייַן.

די יומטובים אַלע
זעצן זיך אַרום אים,
בייגן זיך אַרום אים
בעטן זיך:
רבי.

רבי,
הויב אויף דיין אויג,
טו אַ קוק אויף אונז.

רבי,
הויב אויף דיין קול,
רעד אַ וואָרט צו אונז,
אַ וואָרט פון מונטערקייט,
אַן אות פון פרייד
פון אַמאָליקע טעג.

שטום קליין שבתל'ס מויל.
שווער אַראָפּגענידערט
בלייכט זיין ברעם.

נאָר דאָס זילבערליכט
פון זיין קליינער באָרד,
פון זיין שיינעם קאָפּ,
לייטערט,
קלאָרט
אַראָפּ.

דרימלט ער?
ניין.

חלומט ער ?
ניין.

טרויערט ער ?
אפשר יאָ,

אפשר ניין.
שווייגט.

ווי אַ צוגעשלאָסענער טויער
איז זיין טרויער,
שווייגט.

ווער האָט דען רשות
נאָנט צוצוגיין,
אָנרירן מיטן האַנט :
אפשר עפנט זיך
נאָר אַ שפּאַרעלע,
אריינקוקן.

ווי אַ צוגעשלאָסענער טויער
איז זיין טרויער.
שווייגט.

אַלע זינגעניש ן,
אַלע זמירות־לידער,
אַלע תהילים־לויבן,
אַלע ליכטיקע ניגונים
ליגן ביי דעם צוגעמאַכטן טויער
פון זיין טרויער.
שווייגן.

איינגעהויקערט
שטייט גאָטס שטיבל
עלטערט, גרויט
אין שפּל־באַדגאַס.

מ. ל. האַלפּערן

איך גיי אַרום אין דער שיינער מאָנטרעאַל, אין אַ פאַרשאָלטענעם העק
זיבן און זיבעציק פאַלש־נאָטע.
זיבן און זיבעציק מאָל פאַרשעמט.
זיי האָבן זיך געחידושט אויף מיין גאַנצער העמד,
אויף מיין נישט פאַלן ביי זייער האַרטער שוועל אַ הונגעריקער,
אַ געפאַלענער וואָס האָט זיך דאָ פאַרשלעפּט
ווער וויים פון וועלכער ווייט און פרעמד.
אויפן הויכן באַרג צינדט זיך דער גרויסער צלם אויף אַ גאַנצער נאַכט.
דורך זייטיקע הינטערגעסלאַך גיי איך צו זיין הויך אַרויף.
לאַנגע שעהן שטומע ווידוי אויפן שוואַרצן שטיין.
לויפט דורך דורכן געדאַנק, ווי איינער דאָ פון די ביכער־פּני.
האָט זיך באַרימט אַז בימי, אין די טעג ווען מ. ל. האַלפּערין
האָט זיך דאָ אומגעוואַלגערט,
האָט ער אים אויף אַ באַנק דאָ אויפן באַרג געטראָפן.
שפּעטביינאַכט — האָט ניט געהאַט וואו איבערשלאָפן.
נאָר ער געדענקט דעם אַנעקדאָט זיינעם.
אר־וואַ! געדענקט ער עס ווי האַלפּערן האָט געלאַכט.
משה־לייב, מיין הערלאַכער, און דו האָסט אַזוי געשיקט
דאָס קאַפּיטל מאָנטרעאַל פון דיין זיכרון אויסגעפליקט.
נאָר כזע דאָס בלוט זיינס — אָקטאָבער־זון
אין גאָלדרויט דורכגעפלעקט — אין דיין ליד,
ווי וועלקנדיקע וואונדן אויף אַ בלאַט.
און כזע דיך, אַז אַפּגעריסענעם פון אַ שוואַרצער קייט,
אַנטלויפן, לויפן, דורכלויפן דורך אַלע גאַסן דאָ.
איך זע דיך מיד־פאַלן אין אַ פּאַרק, שלאָפן אויף אַ באַנק,
איינזאַמסטער מענטש דאָ אין דער הינטישסטער גלייכגילטיקייט.
איך זע דיך אַפּגיין מיט אַ קראַנקן בליק, מזאָל נישט זען,
אַז ביזט נאָך דאָ, אַז ד'האָסט אין דיין בעטלערישן ראָק פאַרנייט
דעם לאַנגן אַלטמאָדישן שפּאַלט, די לעכער פון די שיך פאַרריכט.
און כזע דיך וואונדערלאַך־שיין אויפן וועג פון שטאָט אַרויס
קיין פּעפּנאָו, וואו דאָס פאַרנאַכטיקע ליכט
ברענט דאַרנדיק און צאַרנדיק־פרום
אויף ווילדע הויכע גרעזער שורות,
אויף זשאַווערנדיקן רעלצן־אַלטוואַרג, קרום.
און אויפן ראַנד פון הימל מיט בייזע טריט
גייט גאָט אַוועק פון טאָג און וועלטן מיד.
גייט גאָט אַוועק און — דו גייסט מיט.

איך בין...

איך בין דיין קנעכט און קום צולויפן
דיך דינען אויף דיין מינדסט באַפעל
כקער אויס דעם שטויב פון דיינע הויפן,
און רייניק אָפּ דיין פרומע שוועל.

און כקוק מיט פרייד איבער די וועגן —
פון יונגן אינדערפרי ביז שפּעט
די שטילע גייען דיר אַנטקעגן
און טראָגן קרבן און געבעט.

איך ווייס: פאַר יעדנס צער און טרויער
איז ברייט צועפנט דיין געמיט.
זיי גייען שטילע אין דיין טויער,
איך הער די רו פון זייערע טריט.

און די געבויגענע קעפּ, די אויגן, —
דו קוקסט אַריין אין יעדנס קוואַל,
און הערסט זיך איין אין יעדנס שווייגן,
און שיקסט אין יעדן תּהום דיין שטראַל.

גערייניקטע און אויפגעריכטע
און גרייט פאַר יעדן עול און יאָד
צו טראָגן אויפריכטיק און ליכטיק
די שווערע משא׳ס טעג און וואָד.

וואָס לערנסטו זיי דען, די תמימים?
דו לערנסט זיי נאָר דעם באַשייד
פון יעדער קלאַנג, פון יעדן סימן,
פון דער באַשערטער גרויסער פרייד.

וואָס איז דען גלויבן? אַזאַ לויבן,
אַזאַ מין זינגען צו דער וועלט
די האָפענונג פון קליינע שויבן
אין איטלאַד אָרעם דאָרפסגעצעלט.

מיין שוועסטער

באַגעגן איך מיין שוועסטער איינמאָל דאָ אין וואַכן
איז איר קאָפּ אינגאַנצן שוין אַ גרויער.
כפרעג איר וואָס זי מאַכט, טוט זי דעם קאָפּ אַ שאָקל,
אַזוי שוין מיינע שוועסטער־ברידערס טבע —
טוען מיטן קאָפּ אַ שאָקל אומוויכטיק און אומעטיק.
אויך הינטער אירע ערנסטע טיפע אויגן
שפּיגלט זיך אין קאַלטן עלנט גרויסע ספקות —
אַ בוים מיט אָפּגעבלעטערטע גרויע צווייגן
איבער אַן אומהיימלאַכן וואַסער איינגעבויגן.

וואָס איז וויכטיק זיך צו פרעגן ?
זינט די עלטערע שוועסטער איז אונז געשטאָרבן פּלוצלינג,
גייען מיר אַרום ווי ביי שאַרפע ברעגן
מינערן אונז ווערטער ווען מיר טרעפן זיך אַנטקעגן
ווילן זיך גאָר אפשר ווייניק זען.
אנדערע וואָלטן זיך נענטער געהאלטן אין אַזאַ געשען
אפשר גאָר איינאיינעם זיך צונויפגעקליבן,
אונז צוטרייבט דאָס אומגליק איינער פונם צווייטן
צעוואַרפט אונז ווי מיט פרעמדע הענט אין קייט פון נויט,
הינטער טונקעלע ווענט און פּלויטן.

ווי פון זיך אליין פאַלט מיר אַ וואָרט פון ליפּ אַרונטער :
פאַרוואָס קומסטו נישט צוגיין אַמאָל ? קום זונטיק.
אפשר, ענטפערט זי : עס גייט צו ווינטער.
זיץ איך אין די אָוונטן, פאַרנייַ, פאַרריכט, פאַרלאַטע,
און ספּאַלט מיין קאָפּ איבער דעם מידן טיש,
כהאַלט זיך אַן אַן בעט פון קינד ווי אַן אַ גראַטע
און אַ פאַרזעסענע טונקלקייט פאַלט איבער מיר אַנידער.
איך האָב געזען אין „זאַמלביכער״ דיינע לידער.
כווייס נישט צוליב וואָס דו דאַרפסט פאַר זיי אין ניו־יאָרק, צי דאָ אין מאָנטרעאָל
זיך ווייזן אויף אַזאַ אומעטיקער, בערגיקער שמאָל,
צי קאָן מען אַפילו צו דער אינטימסטער ליטעראַטור
רעדן אויג אויף אויג היינטיקע טעג,
ווען מען נעמט נאָך מיט דעם בעל שם טוב אויפן וועג,
איז דאָס אַ נאָענטער שמועס צווישן שטילע בערג און וואַלד,
נאָר מילא, די יונגסטע ליטעראַטור ווערט מיט דער צייט קלאַסיש אַלט.

איינער, אַ מענטש אַמאָל האָט גערעדט...

און מיך ווערסטו, געשיכטע, שטיל פֿאַרבײַגיין.
מײַן שטיבל וועט שטיין אַלט איבערן וועג פֿאַרשלאָפֿן.
דאָ האָבן זיך קיין ניסים ניט פֿאַרלאָפֿן,
און נאַפּאָלעאָן האָט אויפֿן דאָזיקן שוועל
זײַן גרויסן פֿוס מיט כּבֿוד ניט אַרויפֿגעשטעלט,
ווען ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אײַנקלעמען די וועלט.
ווי ער האָט עס געקלונגען מיט די זילבער־שפּאָרן!
די הויכע פֿערד־רײַטער זײַנען פֿאַרבײַגעריטן,
די שווערע לאַסטוואָגנס פֿאַרבײַגעפֿאָרן.
דער שטויב האָט זיך געהויבן אין געדיכטע קנוילן
פֿון אונטער די קלאָיען און די שטיוולזוילן,
און פֿונדערווײַטנס האָט די טעמפּע פּויק צוקלאַפּט זיך גראָב.
דער גרויסער מאַרש און דאָס געזעמל און די זון,
און דער טאָג — איז פֿונעם וועג אַראָפּ.

און איך, מײַן אַלט־צוקנײַטשטע און די צווײ בלאָנדע יתום־אײניקלאָך
וואָס זײַנען אומגעגאַנגען אונטער אונזערע הענט —
האָבן זיך אָוועקגעשטעלט שטומשווײַגנדיק אונטערן הימלדאָך,
פֿאַרן אָנקומענדיקן טוי פֿונעם פֿאַרנאַכט.
די פֿעלדער האָבן געאָטעמט פֿריש און קיל.
די שטאַלן און די שײַערן — אויף די טויערן שטיל.
די קליינע בלאָנדע קעפּ האָבן זיך נאָר אײַנגעהערט
צום עכאָ אין דער ווײַטקייט אויף דער ערד.
און — שפּעטלאָך אין דער נאַכט, דער לאָמפּ אַרײַנגעדרייט,
די טירן צוגעקײַטלט, די לאָדן צוגעמאַכט,
האָב איך בײַם הייסן וואַסערגלאָז זיך אָנגערופֿן צו מײַן אַלטינקער:
מיט אונדז איז הײַנט ווײַזט אויס אַן אומגעווײנלאַכקייט געשען.
דאָס איז דאָך די געשיכטע גופֿא לעבן אונדז פֿאַרבײַגעפֿאָרן,
דאָס האָט זי עס אַזוי געקלונגען מיט די שפּאָרן.
געקלאַפּט אין גרויסן אַקסענעם באַראַבאַן.
און יענער וואָזשנער האַצמאַך אויפֿן הויכן פֿערד,
איז דער געשיכטע־קנאַקער נאַפּאָלעאָן.
די אַלטע האָט דעם קאָפּ געבויגן שלעפֿערדיק צום טיש.
כּהאָב שטיל אַראָפּגעצויגן די שיך פֿון אירע פֿיס.
און נאָכגעטראַכט.
און נאָכגעטראַכט.

פֿרעמד

שטאָלצט זיך קעגן מיר די עמפּייר־מויד:
דאָרפסלינג פון אוקריינער טריבע טראַקטן,
ליריקער, וואָס קריצט עלעגיעס אויפן בית עולם פּלויט,
וועסט זיך שוין אָפּדרייען דאָ דיינע טעג ביי מיינע מאַרמאָר־קנעכל.
קיין שיף וועט דיר נישט קומען אַפּנעמען פונדאַנען.
ס'שלעפן זיך דיר נאָך אין דיין געדעכעניש
קרומע פעלדער־וועגן, דאָרפישע פורן,
דינע ביימלאַך געלן־גאָלדיקן אונטער מידע הימלען,
אוזאָרן רויטלען, בלויען, בלימלען זיך אַרום די ברעגן —
די ערד טוט אָן איר אוקריינישן לייוונט־העמד פון הערבסט.
האַרבער טשאַד פון ברענענדיקע בלעטער ביטערט,
אין דער לופטן ציטערט דער עכאָ־גרילץ — משאָרפּט די זעגן.
דיין ווייט פאַרלאָזט ירושהדיק פאַרמעגן.
אויף מיין שטיין וועט נישט קיין זכר זיכערן
פון דיין ליריש וואָגלענדיקן געדאַנק.
מיינע שטיינעריקע אויגן און אויערן־לעכער — היילן פאַר דיינע טרויערן
זיי וועלן דאָרט קיין נעסט פאַר זיך נישט בויען.
מיינע פייגל פאַסעווען מיט זייער שטאָל די הימלען און די ווינטן.
דו דאָרפסבחור, פאַרשפּיצט דאָס געמיט צום סוד פון אַ קליין ווערדל
אין בלענד פון וואונדיקן קאַלירנדיקן וויאַנען.
מישסט די פאַרנאַכטן ווי אַ מיסטיש בוד מיט אַ פאַרזשאַווערטער שפּרוכן־שפּראַד,
מעשיות פון פאַרגאַנגענע, פאַרלאָרענע שלאַכטן.
דאָס טרוקן בלוט ליגט נאָך פאַרגליווערט אויף די וועגן.
סשווענקט עס נישט אַראָפּ דער זויערער טויטער רעגן.
דער ווינטער, דער ווייסער בלינדער, טאַפּט מיט אייזיקע הענט זיין אייגן ליכט
דאָרפסבחור, דיין ליריש האַרץ, דיין ליריקאַכץ האָט מיך ביים קנעכל אָנגעריירט.
אָט ווי די טויבע גויע, די לבנה מיטן געלן טוך, קריכט
איבער מיין קאָפּ — אַ בעטלערקע פון אַ פרעמדער וועלט
לעקט מיט איר קילן צונג מיין אַקסל, ווינקט איבער מיין טיר,
גלאָצט איבער מיין פענסטער, די נאַרישע מויד,
און קיצלט מיר די קאַלטע הויט.

י ש ן

א.

אַ רגע און — די אַנגסט האָט נאָכגעלאָזט.
מיין מיד־געפאַלענער קאָפּ האָט גרינג גערוט איבער מיין האַרץ.
און כוויס ער נישט, צי איז דאָס גאָר געווען אַ לאַנגע חלום־שעה, צי וואָר —
איך האָב דערזען אַרומ׳ען קרייז צו מיינע פיס
אַ מחנה קינדער ווייס און יומטובדיק.
דער זוניקער גרינגער ווינט האָט אומגעווייט
אויף זייער האָר, ווי דופטנדיקע פרייד,
און איינער האָט זיך אויפן אַקסל פונם אַנדערן געשטעלט,
און מילד מיר אַנגערירט מיין רעכטע האַנט,
און ווי מען נעמט אַראָפּ אַ בילד פון אַ וואַנט,
מיך פונם קרייז אַראָפּגעפירט.
וואָס פאַר אַ טיפער בלוי.
וואָס פאַר אַ טאָג מיט ליכט.
איך האָב זיך אויפן שטיין אַוועקגעזעצט,
און זיי, אין רינג אַרום די פיס מיינע.
און לאַנג און ווייס מיין קלייד ווי זייער קלייד.
כגעדענק שוין ניט פון וואָס איך האָב צו זיי גערעדט,
זיי האָבן זייערע שיינע קעפּ געטוליעט צו מיינע קני.
מיינע הענט מיט זייערע פּנימער געגלעט.
זיי האָבן מיך גערופן : פאָטער.
איך האָב מיין בליק צו דיר אַרויפגעהויבן :
האָסט מיך געבראַכט צום טאָג פון לויטער גוט.
און האָסט דיין צוזאָג מיר מקיים געווען.
וואָס פריער איז געשען איז נאָר אַ בייזער חלום,
איצט איז — בלויע וואָר.
זייד און ליבשאַפט, קינדערשע הענט און האָר.
אַט האָבן זיי איצט איינגעדרימלט ביי דעם זוים פון מיין קלייד
מיין עדר שאָף, מיין גאָרטן פרייד.
מאַך פול מיין וואָרט מיט ברכות און מיין האַנט מיט בליענדיק גענאַד.
זיי וועלן אויפוואַכן וועל איך מיט זיי אַריינגיין נאָך אין ליכט פון טאָג
אין די טויערן פון ירושלים דיין שטאָט.
זיי וועלן גיין פאָראויס ווי אַ ווייסער שיין
און מיינע בשורה־ברענגער זיין.
כוועל נאָכגיין הינטער זיי מיט שטילע קליינע טריט.
ווי דאָס פאַרנאַכט־ליכט ביי אַ ברעג פון טייך פאַרגליט.

ב.

פאַרוואָס נאָר איך אַליין ?
איטלאַכער פון אייך וועט אַפּדעקן פון זיך דעם שטיין,
די ערד, די פינסטערניש, דעם טויט.
און ווידער גיין איבער זיין קערנדיק פעלד
און קלייבן זיינע גאָלדענע זאַנגען ברויט.
און ווידער איבערן גרויסן וועג אונטערן דער זון.
און — אונטערן שאָטן פון זיין ווינטערדיקן באַלקן רוען.
און איך, איך וועל דער שפּעטסטער אפשר
קאָנען אויפגיין צו מיין ליכטיק ניי־געבוירט.
דורות וועל איך רייסן זיך פון קרייץ,
ניט קאָנען אַפּנעמען פון אים מיין פוס, מיין האַנט,
אויפהויבן מיין מיד־געפאַלענעם קאָפּ איבערן ברוסט
פון פינסטערניש און שאַנד.
ווייל וואָס איך האָב געזען אַרום זיך יענע שעה
האָט דאָ קיין מענטשנאויג נאָך נישט געזען.
און וואָס איך האָב געפילט
האָט נאָך ניט איינגעשטילט
אונטער דער טרוקענער רויטער וואָונד.
און וואָס די ליפּן מיינע האָבן געמורמלט אין געבעט
האָט קיינער ניט פאַרנומען נאָך — דער סוד
בלייבט שטום געקרייציקט הענגען צווישן מיר און גאָט.
נאָר כוועל דער שפּעטסטער זיין וואָס אויף די ברעמען זיינע וועט אַ לעבעדיק שיין
זיך וואַרימען און אויפוועקן דעם בלייכן שאָטן
פון מיין טויטן פּנים, עפענען צוריק מיין טרוקענע ליפּ:
איך האָב אייך ליב. איך האָב אייך ליב, איך האָב אייך ליב.

איך האָב אייך ליב וואָס איר זענט ווידער דאָ מיט אייערע שאָף אין פעלד
וואָס איר האָט דורך בלוט און לייד געהאַלטן הויך דאָס קליינע לעבן אייערס,
און האָט פון אונטערן רואין זיך אויפגעהויבן גרינג און גרין
און זינגענדיק געגאַנגען איבער באַרג און טאָל
און מיין פאַרפייניקטער סימבאָל האָט אייך דערמאָנט מיין לעבן, טויט
און מיין געטיילטן לעצטן אָרימען אוונטברויט
צי האָט געציטערט דען מיין דינע האַנט
ווען ס'האָט דער שטן שוין געהאַלטן גרייט זיין קרייץ
הינטער מיין רוקן אויף דער וואַנט.

ג.

איך בין שוין איינמאָל דאָ אַראָפּ פון אַלע צלמים,
און אויסגעטאָן פון זיך די קאַלטע הייליקייט,
אינמיטן פון אַ וואַכעדיקן דאַרף אַריינגעלאָפן:
איך בין ישו, און בין אַ סטאָליער,
אַ סטאָליער און בן־סטאָליער בין איך.
און אַלץ וואָס וועגן מיר איז דאָ דערציילט געוואָרן,
איז נישט מער ווי נאָר אַ סטאָליערישער משל,
אַז כהאָב געוואָלט דעם טיש פון דער וועלט פאַרריכטן.
הונדערטער יאָר געהאָרעוועט און — נישט באַוויזן.
ער שאָקלט זיך און רוקט זיך אום עד היום.
און אַרום אים אַ בייזער שיכורער טומל
פאַרראַט און קללות און בזיון ביזן הימל.
איך בין אַוועקגעגאַנגען הינטערן שטאָט.
אַן אַלטע שטאַל און אַ דאַרפיש אונטערגעסל
אַביסל האַלץ דאָרט אָנגעלייגט
און געטאָן מיין אַרבעט:
קבצניש מעבל.
אַ גאַנצן טאָג שטייט ברייט מיין וואַרשטאַט אָפן.
און נייגעריקע קינדער קומען, קוקן, ווי איך טו מיין אַרבעט
איך כאַפּ אַ קוק אויף זיי פונוויטענס: סאַראַ תמימות
אין זייער בליק, אינם געבוי פון זייערע קליינע גופן.
איך לייג אַוועק אַ ווייל מיין הובל, גיי אויפן שוועל אַרויס:
קומט נענטער, מיין שיין וואויל קליינוואַרג.
כשפּרייט אויף צוויי גראָבע קלעצלאַך אויס אַ ווייסע ברעט,
גיב אַ וואונק און — זיי זעצן זיך אַנידער
און איך אינמיטן זיי, אַנטקעגן אויף אַ קלעצל,
און כנעם פאַר זיי דערציילן:
געווען אַמאָל אַ מאַן אין פליין פון גליל,
אין שטאָט ניצרת, און זיין נאָמען איז געווען ישוע.
און גאָרנישט האָט דערדאָזיקער מאַן פאַרמאָגט,
נישט קיין שאָף און נישט קיין רינד און נישט קיין נחלה.
געווען אַ פּראָסטער סטאָליער־פּועל ביי זיין פאָטער.
אַ גאַנצן טאָג האָט ער געמלאכה׳ט טיש און בענק און אַנדער מעבל
און פאַרנאַכט אין הויף פון פאָלקסהויז,
צי אין פאָדערקאָמער פון בית תפילה

געפירט וויכוחים מיט די פני פון די צדוקים.
האט שטיל און היימלאַך און זייער קלאָר גערעדט,
אַז מהאט געקאַנט אים הערן ווייט אַ מרחק טריט.
און שמועסן האָבן אויפגערירט און באַוועגט דאָרט הויף און גאַס.
און אַרום אים האט זיך געהעפּט אַ לעבעדיקע ראָד.—
ער האט געדרשנט וועגן אמת און וועגן גאָט.
און ווער סאיז פון אים אַפּגעגאַנגען אומרואיק און ווער — באַרואיקט
זיין קול האט זיי ווי פרייד, ווי תבואה ריחות פונ׳ם ווינט צעווייט.
און ווי געבענטשט געגנאד אין זייער לייב אַריינגעדרונגען.

זיי זייבען אויפן באַנק געזעסן און זיך איינגעהערט
זיי האָבן אויך אַליין עפּעס דערפון געוואוסט,
נאָר כהאָב צו זיי גערעדט ווי דאָס ערשטע מאָל.
איך האָב צו זיין געזאָגט : מיר טראָגן אַלע, קליין און גרויס,
דאָס ליכט און די נשמה פון זיין לעבן.
מיט איטלאַך וואָרט און ריינעם בליק,
קערט אום דאָס שלעכטע און ווערט גוטס צוריק.

שוין געווען פאַרנאַכט.
גרוי פאַרטראַכט האט אין מיין טיר די וועלט אַריינגעקוקט.
אויף צוויי געשטעלן האָב איך אויפגעשטעלט אַ טיש,
און וואָס איך האָב געהאַט — אַ ברויט, דריי דאַרע פיש.
און אַ קריג וואַסער אינדערמיט.
סאיז זייער שטיל געווען אין די פיר גרויע ווענט.
מיר האָבן אַלע אויסגעהונגערטע געבראָכן דאָס ברויט,
און מיר איז אַזוי גוט־געווען פון אַט־דעם גרויסן זכות
וואָס איך בין ווידער דאָ,
און וואָס איך לעב.

אַזאַ מענטש

אַ ליד פון אַזאַ מין מענטשעלע
אין אַ לעצטער שטוב פון מיין גרויער גאַס.
תמיד אַליין און אַן קיינעם ניט.
גייט אינדערפרי אַרויס פון זיין טיר
און קומט פאַרנאַכט צוריק צו איר.
אין האַלז פאַררוקט דעם שטומען קאָפּ,
און — ספּנים צו דער ערד אַראָפּ.
זעט און הערט דאָ קיינעם ניט.
קאַן און האָט דאָ קיינעם ניט.

אפשר קער זיך אַן אַט־דאָס מענטשעלע
מיט גאָר אַן אַנדער געגנט וועלט.
אַן אַנדער לאַנד, אַן אַנדער דור —
גיין היילן אונטער ערד און זון ?
אַז מקוקט אויף זיין פאַרהויקערטקייט
טראַכט־מען אַז זיין גאָט איז דער גאָט פון טויט,
און הערשט אין אָפּגרונט פון דער וועלט.
און ער, דאָס שטומע מענטשעלע,
איז אויך פון דאָרט אַרויס.
ווי אַזוי ער איז אַרויס פון דאָרט,
און—ווען—און זיך באַזעצט אין דעם הויז,
און האָט פאַריכט די צובראָכענע טיר
און האָט געבראַכט אַ ווייב פאַר זיך,
און איז געוואָרן אַ סטאָליער אויף גיך, —
ווי אַזוי און ווען דאָס איז געשען,
ווייסט דאָ קיינער ניט.

און סגייט אים גאָרנישט אָן די וועלט.
נאָר אַז עס שטעלט זיך דער הערבסט אַוועק,
טעג—אַלטע בעטלער מיט גרויע זעק,—
שטייט ער ביים פענסטערל און קוקט אַרויס.
און ברומט צום ריטם אין גאַס אַרויס,
דער ריטם פון גרויען רעגנדל,
ווי סטריפּט דאָס גרויע רעגנדל,
דאָס יתומדיקע רעגנדל.
ביז ער טוט זיך פּלוצלונג אַ דערמאָן,
און—לויפט אַוועק אין סטאָליער־שאַפּ,

ער טוט דאָרט אין ווינקל דעם ראָק אַ וואָרף,
און קיילעכיקט זיינע אויגן אויס,
שאַרט די אַרבל ביז די אַקסל אַרויף,
שטעלט זיך אַוועק ביי דער ברעטערנער וואַנט,
און נעמט דעם הובל אין זיין האַנט,
און הובלט אַ ברעט,
הובלט און גלעט,
הובלט און הובלט
הובלט און הובלט
דאָס ווייסע ברעט.
שפּאָנט מיט ברייטע שפּען
אַראָפּ פונעם אָרט,
אַרויף אויפן אָרט,
די ליפּן פאַרהאַקט
אָן אַ וואָרט.

אינדרויסן, דאָרט פוניענערזייט,
דער ערשטער ווינטערוואָלקן שנייט.
סוועט אַ נייער טאָג, אַ ווייסער טאָג.
דער נייער טאָג, דער ווייסער טאָג,
וועט געבאָרן נייע ווייסע טעג.
ווייל די גרויע טעג זיינען שוין אַוועק
ווי בעטלער מיט פאַרבעדיקע זעק.
דורכן פענסטערל פון דער ברעטערנער וואַנט
טוט אים אַ בלענד דאָס פאַרשנייטע לאַנד.
נאָר ער האַלט שוין ווידער דעם קאָפּ אַראָפּ
און הובלט און הובלט
הובלט און הובלט
דאָס ווייסע ברעט,
דאָס ווייסע ברעט
פאַר אַ כלה־בעט.

אַמאָל אַז מען קוקט פון דער ווייטן זיך צו,
ווי ער זיצט פאַרהויקערט אויפן שוועל פון זיין שטוב,
זעט ער אויס ווי אַן אַלטער הונט,
אַ גרויער טרויעריקער אַלטער הונט.
איר ווייסט, דער עלנט פון אַ הונט
איז ווי אַ פאַרלאָזענער ווינטער־טאָל.

דאַרן און קוסט ליגן פֿאַרשנייט —
קבֿרים שלאָפֿן אין אייביקן טויט.

ער זיצט אַזוי אויפֿן שוועל פֿאַרשטומט
ביז זיין ווייב קומט אַרויס און רופֿט אים אַריין,
זי רירט אים ביים שפּיציקן אַקסל אָן,
און זי נעמט אים אָן ווי אַ קינד ביים האַנט.
און פֿירט אים אַריין—אין שטוב.
אין שטוב איז טונקעלע וואַרימע רו.
זי פֿירט אים צו זיין געלעגער צו.
ווייזט אויס ער איז זייער מיד
קוים וואָס ער רירט די טריט.

זיין ווייב איז אויך אַזאַ מענטשעלע ווי ער.
אַז זי קוקט אַמאָל דורכן פֿענסטער אַרויס,
איז איר פּנים ווייס און ווייט און שטום.
זיי ווייזט זיך ווייניק אין אונזער אַרום.
זי גייט ווי אַ פֿרעמדע אין אונזער מאַרק אַרויס,
און קויפֿט אַ טויטן פֿויגל פֿאַר שפּייז
אַ ברויט און עפּעלאַך און רייז.
אַמאָל ווען עס צורעדט זיך אונזער גאַס.
פֿון וואַנט צו וואַנט צורעדט זיך די גאַס.
אַ וואַנט צו אַ וואַנט לייגט אַן אויער צו
מיט אַ מאָדנעם סוד:
אַז אַמאָל איז די דאָזיקע מאָדנע צוויי
געקומען צוגאַסט — אַ הויכער לאַנגער גוי.
מיט אַ גרויסן גרויסן פֿאַרריסענעם קאָפּ,
אַזש אַריבערן שטיבל,
אַזש אַריבערן דאַך,
שוין דער אמתער גוי.
ער האָט זיך ביים שטיבל אַוועקגעשטעלט,
און מיטן לאַנגן פֿינגער געקלאַפּט אין דאַך.
(סאיז געווען פֿאַרנאַכט,
און אַזאַ מיד־אַ זאַך
טרעפֿט אַלעמאָל פֿאַרנאַכט)
איז אַרויסגעקומען אונזער קליינער פֿאַרשויך,

און זיין גרויסן פוס דערזען,
און — ווי דערשראָקן איז שטוב אַריין.
צי האָט נישט געוואוסט דער קליינער בן־מענטש,
אַז דאָס איז זיינער אַ נאָנטער פריינט,
וואָס איז געקומען פון זייער ווייט
און וויל אים זען?
איר ווייסט דאָך, אַ מענטש האָט אַ וויטן פריינט
און יענער טוט זיך אַ דערמאָן,
און מיט גרויסע ברייטע שפאַן
לויפט ער דורך פעלד,
דורך וועג און וועלט,
ביז ער קומט און דערזעט
אַז ער איז דאָ אויף דער וועלט.
ער איז אַלט און גראָ,
נאָר אַבי ער איז דאָ . . .

נאָר אפשר דערציילט אַ ליגן די גאַס.
די גאַס טראַכט אויך אַ ליגן אַמאָל
און וואַרפט אים ארויף
אויפן שוועל פון אַ שטוב
און ס'שושקעט זיך וואַנט מיט וואַנט צונויף:
אַזוי און אַזוי,
אַ הויכער גוי,
אַ פאַרריסענער קאָפּ.

און כיטרע סודעט זיך דורך דער וואַנט די גאַס,
פונם מענטשן וואָס האָט דאָ קיינעם ניט,
און קיינער ווייסט זיין אַלטקייט ניט.
נאָר אַז ער וועט מער נישט ארויסגיין פון זיין שוועל,
וועט זי פלוצלונג קומען צולויפן אַהין
אַט די גאַנצע מענטשיכע, די גאַס,
מיט איר ווייבערשן גרויען שאַל אויפן קאָפּ.
מיט צושליאַפענע שיך,
מיטן ראָק אויף איין קנאָפּ,
זיך אַוועקשטעלן ווי אַ שווערע וואַנט

בײַ דער טיר פֿון זײַן שטוב.
װעט אַרױסגײן דאָס קלײנע װײַב אױפֿן טיר,
און מאַכן שטום מיט די הענט:
הושש. הושש...
ס'איז דאָ קײנער ניטאָ.
װעט פֿרעגן די גאַס מיט אַ גרױס װאָסעריק אױג:
דײַן קלײנער מאַן?

װעט זי צונעמען די הענט:
הושש. הושש...
ער איז אַװעקגעגאַן.
נעכטן גאַנצפֿרי,
אין קאַלטן טומאַן
אַװעקגעגאַן.

טויט

דער טויט שטייט אויף אינדערפרי
נעמט פון דער וואַנט אַראָפּ זיין בלאַנקענדיקע האַק
גייט פון זיין טונקלער אַלטער שטוב אַרויס,
און זיין גרויען לייוונטענעם זאַק
און גייט אין מענטשוואַלד אַוועק.
אַמאָל בלייבט ער אין אַ קליין דאָרפוועלדל שטיין,
און פאַרנאַכט, ווען ער גייט אַהיים
קלינגט אים נאָך דאָס קלויסטערל געהיים,
בילן אים נאָך די הינט
לויפט אים נאָך דער ווינט.
און די פאַרגייענדיקע זון וואַרפט איר בלוט
אויף זיין גרויען זאַק,
אויף זיין בלאַנקענדיקער האַק
און אויף זיין געלען שפּיציקן הוט.

גן עדן - לייט

מ׳סיו מענאַר—האַר און שר פון אַ שטיק ערד,
האָט אַ פּאָר גרויסע אָקסן,
אַן איבערגעפּאַקטע משפּחה מיט מוידן
שטאַלן מיט שאָף, פערד און רינדער
און אַ טאַטן פון זיבנאונציינציק — אַ בלינדן.
זיצט ער ביים טיש מיט זיין בלינדקייט,
צודריבלט די בלעטער פון טאַביק אויף טרוקענע הויפּנס,
ציט אין די מאַכיקע נאָזלעכער זייערע ריחות,
און — גרונטיקט נאָך שטאַרק אין די כוחות,
שטאַרק, שטאַרק אין די כחות.

מענאַר, האַר און שר פון אַ שטיק ערד,
דעם בלינדס זעכציקיאַריקער זון,
האָקט אָפּ יעדן פאַרנאַכט דעם קאָפּ פון אַ הון,
אויפן קלאָץ לעבן הויז.
מיט דער קלייניקער האַק.
און וואַרפט איר אריין דורכן פענסטער אין קיך
און באַפוילט עס צו אָפּקאָכן גיך —
אין אַ שעה ארום קומט ער פון סטאַנציע צוריק;
ער כאַפּט זיך אַרונטער אין פאַסטהויז נאָך בריוו
און אין קראַם — נאָך טשוועקלאָך און שטריק.

מענאַר, האַר און שר פון דער ערד,
האָט אַ ווייס־פּעט ווייב
נאָר רירעוודיק גרינג צום ווילן פון איר האַר,
האָדעוועט קינדער און כאַוועט זיי אויס
ווי די קלעצער וואָס האַלטען אויף זייערע אַקסל דאָס הויז
שוין אַלע אויסגעוואַקסן.
זי שוואַנגערט נישט מיין,
הויבט ווידער אַן ווערן ווי אַמאָל — שיין
און שטאַרק אויך.
און אין איר אויג דער בליק
ווינקט ווידער צום האַר מ׳סיו מענאַר,
מיט צוזאָג און גליק:
גליק.
גליק.

נאכן אוונטמאל.
שטיל ארום דעם גרויסן טיש.

דער האַר מ׳סיו מענאַר, שלעפּט די שווערע פּיס
אינם טונקלן אַלקער דעם הילצערנעם בעט.
פּרי אַזוי ווערט איבערן דאַרף שפּעט.
די פּעטשוואַרצע פינסטערניש פון הימל אַראָפּ.
ליגט אַוועק אויף דער וועלט איר שאַפּענעם קאָפּ.
שלאָף נעמט אַרום די ערדישע גרויס,
מ׳סיו מענאַר, דער האַר פון דער ערד,
אונטערן דאַך פון זיין הויז
מיט זיין לייב,
מיט זיין ווייב,
מיט זיין געזונט געזינד,
מיט דער קאַץ אונטערן טיש,
מיטן הונט ביי דער טיר.
רוען גוט,
רוען וואויל
רוען שטאַרק.
רוען שווער.

נאָר דאָס בלינדע און דאַרע געביין
פונם אַלטן אויפן פינסטערן בעט,
טוט אין נאַכט זיך א ריר,
אזויווי אַ טרוקענער צווייג ברעכט זיך אָפּ
און פאַלט,
פאַלט,
פאַלט
אין דער נאַכט,
אין דער פינסטערער שטומקייט
אַראָפּ.

פיר לידער וועגן מיין אינגל

א.

מיין אינגל איז אַ שטוביק אינגל
איך ווייס נישט וואָס מיט אים צו טאָן.
אַז כווייז אים אויפן ליכטיקן פענסטער,
דאָס הייסט ־ אויף פרילינג בלוי און זון,

און אַז די גאַנצע גאַס מיט קינדער
איז אויפן גרויסן דרויסן דאָרט
כאַפּט ער אַ קוק אַרויס אין פענסטער,
און — בלייבט זיך זיצן אויף זיין אָרט.

די זומערס וועלן אַזוי אַוועקגיין,
און דו, מיין וואוילער, ליבער זון,
וועסט זיי אפילו רעכט נישט קאָנען,
וואָס פאַר אַ גוטס וועט זיין דערפון?

וואָס וועסטו דען אין דיינע ביכער
דערזוכן — איך האָב אויך געזוכט.
דאָס גאָלד פון חכמה פינקלט וואונדער,
פאַר דעם וואָס האָט איר ניט פאַרזוכט.

און די געצעלטן־זיצער לערנען
און וואָס זיי לערנען אויס אַמאָל, —
אַן אָרים ליכט אין א לאַמטערן
צו דורכגיין דאָ דעם טונקלען טאָל.

פון איטלאַר, „לאו" צעוואַקסט זיך ברייטער
אַ בוים מיט צווייגן אָן אַ שיעור.
און טויזנט ביינען — שטרייַנגע שומרים
ביי יעדער שוועל, ביי יעדער טיר.

פראַנציסק האָט דערפאַר אַפּגעוואָרפן
דאָס מינסטע פון זיין פלייש און לייב.
וואָס איז זיין תּפילה פאַרן קעלבל?
זיין זיידן גלעטן הון און טויב?

מסתם כדי פֿאַרגעבונג בעטן,
פֿאַר גאַרן בלוט אויף זייער גוף.
פֿראַנציסק דער הייליקער, דער בעטלער
דער אויסלייזער פֿון טויב און שאָף.

פֿראַנציסק איז אין זיין צער געשטאָרבן
און נאָר דער מדבר האָט געהערט
זיין לעצטן טרויעריקן ווידוי,
דעם קאָפּ געבויגן צו דער ערד.

און עשו איז פֿון פֿעלד געגאַנגען
און זיבן האָזן זילבער ווייס,
געבראַכט צום אַלטן פֿאָטער יצחק,
צום אַלטן קלאָרן ווייסן גרייז.

דריי פֿייגלעך זיינען אים נאָכגעלאָפֿן
און אויפֿן דאַך זיך אָפּגעשטעלט.
און זון און שאָטן האָבן געוועבט דעם אוונט
דעם גאָלדענעם אוונט פֿון דער וועלט.

ב.

כ׳האָב אין מיין שראַנק גרייז־גרויע ספרים
און ווי מען גראָבט אויס גאָלד פֿון דר׳ערד
גראָב איך אַרויס פֿון דאָרטן מעשיות
און אינגעלע מיינס זיצט און הערט.

אַמאָל, אַז כ׳האָב קיין צייט נישט, וואָכן,
די וואָכן נעמען צו מיין צייט
און מאַכן פֿון איר זאַמד און שטויבן
און מאַכן פֿון איר ברויט און בויט, —

האַלט זיך שיין אינגעלע פֿונוויטן
און לאָזט מיך אָפּ — צו זיך אַליין.
ער בעט זיך נאָר — פֿון שראַנק אַ ספֿר
ער וועט אַליין שוין דאָרטן זען.

איך גיב אים נאָך... שטייט אויפֿן בענקל
און מישט די בלעטער אויף און אָפּ.
ער זוכט מיט פֿאַרשנדיקע אויגן
ער גראָבט מיט א פֿאַרטראַכטן קאָפּ.

און כאַפּט אָן עפּעס אָן זיך דאָרטן
און וויל זיך אויפֿרייסן פֿון אָרט
און — טוט אַ קוק אויף מיר, פֿאַרכאַפּט זיך,
אין מויל — אַ שטום געוואָרן וואָרט.

און ווידער נעמט ער מישן, בלעטערן,
און גראָבט דעם שטערן נאָכאַנאַנד.
מיין קליינער וואונדערלאַכער למדן,
מיין זיבן יאָריקער פֿאַרשטאַנד.

כגיי צו, שלעפּ זיך ארויס פֿון ווינקל
און קוק אים גלייך אין די אויגן אַריין:
וואו האַלט איר דאָרטן שוין רב נחום?
פֿאַרבלאָנדזשעט זיך — וועלט אויס וועלט איין?

און הויב אָן לייענען מיט אַ ניגון,
ווי דער בית מקדש איז געוואָרן געבויט
די קופּער־לייבן און די הירשן
דאָס הייליקע און גאָלדן ברויט.

און די מנורה מיט די זיבן רערן
די ווייסע קנויטן ברענען העל,
און אין זיין טראַכט פֿון בלוי און פּורפּור
דער כהן גדול שטייט ביים שוועל.

און — ווי פֿון זיך אַליין — דער ניגון,
צעוויגט זיך ווי אַ גאָלדענע קרוין.
נו עפֿנט אויף זיך ברייט, איר טויערן,
גאָט אין זיין כבוד קומט צוגיין.

כהויב אויף דעם קאָפּ — אויף ווענט און ווינקלען
פֿאַרנאַכט אין שטילקייט, און זונפֿאַרגאַנג,
און אויף די זיילן פֿון בית־המקדש,
פֿאַרוויקלט זיך אַ גאָלדענע שלאַנג.

ג.

בעטלעריש אונזער יחוס־קייט,
אַז איין גאָלדן רינגל ?
אַ צעריסן זיידן קלייד
איז אויך זייד מיין אינגל.

פונם אַלט־צופליקטן זייד
דיר אַ העמדל נייען.
און דיין פריע טרויריקייט
גאָלדנדיק דערפרייען.

אונזער אויפגעקומענע גאַס
האָט דעם קאָפּ פאַרריסן,
זון ביי אונזער שוועל ליגט בלאַס
ווי אויף אַ קראַנקנס קישן.

נו איז בעטלעריש אונזער שטאַם
בעטלערל מיין בלייכער.
אונזער טרויער — אַ דינער פלאַם,
ברענט אין שטילן זכר.

זיידעס אין די קליינע שטעט
קעפּ — אראָפּגעבויגן,
האָבן שטיל און פרום גערעדט
פרומער — זייער שווייגן.

אַ באַהעלפער אין דער פרעמד
וועט פאַרפרעמדט ניט ווערן.
דעם וואָס גאָט האָט ניט פאַרשעמט
וועט פאַרשעמט ניט ווערן.

ווי א פאַסטוך אויפן פעלד
פירט זיין קליינעם עדר.
פרומער אָוונט אויף דער וועלט
קינדערלאַך — פון חדר

קליינע קינדער ווערן גרויס,
גרויסע פרומע אידן.
קליין און אָרים איז גאָטס הויז —
היים פאר בעטלער מידע.

נזיר, נזיר פון דער פרעמד,
רו זיך אָפּ א רגע.
כהאָב אַן אויסגעוואַשן העמד
דאָ פונדיינעטוועגן.

אָפּגערוט זיך ביי דער וואַנט
און — אביסל תהילים.
מיין נשמה — אין דיין האַנט,
אויף מיין ליפּ — דיין תפילה.

ספּאַלט דאָס קלייד אָפּ פון מיין גוף,
סלייב — פון מיינע ביינער.
פון מיין ברעם — צופליקטער שלאָף —
שאָטנס איבער שטיינער.

וועסט מיר ברענגען צו דיין טיר
אין דער שעה דער רעכטער
אַלע וואַרטן שוין אויף מיר
אין דער שעה דער רעכטער.

ד.

פרי שטייט אויף מיין אינגל אין פרימאָרגן.
כליג אין בעט און זע זיין שמאָלן שאָטן.
ער בינדט צונויף אַ קליינטשיק פּעקל מיטיק.
קוקט אין גראָען פענסטער אויפן טונקעלן דרויסן.
אָפּטמאָל זעצט ער זיך לעבן טיש אין ווינקל
דין און שווייגנדיק און וואַרט: צו פרי נאָך.
אין דידאַזיקע שטומטונקעלע פרימאָרגנס טראַכט איך:
סוועט אַן אומעטיקער מאַן מיין אינגל.
סוואַקסן אין זיין וועזן שווערע ערלאַכע געדאַנקען.
האָט זיך שוין ניט איינמאָל אויג אויף אויג
און אין קאָנפליקטן מיט דער וועלט צונויפגעטראָפן.
כזע אים פאָרן שלאָפן ביי דעם געלן לעמפּל איבערן בעט
מיט שווערע פאַרשנדיקע ברעם און שטערן
אין קליינע לומדישע ביכלאָך זוכן.
יעדן טאָג שלאָגט ער זיך אַן אַן רעטענישן אויף די גאַסן,
אין די ווענט פון אונזער ענגשאַפט קלאַפּט זיין אָרעם.
איך וואָלט וועלן ער זאָל צוגיין צו מיר אויכעט עפּעס פרעגן.
כקאָן אויף קיינזאַך גאָרנישט ענטפערן.

אַלע פּראַגעס שיק איך אָפּ צו קלוגע שכנים. —
אים וואָלט איך געוואָלט עפּעס דערקלערן,
אפשר וואָלט מיר עפּעס קלאָר־געוואָרן פון זיין פרעגן,
נאָר ער קומט נישט קיינמאָל.
אפשר האָט ער צו מיר נאָנטערע טענות ?
אפשר זעט ער ווי מיין לעבן ברעכט זיך,
און די ווענט פון מיינע ענגשאַפטן צופאַלן.
שווער אַזוי איז מיר מיין אינגלס שווייגן,
נאָר איך וויל נישט ער זאָל וועלן עפּעס ביי מיר לערנען,
און איך וויל נישט ער זאָל איינבויגן זיין קאָפּ
אונטער מיין נישט ליכטיקן און אומעטיקן אמת.
אפשר וועט ער נאָך אַמאָל זיך שטעלן פאַר מיין פּנים
מיט אַן אָפן וואָרט : דו זאָגסט אַ ליגן, פאָטער ;
און מיר געפעלט נישט ווי אַזוי
דו בוקסט זיך פאַר דיין שטומען בודא.
און דיינע תּפילות פון נירוואַנע צערענען מיך
צי וועלן זיי דיין שלאַפלאָזיגקייט פילן ?
פאָטער, איך בין בייז אויף דיר,
און האָב אויף דיר רחמנות.
איך בין בייז אויף דיר און האָב דיך ליב.
און זע אַ יומטוב לייכטן אויף די ווענט אין יענער איינציקער שעה
ווען דו שלאָפסט איין גאַנצפרי — די ווייכע זון
פאַלט גרינג ווי ווייסער צוויט איבער דיין בעט.
צי מיינסטו, אַז איך ווייס נישט פון דיין זאָרג
און פון דיין ווייסטער נאַכט־נאָך־נאַכט אָן שלאָף ?
צי מיינסטו אַז איך קאָן נישט לייענען אַרום דיין אויג און מויל
דעם אָפּגעזעצטן פּיין פון פינסטער בייז ?
די איינגעשטילטע גיפטיקע פאַרשעמטקייט אין דיין בליק,
און אין דיין קול די טונקעלע באַהאַלטענע שרעק ?
און איך געדענק מיין קליינע האַנט אין דיינער ערשט ניט לאַנג,
ביים שוועל פון פריינט וואָס האָבן קיינמאָל דיך ניט ליב געהאַט
און זייער הילף דיר צוגעוואָרפן מיט אַ טויטער ביינער־קער האַנט.
כוויל דיר נישט ווײ־טאָן, פאָטער.
נאָר וואָס איך זאָג דיר היינט
איז אויך מיין אייגענער ווידוי.
אַזוי וואָלט ער גערעדט צו מיר מיין אינגל,
און מיר וואָלט גוט־געווען זיין קול צו הערן,
און כוואָלט זיך אין זיין אויג געזען

ווי אינם שפיגל פונם קליינעם פארק־טייכל,
סעפטעמבער־אינדערפרי פון כמורנעם עלנט.
די געלע בלעטלאך זיינען קאלט, אז ווינט, געלעגן
ארום שטיינעריקער נידעריקן פלויטל.
אינדערלופט — א טויבער שלאפנדיקער רעגן.
און כוואלט אפשר זיך צוגעבויגן צו דעם פנים פון מיין אינגל:
ביזט גערעכט, מיין אינגל,
און איך דאנק דיר פאר דיין ווידוי.
און דיין זאגן מיר דעם בייזן אמת.
איך ווייס דו האסט מיך ליב
און האסט אויף מיר רחמנות
און איך נעם אן דיין געזעגענען.
ווארט נאר צו א ווײלע, ליבער,
כוועל ארויפווארפן אויף זיך מיין מאנטל,
און דיך גיין באלייטן ביז מיין גרעניץ.
זע איך שוין אין דער א רגע,
ווי מיר גייען ביידע אייגער לעבן אנדערן,
און מיט אונז אזא בארוט ריין שווייגן
און מיר קומען צו דעם גרעניץ.
ער נעמט מיין האנט אין זיינער,
קוקט מיר ליכטיק אין די אויגן:
זיי געזעגנט, פאטער.
כבייג אראפ מיין פנים,
מורמל דורך מיין שווייגן:
זיי געזעגנט, אינגל.
דאס טראכט איך נאר פאר דיר אזוי מיין אינגל.
כהאב שוין אבער אויך געמאכט שלים־שלום
מיט דיין שטומשווייגן ביי מיין זייט דא תמיד.
און כווייס און בין שוין זיכער דאכט זיך,
אז דו טראגסט קיין בייז געמיט נישט הינטער מיר,
און כהאב קיין טענה נישט וואס ביזט מיר מיט א שמייכעל
מוחל מיין ירושה און מיין אוצר,
און מיין קופערט חכמה
מיטן אייביקן זיגל
פון די אלטע אבות, די בני ס״ג״ל.

מיין טשאַרנעלע

ביזט פון מיין בלוט און ביין
ניט אָפּגעריסן נאָך.
נאָך סשטייט דיין קליינע בעט
אין קעלער אַראָפּגעשטעלט
ביים ענגן פענסטער אין דער שוואַרצער וואַנט.
דאָס שפּינוועבס אומעטיקט דאָרט
די צעוואָרפענע ברעקלאַך זון
לעשן זיך דאָרט ווייס און קאַלט.
די רויע ברעטער־סטעליע נידעריקט איבערן קאָפּ
און פּינסטער־טויב איז דאָרט.
איך גיי אַמאָל אַראָפּ אַהין
שטיי פונווייטנס, קוק אויפן קליינעם בעט.
דאָס ברעקעלע טאָג־און־זון
שפּרינגט פון פענסטערל אַראָפּ,
שטעלט זיך אויפן פּאַרענטש —
אַ פייגעלע,
אַ פייגעלע אַזאַ,
אַ גאָלדן־טרויעריקס.
שטייט, שטייט.
שטייט און וואַרימט זיך,
שטייט און וויגט זיך
איבערן בעטל אַראָפּ.

איך רוף דיך פון זיך אַרויס,
שטעל דיך אַנטקעגן זיך אַוועק,
קוק, קוק אויף דיר,
שוין אַזוי לאַנג, שוין אַזוי לאַנג
ביזטו מיין בלוט און ביין,
און ביזט נאָך אַלץ נישט גרויס
ביזט בלייך,
ביזט דין און קליין.
פאַרוואָס ביזטו נאָך קליין?
ביזט ווי אוועקגעלאָפן פון מיר,
זיך באַהאַלטן הינטערן טיר,
זיך נישט געוויזן לאַנג, לאַנג.

און — אַט ביזטו ווידער,
און ביזט בלייך,
דין,
און דאַכט זיך מיר.
כנעם־אָן דיין קינדערשע האַנט:
קום, לאָמיר אַריבערגיין איבער דער אַנדער זייט,
צו דער זון.
דו זעסט פון ווייט
פוניענערזייט,
די זון?
דאָ ליגט שאָטן, קאַלט.

מיר גייען אַריבער,
זעצן זיך אַנידער
אויפן אָפּגעקאַלכטן שטיין.
די זון איז וואַרים דאָ.
די זון איז אַ גאָלדענע.
און דיין בלייכקייט וואַרימט זיך,
דיין בלייכקייט זוניקט זיך.
דיינע אויגן בלויען ליב...
און — ד'הויבסט דיין קאָפּ צו מיר:
איצט זע איך קלאָר דיין פּנים,
און דיינע אויגן זע איך.
איך האָב געהערט דיין שווייגן
דיינע טריט, לעבן מיין שלאָף
איך האָב דיר נאָכגעקוקט
מיט ברעמען צוגעמאַכט
דיינע פֿאַמעלאַכדיקע טריט־טריט.
האָב דיך גערופן
מיט אַ שטומען קול.
די האָסט געהערט,
נאָר דו ביזט שוין די טרעפּ אַראָפּ
צום שמאָלן נידעריקן טויערל
צו דער פאַרנאַכטיקער שטאָט.

די בייזע מינוט

די מורא אַרום ביסן ברויט
און אַרום בלייכן קינד.
טוסט תפילה צו דעם גאָט פון נויט ?
דער גאָט איז טויב און בלינד.

ער זעט נישט די פאַרקרייצטע הענט
און הערט נישט דאָס געבעט,
און גלייכט נישט אויס די קרומע ווענט
און מאַכט נישט ווייך דאָס בעט.

און רעדט קיין ליכטיק וואָרט ניט אויס
צום בלאַסן קינד אַמאָל,
און קומט נישט ווי אַ גאַסט אין הויז
ווי סשרייבט זיך פון אַמאָל.

אַ קאַלטער אויוון ווי אַ שטיין,
און רירט זיך נישט פון אָרט.
און ס׳צדיקל קומט נישט צוגיין,
ווי סשטייט געשריבן דאָרט —

אַ פעקל שוועבעלאַך אין האַנט,
אַ בינטל האָלץ — אויף דר׳ערד.
און — סטאַנצן פלאַמען אויף דער וואַנט—
אַ קאַטש מיט גאָלדענע פערד.

און די דערפרייטע שעה גייט אויף
איבערן אַרימען ברויט
וואָס איז אַ מענטש ? אַ בלייכער גוף
וואָס האָט ליב וואַרימקייט. —

אפשר ארויסגערעדט צו פראָסט ?
די פראָסטקייט האָט איר חן.
גלייך ווי דער קוויטל־מאָלער : פראָסט
האָט שאַרפע מעסער־ציין.

און קינדערהעלזער זיינען דין,
אין קינדערשער אָטעם — שוואַך.

אַ פֿויגל קאָן פֿון הערבסט פֿאַרפֿלי׳ן,
אַ מענטש וואַקסט אונטער אַ דאַך.

אַזױפֿיל דורות דורך געווײן
און דער וואָס פֿײניקט — לאַכט.
און אַלץ וואָס זינגט פֿון גוט און שײן
האָט דער טרויער אויסגעטראַכט

דעם הונגעריקן קינד בײם וויג,
בײם אויוון — שוואַרץ און קאַלט.
אונטער׳ן וויגעלע שטײט אַ ציג,
אַ בײנעריק געשטאַלט.

אַ טאָן

וועסט ביי פרעמדע מענטשן דינען
אין אַ יאָר אַ שווערן.
אויפשטיין פרי מיט טאָג־באַגינען,
ביז סוועט טונקל ווערן.

פליט דען ניט אַוועק דער פויגל
איבער ווייטע וועגן.
פאַלט דען ניט דאָס בלאַט פון צווייגל
אונטערן קאַלטן רעגן.

גאָלדענער טרויער דאָס געדענקען,
גינגאָלד — אינם שווייגן,
פרום געבעט — דאָס שטילע בענקען,
ליבשאַפט אין די אויגן.

קוקן אויף די שמאָלע וועגן
וואו די ווייט טוט פירן.
קוקן אויף די הימלבערעגן —
לירישע קאָלירן.

גייען יאָרן מיטן גורל
דריי און פיר און זיבן
אין אַ ווייטער שטאָט ביים טויער
פון דער היים פאַרטריבן.

שוואַרצע נאַכט אין דיינע אויגן
אויסגעשטרעקט דעם אָרעם,
און דער רוקן איינגעבויגן —
גאָטס גערעכטער צאָרן.

מענטשן שלעכטע, מענטשן גוטע,
מענטשן אַלערליינע.
קליין און האַרט איז זייער פרוטה,
און די האַנט אַ קליינע.

פרומע קלאַנגען קלינגען קלויסטערס,
דין און לאַנג פאַרצויגן.

שטום פֿאַרשעמט האָט דער דערלייזער
צוגעמאַכט די אויגן.

האָט ער דען נישט אויך געוואָגט
צווישן בלינד און קראַנקע,
זיי זיין הערלאָך הארץ געטראָגן,
ווי אַ בינטל זאַנגען.

ווער וועט זיינע וואונדן היילן
און אַ וואונדער ווייזן:
פֿונם צוגעשמידטן צלם
זיין געביין דערלייזן?

און אַ קבר אים כאָטש געבן,
ווי מגיט אַ מענטשן,
נאָך אַזאַ פֿאַרוואָגלט לעבן
צווישן וועלט און מענטשן.

דאָ

די שיפֿן וואָס האָבן אונדז דאָ אַפּגעוואָרפֿן
דינען נאָך ביים ים, פּירן מענטשן און פּי,
רוען אָפּ ביי ווייטע האַפֿנס ערגעץ
אָנגעשפּאַרט אָן פּאָרט פֿון אַ פֿאַרנאַכט, אָן אינדעפּרי.
מיר דאָ, אויך נאָך אינם יאָר פֿון מי,
קומען זיך צונויף אַמאָל און לייענען
דערמאָנונגען, ווי פֿון אַ בוך.
אַזאַ שיין קינדערשע געווען אין יענע טעג די זון.
אין זכרון בלויט, טאָגט:
דער טאַטע זאָגט.
דער תּנא זאָגט.
אַזויפֿיל גוטע רייד און גוטע מעשים
אָנגעזאָגט פֿון דור צו דור...

דאָ, אין ענגע טעג און נעכט,
דרייט זיך אַרום אין הינטערהויפֿל פֿון מיין שטוב
אַ פֿאַרדעכטיקט־גרויער שאָטן,
עפּעס אַ ביטערער פֿאַרשוין:
און סדאַכט זיך מיר אַז אָט קומט ער אין טיר אַריין,
און צושעט זיין געלעכטערל אין זיך,
און דרייט מיט זיינע שפּיצערדיקע שיך:
„דאָס בין איך געקומען איצט צו אייך צוגאַסט,
טשיקאַווע, ווי איר נוצט נאָך אַלץ
דאָסזעלבע ניט־מאָדערנע ברויט מיט זאַלץ,
ווי אין די אַלטע פּראָסט־פֿאַרראָסטע טעג.
(איך—וועל דערזען דערווייל,
ווי הינטער אים דער שפּיץ פֿון עק
טוט הינטיש זיך פֿאַרדריידלען און פֿאַררינגלען
ווי אַ געלעכטערל אויפֿן ברעג מויל).
„נו, מילא, וועט ער צוגעבן,
אַזוי איז אויך גאַנץ וואויל.
און דרייט מיט זיינע שפּיצעכדיגע שיך:
און דאָס עקשנות אייערס—אויכעט ניט קיין וואָלוועלער שטאָל.
איך דריי זיך שוין אַרום אין אייער הויפֿל ניט דאָס ערשטע מאָל,
און דאָ, אַנומעלטן אין הויז פֿון בוך,
ווען כהאָב וועגן געלערזאַמקייט גערעדט

האָט עמיצער מיך פאַרגעשטעלט פאַר אייך:
דאָס איז אונזער גרויס־שטעטלדיקער פּאָעט.
און ווען איך האָב אייך אויסגעשטרעקט אַ האַנט,
אַז אַרעם מיטצוגיין,
האָט איר מיך שיין באַדאַנקט,
און צוויי דריי פינגער צום געזעגענען דערלאַנגט,
נאָר איין קליין שפּיצל האָב איך יאָ אייך איינמאָל אָפּגעטאָן.
אָט ווי מען שלעפּט ארויס דעם סאַמע שענסטן געזונטסטן צאָן
פון סאַמע מיטן מויל — —
איר האָט אַ ציטער־געטאָן.
שטומגעוואָרן היבשלאַך אויפן וואָרט.
כביז מיטגעגאַנגען לעבן אייער רעכטער זייט
אויף יענעם אָרט.
און גוט זיך איינגעהערט צו אייער געמיט
און צו דער צובראָכענער ערד
אונטער אייערע טריט״.

די פּאַן

הויב־אויף די גרויע לייוונטענע פּאַן פון וואַד
אויף אונזער אַרבעטסהויז.
די וואַד ווערט שטאַרק,
די וואַד ווערט הויך,
די וואַד ווערט גרויס.

אַז ביז אַצינד איז אונזער וואַד געווען
אַן אַלטע דינסט,
אַ גאַסנפרוי,
אויף יעדן ראַג און סקווער,
און וואו אַ הורנהאַר, אַ הער,
האַט איר פאַרצוואונגען אין זיין גוואַלד,
האַט זיך פאַרשיכורט איבער איר לייב.

אַ צוגעוואָרפן ברעקל רו אין אירע ציין
נאָכן טרוקענעם דאַרן ביין.

אַ הונגעריקע,
און דאָס קליינוואַרג אירס
פאַרחלשטע אַרום איר ליידיקער ברוסט.
זיינען אַפּגעפאַלן פון איר,
ווי בלעטלאַך פון אַ דאַרן קוסט,
הוילע בלעטלאַך רויך,
לעבן איר גרויען בויך.

געקראָכן איז זי שווער, שווער
אונטער די שענסטע זומער הימלען.
פון די בערג אַרונטער
האָבן געקוואַלן וואַסערן,
פון די וועלדער —
געזונטע גרינע פרייד.
און אַז מען האָט איר קיין ניו־יאָרק געבראַכט
און איינגעשפּאַנט אין גרויסן וואָגן שטאָל,
האָט זי אין אירע הארטע ברייטע רימענס געשלעפּט.
אין אַזאַ שוואַרצען שווייס.
און אַלע שווערע וואַלן־רעדער
פון איר ערשטן גבורה׳דיק שטויס

האָבן מיט האַסט און אימפּעט טאָג און נאַכט באַוועגט,
און שטאָל האָט אײַזנשטײַן געזעגט
און פײַער האָט געטריבן ווילדע וואַסערפלאַמען אינדערהויך
דורך די אינגעווײדן פון מאַנהעטענס טשוגונענעם בויך, —
האָט זי, די וואַך אונזערע,
מיט טרוקענע קנאַכן־הענט,
אַרומגעשאַרט זיך איבער דרויסנדיקע ווענט
מיט הונגעראויגן אין דער וועלט.

און —

טויזנט האַמערס האָבן אַליין געקלאַפּט,
טויזנט זעגן האָבן אַליין געזעגט,
טויזנט שפּינראַדן אַליין געשפּינט,
צענטויזנט בלאָזעק האָבן געטריבן ווילדן ווינט,
און פײַערן האָבן געפלאַמט, געפלאַקערט.
און דער גרויסער האַמאַ־אָדם
האָט דעם ניו־יאָרקער שווערן טאָג געאַקערט,
פאַרזײַט דאָס שוואַרצע שטײנעריקע שרויט.
און ביז פאַרנאַכט זײַנען שוין אויפגעוואַקסן הויך
נײַע ווילדגעוואַוקסן בראָנז־גראַניט,
און רויך און סם־אָטעם האָט געבליט
אונטערן האַרטן הימלדאַך.

און

אין דער העברערער גאַס
זײַנען די קלויסטערלאַך געשטאַנען
שלאַנק און אויסגעצירט.
די קלויסטערלאַך פון ישו,
און פון בודא און פון בעל,
די קלויסטערלאַך פון גאָט,
די קלויסטערלאַך פון קונסט.
שטילע, שטילינקע,
גאָט־די־נשמה שולדיקע,
מיט גרינע הויפלאַך אַרום זיך
ווי ווײכע גראָזענע שיך.
און געפּרעפּלט האָבן זײ
מיט אַ דין דין מויל

פיין און וואויל
וועגן שלעכטס, גוטס,
בעסערס און ערגערס פון בייז.
וועגן דעם רשעס סוף
דעם צדיקס גרויסן טאָג,
וואָס איז נאָך ווייט פון דאָזיקן ראָג,
און ווי אַ בלינדער מיטן שטאָק
שלאָגט ער אין זיין גאַנג דעם וועג
דער וועג איז שטיין,
דער וועג איז דאָרן, צאָרן,
און שטומגעוויין.

אַזוי האָבן די קלויסטערלאָך געקלונגען, געקלינגלט,
מיט זייער קופּערגאָלדענעם גלאָק.
איינמאָל אין זעקס טעג —
אויפן שפּיץ־טורעם פון זיבעטן טאָג
און אַנגעקינדיגט צו קינד און קייט
וועגן דעם וואָס קומט און גייט
און איז שוין נאָענט.
גלחימלאָך האָבן צוגעברומט
צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.
און אין די ווינקלען,
ווי אין טונקל גרויגעוועב
האָט דער געהייליקטער אויפן קרייץ זיך צוגעהערט
און זיינע אויגן, זיינע פיס און הענט
האָבן רויט געטרערט.

דערהויב די גרויע וואָך,
הויב־אויף איר לייוונטענע פאָן
אויף אונזער אַרבעטסהויז.
די וואָך ווערט שטאַרק,
די וואָך ווערט הויך,
די וואָך ווערט גרויס.

נאָרמאַ שירער

היילונג טריפט דיין מויל: כ'האָב דיר פאַרגעבן,
און היילונג גלעט דיין אויג און — כוועד געהיילט.
אַזאַ שטיל גאָלדן וואונדער ווי דיין לעבן,
האָט נאָך דאָס זיסטע מויל דאָ נישט דערציילט.

פידלען שפּילן ליבשאַפט, לויב צום טרויער,
זילבער־זילבן זינגען צום געגאָרטן וואָרט.
קלאַפּן, קלינגען שטיל אין טויער פונם אויער.
ליכטיקער אַטעם וועקט און וויגט זיך דאָרט.

ביזט קלאָרע פרייע ווייט וואו איינזאַמע אַנטרינען
פון זיך און פון דער וועלט און פונם טויט.
ביזט שפּעטע שעה פון גאָלדענעם ווייַן און פּייַן און רויט
אויף מיטלאַלטערלאַכע שלאָס־קופּאָלן און רואינען.

מייַן שטילסטער וועג מיט דיר ביי יענעם שטיינערפּהויט —
דאָס ווייט־פאַרלאָרנסטע פון זיך — אין דיר געפינען.

טרייסט

איך וועל דיך פירן
צום קליינעם הויז
ביים זאַמד פון וואַסער.

די ביימעלאך שפּרינגען אויף אין גרין
אַנטקעגן גאַסט, דעם זומער.
די לופטן באָדן זיך,
די לופטן קושן זיך.

נעם־אָן אַ פולן אָטעם בלוי —
סאיז דאָס קלאָרסטע וואַסער,
דאָס פרישסטע זונליכט.
וועסט זיין געטרייסט

איך וועל דיך פירן
אַראָפּ־אין־טאָל
אין רעכטן זייט. —

דאָרט ליגן דערפער ליבע
וואו ביזט קיינמאָל נישט געוועז.
סשפּילט דאָרט דער בייטאָג
מיט אַ וואַרים פּנים
איבער אַלע אַלטע שטיבער,
בוימער צובריי̆טן זיך
ווי מאַמעדיקע פייגל.
עס פאַלן ריחות אין פולע טראָפּנס
פון יעדער בליאונג.

דער טאָג איז אַ טאָג פון גענאָד,
זאַלבונג און ברכות
אויף יעדנס אַקסל און קאָפּ.
וועסט זיין געטרייסט

אַ געגנט

פאַראַנען געגנטן דאָ פרומע,
ווי אַן־אַ־זייט פון שטאָט פאַרשאַרט,
אַז ווען דו זאָלסט אַהין ניט קומען
רוט דאָרטן פרידלאַכער פאַרנאַכט.

די גאַסן שמאָלע, קליינע, גרויע,
און וואו ניט וואו אַ קרומע שטאָל;
אַ שטיבל ווי אַן אַלטע גויע,
דער דאַך — אַ טונקעלע, ברייטע שאָל;

האָט הויקערדיקער זיך איינגעבויגן,
ווי אַן־אַ שטעקן אַנגעשפאַרט,
און זוכט עפּעס מיט בלינדע אויגן,
און איז געבליבן שטיין פאַרשטאַרט.

און אַלטע בוימער שווערע, ברייטע,
מיט קעפּ צעוואַקסן און געדיכט,
אַז, ווי דורך שמייכלען דורכגעזייטע
זיפּט דורך די זון איר גאָלדיק ליכט.

און אָט־די שטאַרקע ביימער־זקנים
פאַרשפּרייטן דאָ אַן אַלטע רו
איבער די קליינע שטיבער־היימען,
און דעקן זיי מיט שטילקייט צו.

ער רודערט דורך אַ פערד־און־וואָגן,
און שטעלט זיך ביי אַ קלייטל אָפּ.
די שטילקייט ווערט אַ וויַיל צושלאָגן,
טוט ווי אַ וויג איר אַלטן קאָפּ

און ווערט ווי פריער איינגעשוויגן —
אַ שמאָלער טייך אין אַ ברייטן טאָל
וואָס בלייבט אין זיינע ברעגן ליגן
פון גאָר אַמאָל ביז גאָר אַמאָל.

ליד

כהאָב געזאָגט צום אינגל,
גאָט איז אין מיין זיידנס און פאָטערס הויז געווען.
מיין פעטער מיט דער קופערנער שפיציקער באָרד
האָט פאַרן פאָלק אַ ספר האַרבן מוסר אָנגעגרייט,
האָבן די ווערטער דאָרט געפלאַקערט רויט
ווי זיין באָרד און ווי זיינע האָריקע הענט.
און אין געשריי פון וואָרט האָט ער גאָט דערקענט.
און מיין קליינוואוקסיקער זיידע מיט געדיכטע שוואַרצע ברעם,
האָט אָנגעשריבן אַ סידור תפילות וועגן בעל עם,
איז איטלאַך וואָרט דאָרט ווי אַ פאַרטיקע פרי זיס,
און ווי ווינט אין זומערבלעטער קיל און פריש,
כווייס נישט וואו ער איז אַהינגעקומען,
נאָר איך געדענק נאָך היינט
פונקט ווי די זון וואָס האָט אין פענסטער יענע טעג אריינגעשיינט
אַ שורה דאָ. אַ שורה אויף אַן אַנדער אָרט,
וועך־ניט, ווי וואָלט צופליען געקומען ווי אַ געזאַנג צו מיר,
אַ מענגע לידער—טויבן פון אַ פרידלאַכן דאָרף,—
פון יענעם דאָרף זייַנען אַרויסגעגאַנגען איבער דער וועלט
אַ חברה טרובאַדורן—איינער מיט אַ זילבערנער האַרף,
אַ צווייטער מיט אַ פידל פון פימסנהאָלץ,
אַ דריטער מיט צוויי זינגענדיקע הירשנפיס,
זיי האָבן זיך צושפרייט איבערן גרויסן ישוב פון דער ערד,
זיי וועקן אויף צוריק די פאָלקסלידער פון זייער שלאָף,
און זינגען פאַסטוך־ליריק ווי מזינגט צו שאָף,
צו די מויערן פון ניו־יאָרק ביים האַדסאָן־ברעג,
און גאָט זעצט זיך ביים טייך אונטער ברוקלין בריק אַוועק
און הערט.
און ווי די קו שרייט דורכן שפאַלט פון שטאָל
ריטשעט דער ניו־יאָרקער טרויער פונם קוימענלאָך אַרויס
ווען סלעשט דער טאָג זיך אויף די באָרוועסע טראָטואַרן אויס.

דאָן קיכאָט אין מושב זקנים

דאָן קיכאָט מיט אַ באָרד אַ ווייסער
זיצט אין מושב־זקנים הויז.
דערציילט פאַר אַלטע זיינע מעשות,
וועלט אויס וועלט איין וועלט איין וועלט אויס.
די אַלטע ווי פאַרגאַפטע קינדער
מיט ווייסע קעפּ און קלאָרע בערד.
פאַרנעמען אַלע וואַזשנע וואונדער
וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אויף דר׳ערד.
די גאַנצע מענטשלאַכע געשיכטע
האָט דורכגעשפּאַנט אונטער זיין האַנט.
געבראַכט די שטרויכלער און פאַרווירטע
צוריק צום ליכטיקן פאַרשטאַנד.
ער רעכנט אויס אַ לאַנגן צעטל
תּלמידים וואָס ער האָט אויסגעשטעלט!
מיט וועלכע דענקער און פּאָעטן
האָט דען זיין טייטל ניט געקנעלט.
פון משה׳ן, יעזוסן ביז — גאַנדין
האָמער און געטע און טאָלסטאָי.
אַ ביטערער יונג געווען דער דאַנטע,
א כעסן — פונקען איבער שטרוי.
זיי האָבן זייערע ספּרינטע ספרים
געשריבן שטרענג אונטער זיין וואונק.
און יעדנס אינהאַלט און אין דער פאָרם
טלי׳ט פון זיין גייסט א רויטער פונק.
זיין איינפלוס איבער די ליטעראַטורן
פון יעדן פאָלק און יעדער שפּראַך.
זיין גייסט געלאָזט האָט שאַרפע שפּורן
אויף יעדער וואונדערלאַכער זאַך.
די אַלטע ווישן זיך די ברילן
בכדי צו קאָנען קלאָרער דערזען,
ווי סאיז זיין גרויסער שטאַרקער ווילן
מיט וועלט און מענטש און צייט געשען.
אַ כיטרער זקנדל אין ווינקל
זיפצט אַפּ באַדייטנדיק פאַר זיך.
און איינער טוט מיטן אויג אַ פינקל
און איינער זוכט אַ האָר אין פליך.

נאר אלע שאקלען צו מיט גלויבן
צו זיינע הויכע רייד דעם קאפּ.
דער הונדערטיאריקער — אַ טויבער,
נעמט פון זיין מויל דאָס אויג ניט אָפּ
און סנעמען זיך נישט אויס די מעשות
און צייט איז דאָ דאָך דאָ געגנוג,
און קעפּ אין בערד ווערן אַלץ ווייטער,
און דאַן קיכאַט איז שאַרף און קלוג.
און אז עס פעלט אַמאָל אַן אַלטער
צום רעדל, מ׳איז דאָך שוואַך און אַלט.
נישטאַ קיין זאַך וואָס זאָל פאַרהאַלטן
דעם קוועלנדיקן מעשיות־קוואַל.
צי ווייס דער טרויער דען פון ברעגן?
דאָס נעמלאַכע — דאָס גליק, די פרייד.
סהאָט דאַן קיכאַט זיי אָפּט באַגעגנט,
געלעבט מיט זיי און — זיך צושיידט.
זיי האָבן פון זיין רייכן גייסט געטרונקען,
און ער פון זייערן — אויך, געוויס.
די ליבע — ווי עלעגאַנט געזונקען
זיין פיינער קאָפּ איז צו אירע פיס.
און כאָטש ער איז שוין היינט אַ זקן
געדענקט ער ווי סוואַלט ערשט געווען —
איר ווייסע האַנט אויף זיינע לאָקן.
גאָטס וואונדער איז מיט אים געשען.
ווי גאָלדענע זאַלבונג וואָלט געפלאָסן
איבער זיין קאָפּ, וואָס פאַר־אַ פרייד!
ער—האָט די אויגן צוגעשלאָסן
איבער איר צאַרטן זיידענעם קלייד — —
אַ כיטרער זקנדל אין ווינקל
זיפצט אָפּ באַדייטנדיק פאַר זיך.
און איינער טוט מיטן אויג אַ פינקל
און איינער זוכט אַ האָר אין פליך.
און איינער קנייטשט זיין שפּיציק בערדל
און שאָקלט מיטן קאָפּ פאַרטראַכט.
זיין שפּיציק בערדל — אַ פּאַפּירן שווערדל,
וואָס ער האָט זיך צום שפּיל געמאַכט.

פּאַר בעטלער

נאַטאַמאַ בודאַ, פראַנציסק און דער בעל שם,—
בעטלער לענען אַן זייער געמיט אַן זיי.
פון זייערע הערלאַכע רייד, מידות, גוטס און שיין,
גייט אויך דאָס קול פון מיטליידן און פרומער תפילה.
בודאַ זאָגט: איך האָב געזוכט פאַר אייך דעם שטילסטן וועג
און, קומט ווי קינדער מאָרגן אויף מיין שוועל,
איך וועל אייך לערנען דאָס לשון פון פאַרגעסן,
דעם קלאָרן גאָלדענעם אלף בית פון שווייגן.
איר וועט מיר איבערגעבן אַלע אייערע רייד,
די בייזע און די גוטע די שיינע און די מיאוסע,
די פאַלשע און די ערלאַכע, די איידעלע און גראָבע,
איך וועל זיי אויפלייזן פאַר אייערע אויגן.
איר וועט זען ווי איך צושמעלץ זיי אויף מיין פלאַם
ווי כשמיד זיי אַלע איבער עאויף מיין שטאָל
אין גאָלדענעם געבעט פון שווייגן.
און אויפוואַקסן וועט איר אין שווייגן,
און גרויס ווערן און הויכווערן אין שווייגן.
און סוועט אַרויסקומען פון אייך אַ דור פון שווייגן,
וואָס וועט די פאַלשע שפּראַך פון ווערטער שוין ניט קענען.
און ריין וועט זיי זיין האַרץ,
און פרום און גוט זיין בליק,
און דער באַוועג פון זיינע פינגער — קלאָרע חכמה.
איך האָב געזען די קרומקייטן פון וואָרט,
זיין ערמה און זיין ערלה און זיין שטומפּיקייט.
איך האָב געזען ווי סאיז געוואָרן קנעכט
צום אכזר און געמאַכט אַ פרומען פנים.
און נביאימלאַך פון בעל האָבן געטאַנצט פאַר אים
אין שיינווערטלער מיט לאַנגע האָר
האָבן אים געוויכערט דיכטערישן ווייַרויך
געהימנט און געתהילימט זיינע בלוטיקע מעשים.
איך האָב עס אין די מאַרקן צוגעזען
און האָב אין שטילקייט טיף אין זיך
דאָס גרויסמויליקע און מיאוסע וואָרט געבענטשט,

אז ווערן זאָל פון אים אַ שטומער שטיין אין פעלד,
און איך וועל קומען אויף אים פּראַווען שוויַיגען.
אַט וועל איך אײַך אַרײַנפירן אין ספרים קאַמער,
פון איטלאַכן פון זיי אַ חשבון פאָדערן,
אין איטלאַכן פון זיי, אין אַ באַהאַלטן ווינקל,
איז אפשר דאָ אַ שעמעוודיקער אות אַן ערלאַכער,
וואָס האָט דעם קאָפּ אין זיין בזיון אײַנגעבויגן
און — געבעטן און דערגרייכט — שוויַיגן.
מיין אויער האָט זיך אָפּגערוט פון אַלע שיינע רייד
אין ברום פון קעלבל ווען עס רופט זיין מאַמען,
אין מידן פּליסטער פונם וואַסער ביים ברעג טייך.
ווען דער פאַרנאַכט שפּרייט גרויע מילדקייט
איבער איינגעשטילטע אַלטע דערפער.
און מער נאָך האָב איך אָפּגערוט
אין איידעלן אַנגעזיכט פון די דריי ביימלאַך,
וואָס סהאָט דער שכנס אינגל איינגעזעצט ביים פּלויט
פאַראַיאָרן זומער און זיי זומערן זיך שויז.
ווי פרישע קושן זיינען זיינע העלע גרינע בלעטלאַך,
און ווי געבעטן פון פרומע קינדער
זייערע ווייכע זיידענע שאָטנס.
איך וועל אייך לערנען דעם אלף בית פון שוויַיגן,
זיין אלף איז אַמאָל אַ שטיין
און אַמאָל אַן אוונטשאָטן
ביי אַ גאָרטנפּלויטל.
זיין בית איז אַ פאַרלוירן חרוב הויז,
די פענסטער אויסגעשלאָגן און אַ בלינדער הונט
האָט דאָרט געמאַכט פאַר זיך אַ וואוינונג,
לעבט אויס זיינע אַלטע וואָכן.
כהאָב אָפּטמאָל מיט אַזאַ מין פריינט
צונויפגערעדט זיך — אויג אויף אויג,
און ער האָט מיר דערציילט זיין גורל,
און איך אים — מיינעם.
איך בין ביים ברעג פון ים געשטאַנען ביינאַכט
פאַרנומען זיין געשריי און זיין געוואַלד — נאָך שוויַיגן.

אַ כוואַליע האָט זיך אויפגעריסן. אין איר צער,
און אָפּגעכאַפּט אַ ווייל דעם אָטעם — שווייגן.
כהאָב אין שפּעטע הערבסטנעכט,
ווען די הימלען לייטערן זיך אויס,
געשעפּט פון דער לבנה — שווייגן.
בין געשטאַנען לעבן איר ווייסן זילבערנעם קוואַל,
געשעפּט מיט דינע האַנטפלאַכן איר רו,
און כבין געווען אין פרידלאַכן געמיט מיט זיך
און מיט דער וועלט פון ווערטערלאָזן חסד,
וואָס פאַרמט אויס די מנורה פונם בוים
און גיסט אַן אַלע פּירות מיטן ווייַן פון לעבן
און אַלע חושים מיטן גאָלד פון טרוים.

מיט חיים קרול

מיין וועלט — אַ געצעלט הינטער ברוקלין
אַ וואַנט, אַ טיש, — אַ שטול.
און פון גאַנץ ניו יאָרק — איין חבר,
דער פייטן רב חיים קרול.

מיר, פרעמדע אַלטפרענקישע בירגער
פון עפּעס אַן אויסטערליש אָרט.
ער האָט פאַרשאָרן די גאָלדענע פאות,
און איך — מיין זילבערנע באָרד.

ניט מער. — מיר זיינען פאַרבליבן
גאַנץ און שטאַרק ווי אין יענעם קאַנט.
און רעדן דאָס דאָרטיקע לשון
מיטן בטלנישן מאַך מיט דער האַנט.

מיר האָבן זיך ביידע געלערנט שוסטערן
ביי דעם מייסטער מאַני לייב בראַהין.
איך דערמאָן זיך מיט שמייכלענדיקן טרויער
קרולס מורא פאַרן ניי מאַשין.

זיין וועבשטול אין לאָדזש איז מסתמא
געוועזן מילד אַזוי ווי אַ טויב,
ער רעדט פון איר אין זיינע לידער
מיט פרומער ליבשאַפט און לויב.

צי איז דאָס פון אונז אַן עקשנות
וואָס מיר האַרפּלען אויף בערדיטשעווערס האַרף.
לאָמיר זיך ביידע פירן אַפּשפּרעכן
צו אַ טאַטער פונם אַלטן דאָרף.

איך האָב געקאַנט דאָרט אַזאַ איינעם
איז שוין אַלט געווען איבער הונדערט יאָר.
ווי הימל זיינע ליכטיקע אויגן
איטלאַך וואָרט ווי קרישטאָל קלאָר.

עס זיינען געזעסן די פּויערן
אַרום אים אין אַ ברייטן ראָד,

און ער האָט זיי דערציילט וואונדער
פֿון זיך און פֿון — זיך און — פֿון גאָט.

ער איז געווען אַן אמת׳ער חכם,
אפשר קלוגער ווי דער אַלטער פֿאָרד.
כאָטש ער איז אַלע הונדערט יאָרן
געזעסן כמעט ווי אויף איין אָרט.

סאָ סברה אַז דער אַלטער טשעכאָוו
פֿלעגט קומען צו אים אויף באַזוך,
כדערקען נאָך דעם אַלטנס אַ ווערטל
וואו ניט וואו אויף אַ בלאַט פֿון זיין בוך.

א י ך

א.

אין אַ דאָרפּישער קליינשטאָט
מיינע אינגלשע יאָרן.
אַ הכנעהדיק ישובל
אונטערן ברייטסטן הימל.
איך — דעם ישובלס שעמעוודיק אינגל,
אפשר זיין שטיל בלוי בלימל.

ישובל,
פאַרגעס מיך נישט.

און אַז איך פאָר אַמאָל איבער אַ וועג —
הימל און ווייטע פעלדער ערד,
און סטוט אַ פלוצלינגדיקן שפרונג אַרויס
אַ לאַנגער ברונישטאַנג,
אַ שטוב אַראָפּ־אַ־באַרג,
און ווי אַ ליכטיקער קלאַנג —
אַ צלמל, אין גאָלד אַנגעטון,
טאַנצט אַנטקעגן דער זון —

וויל איך אַראָפּשפּרונגען פון פור,
לויפן, לויפן מיטן שטיק לאַנגן וועג,

מיט אינגליש אויסגעשפּרייטע הענט אַנטקעגן:

מיין שטאָט! מיין שטאָט!
מיין צלמל אין גאָלד אַנגעטאָן!
מיין יונגע שיינע זון!

ב.

פאַרזעע מיך אין שאָטן פון פרידלאַכן שווייגן.
מיט וועלט און מיט לייט זיך אין שלום צוגאַנגענ.
קלאָרער הערבסט אויף מיין ערד,
אויף מיין שטאָם, מיינע צווייגן
דינע גאָלדענע קלאַנגען.

וואוהין האָב איך געלאָזט זיך?
וואו בין איך געגאַנגען?

וואו בין איך פאַרגאַנגען?

אַט דאָס איז מיין וועג דאַ געווען,
און אַט־דאָ איז מיין גרעניץ.
איך האָב זיך געשטעלט צו משפטים
אַליין פאַר די ווענט און די ווינקלען.
און דאָס איז מיין משפט:

מיט לײדיקן אָפגיין,
און עלנט אַראָפגיין
פון גאַסן מיט שטיבער,
פון בערגלאַך און גריבער,
עס קוקן מיר נאָך
שטומע ליידיקע פענסטער —
דער שטילסטער,
דער קלענסטער,
דער פרעמדסטער.

אין די טריבע פנקסים,
אין דער געלער יריעה
פון בלוטיקער חתימה —
נישטאָ דאָרט מיין נאָמען.
דער צער פון דעם מאָנענדיקן בלוט,
פון אייגענע, פרעמדע און ריינע —

סאיז איבער מיין שורה זיין אָפשיין געפאַלן,
אַ צוק־געטאָן איבער מיין בלוט,
און איבער מיין פנים.
נאָר אַ ביטערער שמיץ פון זיין קאַנטשיק:
יונגערמאַנטשיק,
אייך איז נאָך געגאַלטן
פאַרכאַפן אַ שיף ביי די ברעגן
אין אָנקום פון חורבן,
און אַפציען פון דאָנען
ווען סהאָבן זיך ראַנדן פון דעכער
געצונדן אין פייער פון חורבן.
און סאיז אונזער ישוב מיט ציטריקע שטיבער, —
אַ סטאַדע מיט שאָף און אַ שטורם,
פאַר א באַרג שטיין געבליבן.
עס האָט זיך געבלעזלט דער שרעק

איבערן פנים פון וואַסער.
און דיק־דינע בוימער פון וועג
האָבן וויסט זיך געבויגן.
און פון נאָנטן וואַלד
זייגען פויגלען אַפּגעפלויגן —
מרגלים, אַ קוק־טאָן:
וואָס איז דאָ
וואָס טוט זיך?
און איך בין אַנטרונען,
מיין פּלייצע — אַ פּלייצע פון בעטלער,
מיין האַנט — פאַר נדבות.
מיין אויג — בלויז פאַרגעבונג
פאַר שמיץ און בזיון.
פאַר עולה׳ס, פאַר טרעטן.
און וואָס איך טו ראַטעווען פון זיך
איז נאָך גם זו לטובה.
כהאָב צופיל — דאָס מינדסטע,
זיך אַליין — צו צעוואַרפן,
צוטיילן צו גאָרנישט.
צו שאָטן, צו דערנער,
צו שעה׳ן וואָס קומען דאָ אום
גרוי אָן אָן אָפּשטראַל.
איך קאָן זיך.
איך זיץ מיט מיין גורל אינדערפינסטער.
מיר רויכערן הילצערנע ליולקעס.
מיר האָבן דעם מדבר שוין דורכגעשפּאַנט
— וואָס האָט איר דען דאָ צו געדענקען, רב יעקב?
— א זאַמדיקייט הינטער זיך, פאַר זיך,
און די אָאַזיסן? מהאָט דאָך גערעדט פון אָאַזיסן.
צו וואָס די אָאַזיסן?
פאַרן פעקל מיט ביינער?
פאַר גרויע מחשבות?
אָפּגעקראָכענע חלומות?
אָט לייגען מיר זיך דאָ,
צוויי בעטלערלאַך, דרימלען,
ביים גרעניץ פון ערד,
ביים ראַנד פון די הימלען.

ניגון

חסידימלאַך זיצן און לערנען,
זיי לערנען און לערנען אַ ניגון.
זיי זאָגען און טענה׳ן צום ניגון
מיט אַלערליי, כלערליי, ווערטער.

זיי פרעגן אים אויס אַלע סודות,
און ברענגען אים ראיות און עדות,
און בעטן כאָטש עפּעס אַן ענטפער.
אַ פונק, כאָטש אַ וואונק פון אַן ענטפער.

זיי זאָגן אים אויס זייער ספקות
און סקנייטשט אַלץ זיין שטערן דעם ניגון
מיט דינע מיט דין־דינע קנייטשן,
און טראַכט זיי אַן ענטפער צו געבן.

אָט איז שוין דער ענטפער, אָט איז ער.
אָט שיינט ער שוין אויף זיין שטערן,
אָט רוקט זיך שטיל דורך די קנייטשן,
אָט שוועבט ער אַרום אויף די ברעמען,
אָט ציטערט ער אויף אויף די ליפּן,
אָט־אָט נאָר — ער שווייגט גאָר דער ניגון.
און העכער אַלץ נעמען זיי לערנען,
די חסידימלאַך, לערנען דעם ניגון.
זיי בעטן זיך, בעטן ביים ניגון;
אויב קאָנסט אונז נישט געבן קיין ענטפער
אויף דעם וואָס מיר טוען דיר פרעגן,
אויב קאָנסט אונז איצט נישט ליכטיק ניט מאַכן
אַ רגע די טונקעלע ספקות,
דערציייל־זשע אונז ניגון, א מעשה,
פון אונזער הייליקן רבי׳ן,
פון אונזער גרויסן בעל שם טוב.
דערצייל אונז וואָס ספּלעגן זיך אַלטע
דערציילן בין מנחה למעריב
אין היימישע שולן און קלויזן.
און־אָט, הויבט דער ניגון אַן ריידן
מיט פּשוטע קלאַנגען ווי ווערטער:

איך קאָן אייך היינט, ברידערלאַך חסידים,
ניט זינגען, ניט זאָגן.
איך קאָן קוים אַליין פאַר זיך מורמלען
אַן אומעטיק, אומעטיק שווייגן.
עס גייען אום וואָלקן אין הימל,
און מיד בלייכט דער טאָג איבער צווייגן —
אַ שיינקייט וואָס שפּילט נאָך אַביסל,
אַ ליכטיקער זוים ביי אַ טויער;
אַ קלאַנג פון אַ גאָלדענעם שליסל.
און אַ טרויעריק ליד פון געזעגענען
אין לופטן וואו —
אי—בער—גע—רי—סן.

ערד און זון

סמוז תמיד עמיצער דאָ זיין
צו וועמען מיט אַ וואָרט זיך ווענדן.
די ערלאַכע האַנט פון וואָר
זייט וואונדער פון לעגענדע.

פון אַלטן לידער־בוים
צעוואקסן נייע צווייגן.
כוועל קושן, וואָרט, דיין מויל,
די טויבן פון דיינע אויגן.

ווי יונגער ווינט קומסטו
פון ווייטער וועלט צוציען.
צי קאָן דען פעלד זיין אַלט ?
צי קאָן דען ערד ניט בליען ?

און דורכן מדבר־וועג
דורך גרויע זאַמדיקע טייכן,
וועט אונזער קאַראַוואַן
זיין גרינעם ברעג דערגרייכן.

און ווידער וועלן מיר
ביי אונזערע סעודה טישן
אונזער פאַרשמאַכט געמיט
מיט ליד און ליב דערפרישן.

און ביזן מאָרגן־בלוי,
אין אונזערע שטיבער־היילן,
ווי אונזערע פאָטערס דאָ,
זיך האָבן וואָס דערציילן.

ווי שווער אונז וואָלט געווען
ווי וויסט און ווי באַנומען,
ווען סזאָל נישט זיין קיין שטעג
אַמאָל צום נעכטן קומען.

און סזאָל נישט זיין קיין שוועל
צו וועמען זיך דערפרעגן
אין יענער אַלטער שטאָט,
ביי יענע שטילע ברעגן. —

אַ קליינער ארימער דארף,
גאָרטן, טייך און גראָז.
דאָ אין דעם גרויען הויז
וואוינט נאָך ברוך שפינאָזע.

ווי הייסט דאָסדאָזיגע לאַנד?
די שטילע קליינע היימען?
דאָס איז דאָס קליינע דארף,
דער ישוב פון די תמימים.

אַראָפּ אַ־באַרג אין טאָל,
לעבן דעם קליינעם וועלדל,
וואוינט רב ישראל בעל שם
און לעבט נאָך זיין לעגענדע.

זיין טיר איז אָפן, זעסט?
קום, לאָמיר אַהין אריינגיין.
— ווי קומט איר אַזש אַהער?
— מיר זיינען אין וועג געגאַנגען,

דער טאָג איז געווען גרויס,
די ליכטיקע וועגן אָפן,
און סהאָט אונז אויפן וועג
דער ישוב אָנגעטראָפן.

סאיז גאָרנישט אַזוי ווייט,
און נישט אַזוי פאַרבאָרגן
פון היינט צום נעכטן און
פון נעכטן צו דעם מאָרגן.

צי ווייסט דען ניט דעם וועג
דאָס מידסטע גראָז אין בלימל
פון אונטערן פוס פון שטיין
צו זון און גאָלדענעם הימל?

דאָס וואַסער אונטער בערג
איז געגאַנגען און געקומען
ביז צו דעם דאָרף אַהער,
ביז צום בעל שם טובס ברונעם.

ווער ווייס פון וואַסער הויך,
ווער ווייס פון וועלכער נידער —
אַראָפּ אַ באַרג — מיט פרייד,
אַרויף־אַ באַרג — מיט לידער.

טו אָפּ דעם צער פון אונז,
דעם טרויער פון באַגערן,
און לייטער אונזער האַרץ
דיך פונדערווייט דערהערן.

און לייטער אונזער אויג
דיך פון דערנאָענט דערקענען
וואו אונזער שאָטן גרויט
זאָל זיך דיין ליכט דערנענען.

און ווען דער טרויער פאַלט
אויף אונזערע געביינען,
און אונזערע שטיבער בייגן זיך,
אונזערע שוועלן וויינען.

און אומגליק הויערט ווידט —
אַ וואָלף — אַ נאַכט אַ שווערע,
דורך אונזערע פענסטער שפּיזט
אַ דראָענדיקער שטערן.—

ניט לעש אין אונזער האַרץ
דעם גלויבן אויף באַגינען,
אַז דער וואָס טראָגט אונז הילף
וועט אונזער טיר געפינען.

וועט דורכגיין דורכן וואַלד
פון וויסטעניש און שרעקן,
און שטיין ביי אונזער טיר,
מיט טאָרבע און מיט שטעקן.

עס שמעקט פון זאַק אַרויס
דער זאַטער ריח פון קאָרן
דאָס ברויט וואָס אויף זיין פעלד
איז פאַר אונז רייף געוואָרן.

און ווי די רויע ערד
צואַקערט איז זיין שטערן,
דער זאַנג גייט אויף אין שווייס,
געזאַנג — אין ליכט פון טרערן.

היינט איז דער העלער טאָג
אַ לויטערער, אַ פרומער,
פון נאָנט און פון ווייט
צו אונזער שוועל געקומען.

עס שמעקט פון אומעטום
דער זאַטער ריח פון קאָרן
דאָס ברויט וואָס אויף דער וועלט
איז פאַר אונז רייף געוואָרן.

בעל שם טוב

בעל שם טובס מעשהס זינגען לידער,
זיין איטלאך ווארט שטראלט העל און קוועלט.
אַז אַלטער חסיד זאָגט: זיין סידור
געווען איז איינער אין דער וועלט.
נאָך פון די יונגע בעלפער־יאָרן,
נאָך פון די שווערע יתום־טעג —
ארומגעוואַגלט, ארומגעפאָרן
און ניט געקומען צו קיין ברעג.
דורך זיינע שורהס הערט ער שאַלן
אַ חדר קינדערשן געזאַנג,
אַ טשערעדע שאָף, אַ וואַסער פאַלן
אויף זומערוועגן הייס און לאַנג.
וואו קאָן מען נאָך אַזוי באַהאַלטן
די אַנגסטן און די בייזע לייד,
ווי אין די שטילע תפילה־פאַלדן —
אַ קערן אין דער ערד פאַרזייט;
פון איינעם וואַקסן אויף צען הונדערט,
פון עטלאַכע — אַ פעלד אַ ברייטס.
וואו זינגען נאָך אַזוי גאַטסוואונדער
ווי תמוז־טעג אויף פעלדער ווייץ.
דאָס בליענדיקע ברויט טוט לויבן
אין גאָלדענעם וואַקסן גאָט און פליין.
די בענטשונגען אין וואַרק פון טויבן,
אין קלאָרע וואַסערן דורך שטיין.
די וועלט צעעפנט טויזנט קוואַלן,
די וועלט וויל זינגען, די וועלט וויל פרייד.
עס אָטעמען שייערן און שטאַלן,
צום טאָג וואָס קומט, צום טאָג וואָס גייט
מיט איטלאַך נייגעבאָרן צווייגל,
מיט יעדן דורכגעריסענעם קוואַל,
מיט יעדן דורכפלי פון אַ פייגל,
מיט יעדן פלאַטער פון אַ שטראַל.
און מיטן גאַנג פון שלאַנקע טייכן
צעווישן פליין, געבערג און גריז.

ווער ווייס וואו סוויל דער מענטש דערגרייכן,
און וואו דער פויגל וויל דערפליי'ן.
און וואו די ליבשאַפט גייט אַרומעט,
און טראָגט איר האָניק און איר ווייַן
אין טונקעלער עלנטקייט צום אומעט:
היינט דאַרפן אַלע פריילאַך זייַן.
וואָסי? וואָס האָט אַזוינס געטראָפן?
און וואָס די שמחה און דער שטאָלץ?
בעל שם טוב איז די נאַכט געשלאָפן
ביי לייב אין קאַמער אויפן הוילן האָלץ.
דו וואָלסט געמעגט שוין זען זייַן הולך —
אַ פּעלצל, ווי אַ פּראָסטער גוי,
נאָר פון זייַן בליק ווערט פריי און פריילאַך
און אויפגעפרישט דאָס האַרץ ווי טוי.
ער וועט ביינאַכט אַ דרשה האַלטן.
איצט איז ער איבערן שטאָט אַרויס.
האָט איינמאָל דאָ זיך שוין אויפגעהאַלטן
בסוד — אַ שמש אין דער אַלטער קלויז.
ער האָט אַ גרויסע ליכטיקע בשורה,
אַ וואָרט פון טרייסט צו אונז געבראַכט.
דער שליאַך איז פול מיט דאָרפישע פורן
איבערן מאַרק אַ גאַנצע נאַכט.
פון טונקל קלינגט אַ פערדיש הירזשען
די וועלט איז וואַך, די לופט איז פריש.
און דער מקובל אַלטער קירזשנער
א גאַנצע נאַכט איז אויף די פיס.
ער ווייס מסתמא שוין פון פריער,
דערפאַר האָט ער מיט אַזאַ גליק
געלערנט שפּעט אין שול דעם שיעור,
ווי פעלדער וואָלטן זיך געוויגט
אין קאַרנדיקן גאָלד אין טיפן —
אַ ים פון ליכט פון ברעג צו ברעג.
די שול־פענסטער — ווי ווייסע שיפן
געקומען פונם ווייטסטן וועג — — — —

אַקאָרד

שבתימלאָד נאָך וואכן קומען
קליין־אורחים אין אַן אָרים לאַנד.
אַרום די קאַלטע גרויע וואלקנס
אַ דינער גאָלדנדיקער ראַנד.

ביים שאָטן פון דער דריטער סעודה
זיצט ווידער שוין די וואָך ביים זייט
אַן איינגעבויגענע און מורמלט
פון דאגהס טעג און לאַנד און לייט.

אַנטקעגנאיבער אין אַ פענסטער
אַ וואכיקער לאָמפּ האָט זיך געשטעלט
און אָנגעזאָגט די גרויע בשורה
פון מאַרק און שטויב און אָרימער וועלט.

כוועל גיין...

דורך גוטסקייט, גאָט, זאָלסטו מיין שיינקייט פּרואוון
ווי ווייט דו קאָנסט מיך אָפּרופן, אָוועקרופן פון זיך,
פון מיין באַהאַלטענעם איך־מקלט ווינקל.
וועסט שיקן מיט מיר ברויט פון הילף און קוואַלוואַסער פון טרייסט,
און פּראָסטע פרישע רייד פון האָפענונג,
כוועל אַלצדינג ברענגען אויף אַן אָרט,
און קומען אין דער רעכטער צייט,
איך, דיין שמש, דיין שליח,
דיין קליינשטעטלדיקער קאַרעץ־איד, —
אַ קליין ביסל צוטומלט פון דער וועלט.
דרייט מיט דער נאָז אויף די געשעענישן פון דער צייט,
נאָר בייגט דעם כמורנעם בליק און שווערן שטערן
אין דער פרומער אידישער באָרד אַראָפּ.
ווייל, גאָט מיינער, איך האָב געזען
און איך געדענק — אַזעלכע קינדערשע טרערן,
און דינע הענט וואָס בעטן זיך אָוועקנעמען פון בעט פון שרעק.
ווי האַסטיק סיאָגט מיין האַרץ אין מיר אַצינד
ווען איך דערזע עס ווידער פאַר זיך לעבעדיק.
כבין טויזנטמאָל געגאַנגען עפּעס קלאָר־ווערן אויפן טויטנאָרט,
געגאַנגען מיטן זומער־פרישן ווינט
און מיטן אַלטן גרויען סעפּטעמבער־ווינט,
און אומגעקערט זיך נעכטן, שפּעטלאַך, פאַרנאַכט
אינגאַנצן ווייס־פאַרשנייט.
קיל, פריש האָט זיין אָטעם געווייט
איבער דעם וועג צום טויט.
און אַט צינד איך אָן אַ לאָמפּ,
אַט גרייט איך דאָ צום טיש פאַר זיך אַליין.
ווי קליין איך בין אין אַט די ענגע ווענט, ווי גרינג
כאָטש עס ליגט אויף מיר אַזויפיל עול,
און אין די אויערן מיינע קלינגט מיר ניט קיין ליד, קיין קלאַנג ניט אַזוי שיין און ריין
ווי דער רוף פון דיין קול.
וואו ווילסטו מיך אַצינדער שיקן?
וואו ווילסטו זאָל איך גיין?
כוועל נאָר אַרומוויקלען מיין שאַליק אַרום האַלז
אַרויפכאַפּן דעם גרויען ראָק, און — — — גיין.

געשיכטע

געשיכטע, וועסט קומען אין אונזער ארימגאַס
און אַנטאָן אַלע קינדער ווייסע העמדער
און זעטיקע געשמאַקע פּירות עסן געבן
און דיינע אַלטע מעשׂיות שוין ניט מער דערציילן.
וועסט לערנען מיט אונז די שפּאָגעל־נייע.
איך זאָג דיר צו: ניט ווידערשפּעניקן אַנטקעגן דיר,
און כזאָג דיר אויס, אַז דיינע אַלטע בלעטער, —
האָב מיט אַ סך פון זיי אַ הייליקן בונד פאַרבונדן.
ביז ווייט אין זייער אומעטיקן וואַלד אַוועקגעגאַנגען,
ליב־געהאַט אַראָפּבלאָנדזשען אין זייער טונקלשאָטן,
דעם שפּריי פון זון און בלוי — דורך אַט־דעם שאָטן,
ביזט ווי אַן אַלטער וואַלד געווען פאַר מיר, געשיכטע.

צעווישן דיינע שווערע ברייטע שטאַמען, האָב איך געטראַכט,
זיינען דורכגעגאַנגען גרויסע הייליקע חילות.
איך האָב געזען די קליינע גרופּעס איסיים
די געצעלטן זייערע אַן דיינע שטאַמען אָנגעשפּאַרט,
געזען זיי ביי דעם פּראָסטן ברויט־און־וואַסער מאָלצייט
איינמאָל אַ טאָג נאָר, ביים שאָטן פון זונפאַרגייַן.
ביז זייער שטילקייט נאָכגעגאַנגען, ווי נאָך אַ רואיקן ליכטשיין,
געזען דאָ דורך די בערגלאַנד, בערג און היגלען
אַרומגיין אין התבודדות פון וועלט־יסורים — ישו׳ן,
וואָס האָט די ליבשאַפט צו דעם מינדסטן אָדער וועלט
געטראָגן מיט זיין גורל־טויט אינאיינעם.
די אויגן — מילדע בענטשונגען און ליכט,
און גוט געווען איז דעם דערשלאָגענעם,
וואָס האָט מיט אַ שפּיץ האַנט נאָר אָנגערירט זיין קלייד.
דו האָסט אים אויף דיין וועג אַרויסגעפירט,
געגעבן דיין שליחות אים אין האַנט
און אָפּגעלאָזט אין עלנט אויף זיין וויטן גאַנג,
און ווען ער האָט זיך לעבן הויכן צלם אָנידערגעשטעלט
האָסטו אים פון דער באַרגהויכקייט געוויזן די וועלט —
אַ ווייטע און אַ פרעמדע נאָך און ביי זיין פוס
אונטער זיין אַרונטערהענגענדיקן קאָפּ,
הילפלאָזע געבויגענע דריי ווייבער־קעפּ.

די סעודה

דער בוים האָט צו דעם שפּעטן תמוז
געבראַכט אַ קויש מיט זיסע פּרוכט.
דעם ערשטן טראָפּן גאָלדענע רייפקייט
דער געלער וואָרים האָט פאַרזוכט.

דערפאַר ווייזט אויס זיינע די בלעטער
געוואָרן קראַנק און בלוטיק־רויט,
און שטילערהייט גענומען פאַלן
איבערן איינגעפאַלענעם פּלויט.

דערפאַר האָט אויך די זון באַקומען
אַן אומעטיקן מידן בליק.
און דער פּאָעט האָט אָנגעשריבן
זיין ליד פון אומגליקלאַכן גליק.

ער האָט אין ליד דעם הערבסט באַזונגען,
געמאָלן אים מיט גאָלד און רויט.
געפּראַוועט האָט דער הערבסט אַ סעודה
און אויך פאַררופן צו זיך דעם טויט.

ביים טיש זיינען געווען פאַרזאַמלט
די פּני פון גאָר דער גרויסער ערד.
דער זאַטער גלאַטער סאַנטשאָ פּאַנטשאָ,
און דאָן קיכאָט מיט זיין בלויער שווערד,

און מיט אַ ברוסט מעדאַלן וואַזשנע,
אַז סהאָט דאָס אויג פון זיי געבלענדט.
נאָר קיינער האָט דעם וואָילן ריטער
נישט אַזוי גיך אויפן בליק דערקענט.

די באַקן —— ביינעריקע קנאַכן,
אַ געלע פאַרמעטענע הויט.
נאָר אויף די בערגלדיקע שפּיצן
האָבן געפלאַקערט פלעקן רויט.

די הענט, ווי אָפּגעבראָכענע צווייגן,
פאַרטריקנט, אַז אַ טראָפּן בלוט.

ער האָט דעם סעודה־טאָסט געהאַלטן
און אין זיין רעכטער האַנט אַ רוט.

די גאַנצע גוטמוטיקייט זיינע
איז אַ ווי פאַרפלויגן מיטן ווינט.
ער האָט געשטראָפט ווי אַ בייזער נביא
אויף שולדיק און ניט־שולדיקע זינד.

און ווען ער האָט זיין וואָרט געענדיקט,
האָט אים דער טויט דערלאַנגט אין האַנט
אַ גאָלדענעם מעדאַל אַ גרויסן
מיט אַ רויטבלוטיקן בריליאַנט.

וואָס מהאָט דערנאָך גערעדט, גע׳דבר׳ט,
איז נישט כדאַי דערמאַנען איצט.
אין יעדנס וואָרט און אויג האָט גלוטיק
דער בלוטיקער בריליאַנט געבליצט.

בעטלער - וועלט

וואס בין איך אין דיין וועלט?
אַן אנגעפּאַרענער.
איך צייל שוין שפּעטע טעג.

אַ טאָג קאָן אָנקומען
מיט טונקעלן פאַרדאַכט.

כ'בין:
וואַלד ביינאַכט,
וויסטער וועג,
וואס פירט אינערגעץ ניט—

כאָטש עס רעדט דורך מיר
דער אַנגסט פון אַ גאַנצער גאַס,
וואס ליגט אויף זעק מיט נויט
אין ווינטער־קעלט.

צי שווייגט דען ניט אין מיר
די פאַרשטויסנקייט,
דער הונט פון עלנט
הינטער אַ שטומער וואַנט?
די אויסגעשטרעקטע האַנט
אינמיטן גלייכגילטיקער גאַס?

זי בעט:
זעט
מיין שאַנד.
כ'בין בלינד,
כ'וויל ברויט,
און ווייס נישט וואו צו גיין.

כ'האָב אויסגעשטרעקט די האַנט
לאַנג, לאַנג, לאַנג —
פון איינדערפרי ביז פאַרנאַכט.

די גאָס וואַרפֿט צו אַמאָל אַ קופּערל, אַ זילבערל.
דער דינער זילבערקלאַנג איז מילד,
טרייסט, שטילט.

אינדערפֿרי קריך איך אַרויס
פֿון מיין בלינד הויז
אויפֿן בלינדן טראָטואַר,

און שלעפּ זיך צו מיין אָרט
אַז אַ וואָרט.

מיין אויסגעשטרעקטע האַנט,
מיין ווייסע באָרד

צובלאָזן אויפֿן גאַסיקן ווינט,
לאָזן וויסן אַז איך בין בלינד.

III

מײַן ליד

עלקעו

א.

גרינג זיך צו מײַן שטוב דערפֿרעגן
הינטערן טומל פֿונם מאַרק.
איך בין אויך דעם מאַרקס פֿאַרמעגן
אין זײַן שטויב און אין זײַן זאַרג.

אַ פֿאַרשלומפּערטער, פֿאַרמעלטער
און דער שטערן — אין הר־האַ.
בין אין יעדן אַ פֿאַרשטעלטער,
אַט, אַ מאַרקמענטשל אַזאַ.

בין דאָס סוחרל פֿון ברויטן,
בין דאָס ײַדעלע בײַם שטעל.
און די בײַטש פֿון אַלע נויטן
שנײַדט זיך אין מײַן לײַב און פֿעל.

אַ סימבאָל פֿון געטאָ־גאַסן,
בעטלעריש און שטאָלץ דערויף.
(װעלכער חזיר טוט ניט וואַשן
זיך די מאָרדע הײַנט מיט זײף?)

קאָרעץ, גאָר דײַן אַלטן אומעט,
גאָר דײַן שימל, גאָר דײַן זאָרג
טו איך אָן און גיי דאָ אומעט
אין דער הויכגאַס פֿון ניו־יאַרק.

זע איך אויס ווי אַ מלמד,
אַ בעל דרשן פֿון אַ העק,
כ'גיב קיין פּאָדים פֿאַר דײַן סאַמעט
פֿון מײַן לײַוונט נישט אַוועק.

און די מאַסקעס, מײַנע שלעפּער,
שטאַרבן ווען איך שוין אין זיי.
כ'זע אין זיך רב לײַב דעם טעפּער
ווי ער בלאָזט אַראָפּ דעם שניי

פֿון די טעפּלאַך און די קאַנען
פֿאַרן מאַרק אין גאַס צושטעלט.

און ער טוט פון קלייטל שפּאַנען
אין דער פריער ווינטער־קעלט.

איך בין נאָך געווען אַ אינגל,
און ער איז געווען שוין אַלט.
איצט בין איך פון אים אַ גילגול
און איך לעב אין זיין געשטאַלט.

זיינע קנייטשן, שניטן, קאַרבן
פון אַ טיפער הארבער פּיין.
כהאָב געזען אַ שיינקייט שטאַרבן
אין אַ וואונדערלאַכער קרוין.

יענער טרויער, יענע פאַרבן
שפּיגלען זיך אין מיר נאָך אויס.
איך וועל גיין אין הויז פון שטאַרבן,
ווי אַ פרומער — אין גאָטס הויז.

כוועל ביים שוועל אַנידערבויגן
נידעריק צום שטויב מיין קאָפּ:
בלוט פון מיינע מידע אויגן,
ליכט איבער מיין מידן קאָפּ.

ב.

מיין נחלה און מיין וועלט — אין חורבן,
ליימיקע, צופאַלנדיקע דאַך און ווענט.
לידער מיינע — וואַקסן צווישן קראַנקע פאַרבן
אונטערן הערבסטס גריך־אַדערדיקע הענט.

און מיינע נאָנטע זיינען די וואָס וואוינען
אין אַלטע שטיבער — באַלקן איבער די קעפּ.
אַזעלכע כניאַקישע אַלטמאָדישע פאַרשוינען
אויף אונטערשטוביק, אונטערגרובעדיקע ווענט.

זיי לעבן זייער אַלטוועלט אָפּ מיט אַלטע זארגן,
מיט אַלטער צוגעבונדקייט, ווי דאָרפישע הינט,
צום גאָט וואָס האָט זיי צוגעזאָגט אַ הויכן מארגן
און לייטערונג, און ריייניקונג פון אַנגסט און זינד.

נאַר איין שוועל איז צום טראַט מיר צוגעוואַקסן,
איר שאָטן גייט מיר נאָך אויף ערד און ים.
די ברייטע וועלט ענגט איין, שמאָלט איין מיין אַקסל
און גרעניצט אַרום מיר איר קאַלטן טויטן ראָם.

כקאָן די פרעמד נאָך אַלץ ,נישט קלאָר דערקענען,
פאַרשטיי אַלץ וואָס זי רעדט און זי אַנטפּלעקט.
און כאַטש איך ווייס אַז אַלע מיינע דערפער ברענען
און אַלע נעכטנס ווערן וויסט און אָפּגעמעקט.

דער נעכטען וועט זיין תבואה און זיין דרעשער דרעשן
און מאָלן מעל און אָנגרייטן זיין ברויט.
דער הערבסט וועט זיינע ליכט און פאַרבן לעשן
און זינגען שיינקייט אויף דער האַרף פון טויט.

און אַז די קליינע דעכער וועלן די שנייען ווייסן,
וועט אין די שטיבער וואַרימען זיך גאָטס וועלט.
און שטייפע ברייטע לייוונטן וועלן מאַמעס רייסן
פאַר כלה־העמדער, ברייט ווי רעטשקע־פעלד.

און פאַר די פענסטער אין די טעג די בלויע,
און פאַר דער זון און פאַרן פרייליכן שניי
צעוואָרפענע די ליכטנדיקע לייוונטן — נייע,
און מאַמע־קעפּ פאַרטיפט אין פערלדיק געניי.

ג.

קלענער, קלענער
ווערט מיין לעבן —
נאָר אַ קינד אַוועקצוגעבן,

אַז עס זאָל זיך
דערמיט שפּילן
אין אַ ווינקעלע אַ שטילן.

און דערמיט
אַנדרימלט ווערן
נאָענט — שטערן צו אַ שטערן.

ביידע בלייכע,
ביידע מידע —
ערשט געמאַכט פאַר זיך אַ סעודה

אויפן גרינעם קינדערטישל:
מיר אַ קרישל,
דיר אַ קרישל.

מיר אַ ביסן,
דיר אַ ביסן
פונם עפּל פונם זיסן.

קלאָרע וואַסער אינם שיסל
מיר אַביסל
דיר אַביסל.

אָפּגעפּראַוועט אונזער סעודה
אַזאַ זאַטע,
אַזאַ גוטע,

האָבן מיר געלייגט זיך שלאָפן.
טיר און טויער
שטייען אָפן.

אויפן הימל אַ יאַריד מיט שטערן
טומלען נאָר —
מקאָן ניט הערן.

ד.

פון מיר ביז צו מיין פאָטער
זיבן ליכטיקע טריט.
ער רוט, שוין לאַנג, לאַנג
און איך גיי אום נאָך מיד.

איך האָב שוין דאָ געהאַט
מיין שענסטע שעה, מיין זון.
מיין וואונדערלאַכסטע נאַכט
און — וואָס קאָן איך נאָך טון?

גיי איך אַרום און זוך,
קלייב אויף ווארט נאָך וואָרט —
שטיינדלאָך ביים ברעג טייך
לעבן דעם הייליק־אָרט.

און דו, מיין ליד, ביזט קליין
אַזוי ווי איך און שטיל.
דיין גאָלד, ווי מיין ליכט אין בליק
ווערט מילד און גוט און קיל.

און ביזט מיין לעצטער פריינט
פון גאָר די דערף און שטעט,
וואו איך בין דורכגעגאַן
אַ שלעפּער, אַ פּאָעט.

אַט ווי דער הערבסט גייט דורך
צוריסן — בלאַט אויף בלאַט.
די שטיבער שטייען אין רו,
די שייערן שטייען זאַט.

און נאָר איבער זיין לייב
דער שרייענדיקער ווינט —
אַ וואַנזיניק קראַנק האַרץ
ביים שמאָלן גרוב פון אַ קינד.

די לופט הויכט רויע קעלט,
און אָנזאָגן אויף שניי.
דערווייל איז וויסטע ערד
און הימל — טויב און גרוי.

וואו גייען מיר, מיין ליד?
איך ווייס אַליין ניט וואו.
נאָר שמאָל איז אונזער וועג,
און פירט מסתם צו רו.

און ביז מיר קומען צום ברעג
וועט נאָך אַרויס די זון
ביים לעצטן טרעפּ פון טאָג,
ביים ברעג פון אונזער רו.

אַ פּאַסיקל בלייך גאָלד
אַ צייכן טרויריק ליכט —
די גוטע האַנט וואָס האָט
אונז צו אַ ברעג דערפירט.

ה.

וויגט זיך אויף אַ פלויט אַ טויער,
און אַ שטוב שטייט נאָנט.
קומען אַהין נויט און טרויער
אינדערפרי און אוונט.

אין די ווינקלען שמאָלע שטענדערס,
אויף די שטענדערס — תהילים.
און אַן אָרים ליכטל ברענט דאָרט
מיט אַ קנויט אַ שטילן.

וואָס וועט דען מיין מזל קאָנען
דאָרט פאַר מיר דערבעטן?
כאַטש אַ פונק גענאָד אויפמאָנען
און מיין שעה מיין שפּעטער,

אַז די פינסטערנישן זאָלן
ניט מיין שטעג פאַרלעשן,
הינטער זיבן בערג און טאָלן
וואו איך לעב פאַרגעסן.

ו.

איך בין דער מאַמע נויטס
בלייך אומעטיקסטער אינגל.
איך מאַן נישט און בין זאַט
מיטן לעצט געבליבענעם ביסן.
איך בלייב אַליין פאַרנאַכט אין ווינקל שטוב
ווען אַלע מיינע ברידער גייען אַוועק
אויף ליבעס און אויף מיטינגען.
מיין מאַמע מיטן גרויען אַלטן קאָפּ.

דרימלט אויף דער שווערער סאפע ביי דער טוכלער וואנט.
איך קוק איבער איר שמאלער פלייצע:
איר קליינער איינגעצויגענער גוף
האט זיך אין שלאף געראטעוועט פונדאנען
ווייט ווייט פון די שלעק די טעג מיט ברודיקן בזיון.

איך בין איר שווייגנדיקסטער אינגל.
און היט אפ פון־א־זייט איר קווארנדיקן לעבן
מיט הויטיקע געלע באקן קייט זי אפ איר קרישל ברויט.
ווארימט אירע אויסגעהארעוועטע הענט
אין דער גלאז בלייכער טיי אינדערפרי.
און בלייבט אמאל אזוי די הענט אונטערן קין
אין וויסטן נאכטראכטן מיט זיך,
אז כוויס נישט וואו איך זאל זיך היינטון
מיט מיין איבעריקייט און עלנט.
און מורא האב איך צוגיין נאנט,
אנרירן איר אקסל:
מאמע.

איינער פון די ברידער מיינע
איז א צארנדיקער תמיד.
מער ווי אלץ צובייזערט ער זיך אויף מיין אומעט
אויף מיין זיך איינשפארן אין ווינקל:
א אינגל זאל אזוי נים זיין קיין אינגל,
נאר לעבן וואנט און דורכן פענסטער,
און נאר פארגראבן ס׳פנים אינם זיידנס שמות,
און תמיד זיך באהאלטן דא פון וועלט און לייט
ווי פון א וואלד גזלנים.

איך קוק אים אפט ארויף אין פנים
מיט גוטע ברידערלאכע אויגן,
אז איינמאל האט ער זיך צו מיר אראפגעבויגן:
ברודער,
פארוואס האסטו זיך אזוי איינגעשפארט אין ווינקל?
און וואס האסטו אזוי די אויגן איינגעגראבן
אין דעם זיידנס אלטע שמות?
וואס זוכסטו און וואס קאנסטו דארט געפינען?

קום, כוועל דיך פאַרן האַנט ארויספירן צווישן וועלט און מענטשן
און וועל אָוועקטרייבן פון דיר די שאָטנס שרעק,
און טונקלען אומצוטרוי צו שטאָט און גאַסן.

האָב איך זיך איינמאָל שוין געלאָזט פון אים אריינפירן
אין גרויס געזעמל פון די מענטשן גאַסן,
און בין געקומען אַזאַ מידער, אַזאַ לײדיקער,
און די געשרייען ווי אַ בייטש אַן אייזערנע
האָבן נאָך ענגער מיך אין שפּאַרע אריינגעטריבן.
בין געלעגן אַ פאַרקאַרטשעטער אין אַ קנויל
מיט גיפטיקער ביטערניש איבערן מויל.
אַ טאָג און צוויי און — אויפן דריטן,
האָט ער זיך שטילערהייט איבער מיר איינגעבויגן:
ברודער,
פאַרגיב מיר וואָס כהאָב דיך פאַרשעמט
און דיך אַרויסגעפירט פון דינע וואַרימע שאָטנס.

איך האָב מיט ברידערלאַכער גוטסקייט
אָנגעקוקט מיין צאָרנדיקן ברודער,
און אים באַוואַונדערט.
דער טרויער פון זיין אויפגעווייטיקט בלוט
צוטומלט מיך און פון זיין געשריי
טוט יעדער זאַך אַרום מיר, די ווענט אַפילו, וויי.
איך ווייס אויף וואָס ער קאָן זיין גרייט.
אין הייליגקייט פון זיין לעבן און טויט.

ער גליט זיין אָנגעשטאָלטע האַנט
אין פלאַם וואו סברענגען אַלע נעסטן פון דער נידער גאַס.
און פראַלט אַריין ווי אַ פייל דורך דער טיר
און — אין ווינקל גלייך צו מיר
ווי כ׳וואָלט דער שולדיקער געווען,
נאָר — ער בלייבט באַלד שטיין
דער פלאַמענדיקער קאָפ — אַראָפ,
די הענט — אַראָפ.

איך קוק,
און פרואוו שוין ניט מיט אים קיין שטילע רייד.

ז.

אומהיימלאַכקייט אין מיינע גרויע שטובן
אַזויפיל טרויריקייטן זיינען דאָ געשען,
איבערן דיל די זוניק־מילדע קובן,
אַ צייכען און א גרוס פון טאָג און שיין.

איך טראַכט: ניט בריה׳ן, זיך נאָר טריט־פּאַמעלאַך,
נישט גאָרן מיטן אויג דעם וועג, די ווייט.
דאָ ליגט אַ דאָרף אין גרויען אָרימען הולד
אַ ישוב פון דער אַלטער מלכה נויט.

זי הערשט אין זיבן און זיבעציק מדינות,
אויך איך בין איר אַן אַלטער אונטערטאַן.
געדענק די ערשטע אויסגעלייגטע שינעס
אונטער די רעדער פון איר איינציקער באַן.

איצט קלעפּט אויף זיי אַ טונקל־ברוינער זשאַוור,
אין די וואַגאָנען נעכטיקן בעטלערלייט —
דער אַפּגעריסנסטער פון זיי, מיין חבר,—
אַ הינקענדיקער אויף דער לינקער זייט.

אַ גלויביקער אין נייע גרויסע צייטן;
אין בלוט פאַרביטערטן פון פאָלק ווי סם,
אין די געשוואָלענע מכות פון די נויטן —
ער רעדט און זיינע אויגן פייערן פלאַם.

און זיינע פויסטן — שטאָלענע קוילן־קנוילן,
די אָדערן אויפן פּנים — האַרט און שאַרף.
און כקאַן אים דאָך פאַר אַזאַ ליב און וואוילן
און לירישן, ווי רילקעס זילבערנע האַרף.

אַמאָל — אין ביידע הענט צו צווי דריי פלעשער
פון בעסטן ביר, לויפט ער צו מיר אַריין,
און טרייסלט אויס פון אַרבל — אַ—ז—אַ מעסער:
נאָך היינט וועט דאָ אַ רויטע שחיטה זיין.

און— פון פּאַפּיר אַ ברויט אַרויסגענומען,
אַ שניט אין סאַמע מיט איבער זיין קאָפּ.
און — אַזאַ חן האָט אים אַרומגענומען
אַזש פונם מיטן־האַלז דער ביינערקנאָפּ

האט אויפגעשמייכלט און — די אויגן זיינע —
אַזויפיל גוטקייט, ליבשאַפט האָבן געשיינט:
איך האָב נאָך אַלץ צו דיר אַן אַלטע טענה,
נאָר איצטער לאָמיר טרינקען, ליבער פריינט.

און אָנגעגאָסן פולע גאָלדענע גלעזער,
איבערן גאָלד אַ זילבער־ווייסער שוים.
און הינטער אונז האָבן געברענט די שלעסער
פון פאָסטדאַם און פון וואַרשע און פון רוים.

ח.

היסטאָריקער, פאַרזע מיך אין דיין פּינקס,
און נישט דערמאָן אַז ד'האָסט מיך דאָ באַגעגנט
אויף מעלאַנכאָליש־בעטלערישע הינטערגעסלאַך שלעפּערן.
ווען הויכע גאַסן האָבן יובלדיק געפּענדלט,
געפאַלן איז אויף מיר דער זלידנער זידל
פון די דערפרייטע אויפן מאַרשוועג צו ניצחון.
אין מיין איבערשווייגן האָב איך אַלץ אויף זיך באַרעכטיקט.
זיי האָבן מיט דער פרייד ערשט איבערגענעכטיקט
איין נאַכט,
און די ירושה פון יאָרהונדערטער אין נויט און טרויער
מיט טויזנט פולגעפאַקטע וואָגנס אָפּגעשטעלט
ביי זייער אויפגעפראַלטן טרויער.
איך?
פאַר מיר די אַלע רייכפאַרבן —
איין גרוי שטיק לאַנגווייל,
אָפּגעוואָרפן צוליב דער לייד,
וואָס האָט איר שטיבל אויפגעשטעלט
אויפן הויף פון טויט לעבן מיין הויז.
איך וויל קיין חלק און קיין נחלה ניט אין אוצר.
איך געהער צו די מסתם,
וואָס האָבן נישט פאַרדינט דעם זכות.
אַ הינטערשטעליקער,
ווי איינער וואָס שלעפּט זיך אויף איין פוס,
צי ווי אַ בלינדער וואָס טאַפּט די לופט,
אַ שטומער וואָס רופט
מיט אָפּגעהאַקטן האַלדז־כריפ—

די־אַ חברה, (אַן איראַניע) —
איך בין איינער פון זייער פּני,
אין מיין אומהיימלאַכן וועג פון שטויב צו שטויב.
וואָס קאָנען ווערטער פאַר מיר אויפזינגען?
דער נאַאיווער חן פון ווירטואָז,
דעם תמ׳עוואַטענס און נישט דערוואַקסענעמס זשעסט,
און די בעל־גאווה׳ניקעס אויף דער גאַס פון גייסט. —
און ווען די כבוד־סעודה וועט דאָ ווערן ברייט און רייך געגרייט,
וועל איך מיין גליקוואונטש צושיקן,
און זיך אַנטשולדיקן:
כוואָלט ווייט הינטערן שטאָט, חברים,
און נעכטן האָט עס דאָ פאַרשנייט דעם וועג,
נישט צוצוטרעטן צום טראַמוויי, ניט ווייט.
נאָר כווינטש אייך:
מויערן און בריקן,
שיפן, אינזלען און שטעט,
און שטיקער ים,
און לאַנגע פלאַכן לעבן
פון דאַנען ביז — אַהין.
און איך, פאַר זיך,
פון דער גרויס־עשירות?
אין מיין קעשעניע רב נחמנ׳ס „זמרת הארצ׳ל,
אַפּגעזוכט ערגעץ אין אַלטוואַרג־הויז,
וואו שפּינען וועבן אונטער טונקעלע טרעפּ
זייער אידייען־נעץ.
רב שאָפּענהויער און רב ניטשע און רב לייב שעסטאָוו
האָט לאַנד און לייט געקאַנט היבש מער
ווי מיין מלמד פונם בראַצלאַווער העק,
אָבער — סמאַכט נישט אויס.

איך פיר נישט קיין חשבונות מיט דער צייט,
ווען זי קומט און וועמען זי קלייבט אויף אינמיטן וועג
צו זאַלבן פאַר אַ מלך,
און טוט אים אָן אַ שטאָלצן אַקסל,
און וואַרפט אויף אים אַרויף אַ קרוין,
און ער דאַרף שוין ניט קיין אייזלען זוכן,
די אייזלען קומען שוין אַליין.

ט.

אין דער און דער שטוב
האָט געלעבט אונזער פאָטער.
און דאָ, אויפן אָרימען מאַרק
איז ער אומגעגאַנגען בטל און הונגעריק.
פאַרשלעפּט זיך אַהיים שפּעט־פאַרנאַכט
דורך די הינטערשטע געסלאַך.
די נאַקעטעביימער פון גאָרטנס
האָבן אים נאָכגעקוקט ווי שאָטנס,
געוואוסט ווער דאָס איז.

און אין אָט דעם ספר
האָט געלערנט אונזער פאָטער.
אַזוי־ווי דער ווינט גייט אַרום
איבער פעלדער מיט געלער וועלקונג,
האָט ער אַרומגעאַקערט מיט זיין אַלטן ניגון.
דער ניגון האָט געעפנט די ווערטער,
און די ווערטער האָבן געזונגען, געזונגען.
די ווערטער האָבן ווי גלעקער געקלונגען
אינם חלל פון נאַכט און פון שפּעטקייט.
און שפּעטער ווען ער איז פון ספר אַוועקגעגאַנגען,
האָט ער שטום, מיטן האַנט איבערן באָרד,
נאָכגעטראַכט פון זיין הויכן קול
וואָס ער האָט ערשט צעוויגט אינדערלופטן.
ער האָט געהאַט אַ סך טענות,
ער האָט געטראָגן ווילדע ווייטיקן פון מענטשן.
נאָר ער איז נישט געווען קיין שליח פון קיינעם.
און שטראָפן איז ער נישט ראוי געווען,
האָט ער געקלאַפּט אין די טויערן צו גאָט:
גיי אַליין אַרונטער פון דיין הויכעניש,
רוף צונויף דיינע פּני, דיינע שולדיקע פּני,
מיט די לאַנגע קאַפּאָטעס און סאַמעט־היטלען;
זעץ זיך אַוועק מיט זיי אַרום טיש פון משפּט,
און מאַך חשבון פון די פּאָסטוכער.
רוף זיי צו צום פענסטער, ווייז זיי
אויף די צוקרומטע פאַרוואָרלאָזטע הויפלאַך,
אויפן הונגער וואָס וויינט דורך די ווענט,

אויף דער טויטער בלאַסקייט פון קינדער,
אויף די ביינערדיקע מאָמעס הענט.
אַזוי האָט אונזער פאָטער גע׳טענה׳ט,
און איז אַרויס פונם גרעניץ פון דער־וועלט,
און מיט אונז איז געזעסן דער מידער הונגער
און געשלאָפן איז מיט אונז ביז אינדערפרי.

אין אָט דעם קבר
שלאָפט שוין לאַנג יאָרן אונזער פאָטער.
יונג אונטער גראָז אָראָפּגענידערט.
דאָס גראָז ווערט גריז, ווערט געל,
בייגט זיך אונטער קאַלטן רעגן,
הויבט זיך אונטערן וואַרימען שפריי.

גוט אַרויפגייען, אומגיין אויף זיין סטעשקע,
מיר, גרויע קעפּ און מידע ברעמען
איבערן פאָטערס בערגל, ווי די צווייגן
פון אַ בוים אַרונטערגעבויגן.
בייגן מיר זיך שטומערהייט,
בייגן מיר זיך שטום, אָן רייד.

י.

אין מיר —
בין השמשות פון קאַריצער שולן.
דערציילן זיך אידן אַרום דעם באַלעמער
פון רבין — בעל שם טוב.
דער מאַרק זאָל אַ ווייל פון זיי אָפּשטיין,
אַרויסלאָזן פון זיינע ציין זייערע פּאַלעס
און אויפהערן האָווקען מיט קללות.

אין מיר —
ברענען יאָרצייטן — חלבנע יאָרצייטן
נאָך אַלע וואָס האָבן געוואָלט מאַכן ליכטיק
און האָבן געצונדן אַ האָפנונג אין טונקעלע ווינקלען
אַ פענסטערל איבער די פינסטערע וועגן.

און מיר —
אַלע אָרימע טאַליקע שולכלאָך
זיי זיינען אין מיר נאָך נישט חרוב־געוואָרן.

ווען סוועט קומען דער טויט צום שוועל פון מיין לעבן
אַריין און — אַרומגיין פון ווינקל צו ווינקל
וועט ער אויסלעשן יאָרצייטן אַלטע,
און פינסטער, און ליידיק וועט ווערן —
צעוואָרפענע שטענדערס,
פאַרלאָשענע פענסטער
פוניענערזייט — נאַכט,
אַז אַ פונק, אַז אַ שטערן.

אין מיר —
בעטלער שבת אין שמאַטיקע קליידער
מורמעלט מיט זמירות־ניגונים זיין ווידוי.

כוואַר אַ ברייטער צועפּנטער זילבערנער אויער
צום ליכט פון זיין קול און צום גאָלד פון זיין טרויער.

און — כבין אויך —
אַז אַלטמאָדיש וואָלינישע דאָרפשטוב.
אַלטע נידריקע ווענט מיט פאַרגראָבענע פענסטערלאָד
אַריבער מיין קאָפּ — אַ גרוי שטויענע קוטשמע.
לעבן מיר — אַ קאַלט ברונימל וואַסער.
אַ שאַפיקער הונט לעבן ברונעם
און פייגל־רוף
פוניענערזייט גאָרטן מיט עפּל,

און אין מיר —
אויף די טונקעלע ווענט פרום פאַרשאָטנטע בילדער
אין אַ דיקלאַכן גאָלדראַם — ז י י ן פּנים.
די פּיין פון זיין לעבן איז ליכטיק געוואָרן
און פרייליכע זעען מיר אויס זיינע אויגן,
די וואונד אויף די הענט שוין פאַרהיילט
נאָר אַ דינינקער סימן פון רויט.
און לעבן אים
אַ פּראָסט ברויט, אַ מעסער
אַז ערדערן שיסעלע זאַלץ, אַ קרוג וואַסער.
און ביי זיינע זייטן
די הייליקע ריי אַפּאָסטאָלן —
אָרימע גוים.

כקוק פון א ווינקל אויף די פּנימער:

האַרטער, פּאַרעקשנ׳טער צער אין די אויגן פון איינעם.
דער שטערן — אַן אַדערן־שטריק.
אַט הויכט ער פון דר׳ערד אויף זיין סוקיקן שטעקן,
אַט נעמט ער פון דיקלאַכן ראָם זיך אַ ריר־טאָן,
זיך לאָזן צום וועג פון די גליל׳ער דערפער.

און —
אַט טוט זיך אָן ענדער דאָס פּנים:
איבערן אויבערשטן טייל פונם האַלצערנעם צלם
אַן הערלאַכער קאָפּ —
פּאַליוואַנאָוו.

ער הויבט אויף די האַנט —
אַ צוריסענע פּעטליע,
פּאַרבלוטיקט.

נענטער,
נענטער,

רוקן צו מיר זיך די ראַמען:
שעבאַלין, מאַראַזאָוו, ספּרידאַנאָווא, פיגנער, גרשוני, יודעוויטש,
אולאַנאָוו.
אַט רוקן זיי אַלע צונויף זיך אינאיינעם.

אַרום —
ברייטע ווענט פון אַ שטאָל.
אַלטע קלעצער, באַלקנס פון רויהאָלץ.
שטילקייט פון פרומער דערוואַרטונג.
אַט נעמט ער דאָס ברויט אין זיין האַנט און מורמלט.
די פּנימער אַלע — געווענדט זיין פּנים:
מיר פּראַווען די אָרימע הייליקע סעודה
פון נייעם פרימאָרגן.

מיר ברעכן דאָס אָרימע הייליקע ברויט
פונם נייעם פרימאָרגן.

דורך דער ברעטער־שפּאַלט,
ווי פון גאָלדענע פעלדער
ליכטיקע סנאָפּעס טאָג פאַלן גרינג.
און איבערן דאַך,

און אַרום די פיר ווענט,
שטיל ברידערלאַך זינגען.

איך בין:
אַ דאָרפישע כאַטע
אויף וואָלינישע וועגן,
אין מיר —
געזאַנג
פון שמעקנדיקן רעגן
אויף וואַרימע גערטנער,
אויף ווייניקע סעדער,
אָפענע בייטאַגן,
צולאָפענע לאָנען;
פּאַסן צעוויקלטער זוניקער לייוונט, —
דאָס האַרטע הערלאָכע העמד
פאַרן דאָרפסלייב.
די פּאָן פון דער פּראָסטקייט —
שמעקט מיט ריחות פון ערד און וואַסערגראָזן.
טרעשטשעט אונטערן האַנט
מיטן קלאַפּן פון האַגל
אויף שטאָלן און שטיבלאַך.
און — שיינט און ליכטיקט —
זון איבער טייכן.

דער זומער —
אַ בלאָנדער
ברייט־קנאָכיקער פויער
הויבט זיך אַרויס פון ד ניִדריקע שטיבער,
פּאַלט זיין גרויסער שאָטן
אויף דער זוניקער זייט פון די פעלדער.

און אין מיר
אַן אַלטמאָדישע קלויז,
אַ דין דין ניגונען
אריבערן משניות
נאָך נעכטיקע דורות,
נאָך פראָסטע און אָרימע
ערלאָכע אידן.

אַקאָרד

איך בין געקומען גוט־זיין מיטן פראָסטן,
גאָרנישט גרויס־מאַכן און הויך־מאַכן.
אַלע מיינע אברים, אָטעמט,— אין שטילן לויב
פאַר אַלץ וואָס בייגט זיין קאָפּ איבער זיין שאָטן,
און האָט זיין אָפּגעמאָסטן שטיקל אָרט אויף דר׳ערד
אויף דעם צו לעבן און צו שטאַרבן.
ער אומרואיקט ניט שווער זיין וואָכעדיקן טאָג,
און רוט אָפּ שווייגנדיק זיין קורצן יבֿת.

ווען איך בייג זיך מיד פון צופיל לייד,
ציען זיך אין שאָטנדיקן בעטן מיינע רייד:
דו זאָלסט מיין ווערט אויף דר׳ערד
פאַרווייניקערן נאָך.
און זיין זאָל איך פאַר דיר
אַ גראָז וואָס וועלקט
אונטערן שאָטן פון דיין טיר.
און אַז עס שאַרט זיך צו צו מיר אַביסל לעצטע זון,
ווער איך דאָס ליד פאַר אַלץ וואָס דאַנקט דער גרויער שעה,
פאַר אַלץ וואָס בייגט זיך רוען.

ישוב

אונטערן אויוון אַ קאַץ און אין הויפֿל — אַ הון.
אַן אַלמאַדיש, אַן אַלטמאַדיש בילד.
און פֿאַרנאַכט אויף דער פֿריזבע די מידע זון
די פּיס אונטער זיך — רוט אַפּ מילד.

אַבי דורכן טאָג איז אונז גאַרניט געשען
און די סטעשקע צום שטוב — ריין און גלייך.
און כּהאָב די דריי וואונדער פֿון דער וועלט געזען —
דעם הימל, די ערד און דעם טייך.

זינט דעמלט, אין ישוב־פֿאַרכּישופֿטער וועלט
שוין מער נישט קיין וואונדער געזען.
מיך דערפֿרייט אַזוי טיף דאָס וואָרט: געצעלט
און דער ניגון: אַמאָל איז געווען.

און דאָס מעשה־בוך וואָס רופֿט זיך תּנ״ך
איז דאָס ליד פֿון מיין ליכטיקער שעה.
ניט יהואש קאָן איבערזינגען יענע שפּראַך,
אַזאַ איבערזינגער איז אויף דער ערד נישטאָ.

און ס'איז גוט וואָס אין הויז פֿון חומש האָט
זיך פֿאַרלערנט דאָס עברית'דיקע וואָרט,
און דער חומש איז געוואָרן דאָס הויז פֿון גאָט,
זיין הויז און זיין הייליקע שטאָט.

אַמאָל, ווען עס פֿלעגן דאָ וואונדער געשען,
האָבן מענטשן אַזאַ שפּראַך געמאַכט
און האָבן דורכן וואָרט גאָטס ליכט געזען
ווי די שטערן דורכן קרעפּ פֿון דער נאַכט.

דערמאָנונג

כגעדענק ביינאַכטיקע פרי־זומער רעגנס.
די יונגע שלאַפלאַזיקייט נאָך פרישע אומרו־טעג
אונטער די נידעריקע סטעליעס די געלעגערס —
שוין אַזאַ ווייטער אַפגעריסענער ברעג.

ווינט און וואַסערבייטשן איבער דעכער,
אין די שויבן, אויף די בוימער פון דער גאַס.
מאָרגן — הויבן זיך די קוקורוזן העכער
און די בייטן — טויאיק, בלויאיק, אויסגעוואַשן, נאַס.

היבער ווייסע, קלאָרערע, ווי אויסגעוואַשן,
טרעטן גרינג, ווי טויבן, אויפן נייעם גרין.
ווייסער גאָלד־שיין אויף די ברעמען פון די גאַסן
אויף די דעכער־ברעגן דימענטן ציטער־דין.

כליגביים פענסטער: גאָרטן, בוימער, דעכער,
פריער טומל און — פאַרטויבט, פאַרקלינגט פאַרציט.
אַ ווייסע גרינגע האַנט, אַ טריפנדיקער בעכער,
און דרימל בלייט, און זוניקער דרימל בלייט.

און אין דרימל — הערט שוין אויף דער רעגן,
קליינע דונערלאך האָבן שוין איינגעשטילט.
פריע גאַסן, בלויע הימל־ברעגן
אין די בלויקייט לייכט און לאַכט און שפילט.

איז מיר גוט און שיין געוועזן דאַמאָלט?
יאָ, כגעדענק אביסל: שיין און גוט און וואויל.
און פון דעם וואָס כהאָב איצט נאָכגעשטאַמלט.
זיסט זיך ווייך און זון איבער מיין מויל.

זאָג אָן ...

זאָג אָן דורך לידער פרייד,
אַלע גאַסן ווילן הערן.
דאָס גאָלדענע פעלד מיט ברויט
נאָך אונזער נויט און טרערן.

מיר האָבן דיך ליב געהאַט
דו מי און שווערע דאגות.
דו בלוט פון קראַנקן בלאַט,
דו גאָלד פון אונזער שוויגן.

מיט דורות הויט און ביין,
מיט דינע בלייכע קינדער
נישט מיד געוואָרן גיין
דעם וייטן וועג צו וואונדער.

דער וואונדער וואַרט און וואַרט
מיר וועלן אים דערגרייכן —
בלוי־הימל פון פאַרנאַכט,
שטיל פעלד און קלאָרע טייכן.

ווי מיד דו זאָלסט נישט זיין
וועסטו דאָ רו געפינען.
אַרום דעם שטומסטן שטיין
נעמט העלע גרינקייט גרינען.

דער עול פון טויזנט שטעט
אַרונטער פון די אַקסל,
ווי גראָז, טוט פרום געבעט
אויף דיינע ליפּן וואַקסן.

וואָס ווילסטו פון דער וועלט ?
אַ שטילן דאַנק איר געבן,

וואָס זי האָט אָפּגעשטעלט
פון וויסטן האַסט מיין לעבן.

און האָט מיך צוגעפירט
צום שוועל פון רו — צו רועז.
דער טאָג צינדט פרומע ליכט
אין זיינע לעצטע שעה'ן.

און כבענטש די שטילע וועלט
אָן וואָרט און אָן באַוועגונג
ווי סבענטשט דאָס גרינע פעלד
דעם הימל נאָכן רעגן.

אינהאַלט

I

אינטראָדוקציע — 7
ליכטיק — 8
וואוהין — 9
פרידן — 10
לידער — 11
פרי — 12
דערמאָנונג — 13
טוי — 14
מיד — 15
מיין מאַמע — 16
אין וועלט — 17
צו . . . — 18
צו — 20
אַלטגאָלד — 21
אין אַ גוטער שעה — 22
אַליין — 23
ליכט — 25
גרוי — 26
שיינער טרויער — 27
איינער — 28
פערזן — 29
אַ פענסטערל ליכט — 31
אַ היימישע פליג — 33
דורך מיין לייב — 35
דאָס אַלטע — 37
ערשט איצט — 39
ליכטיק — 41
אַ שוועסטער — 42
קליינוואַרג — 45
אַלט־מאָנטרעאָל — 46
וואוהין — 48
הערבסט — 49
אַראָפּ — 50
טוי — 51
די לידער — 52
אויף מיין וועג — 53
געזעץ — 44
אידיש — 55
איך, און מיינע ברידער — 56
דאָרן — 58
פון וויסטע טעג — 60
אינגלאַנד — 62
איך בענטש דיך — 64
איך זאָג — 65
ליד — 66
ער — 67
אַ קלאַנג — 68
פּאָרטרוי איך זיך — 69
פאַרמאַכט — 70
צו דיר — 71
סאַנאַטאָריום — 72
שוואַלבן — 74
דיין וואָרט — 76
ליכטיק — 97
גאָלדן מזל — 80
ליכטיק — 82
מהאָט געבויט — 83
צו דער ערד — 84
מיין ליד — 86
אַלטגאָלד — 87
שפּעטזומער — 88
פּאָעטן — 89
אַ קלאַנג — 90
אונזערע אינגלאַנד — 91
ליכטיק — 92
דיין הויז — 93
בעל שעם רע — 94
דעם בעל מוסר׳ס וואָרט — 95
לויטערקייט — 96
די שיינע טעג — 97
פערזן — 99
איך — 106
אין דער שעה — 107
קאָרעץ — 108
תשרי — 109
מאָנטרעאָל — 110
וואָס הערט זיך עפּעס? — 111
אומרו — 112
פערזן — 113
מיין אינגעלעם פּנים — 127
אין בוך פון שיינקייט — 128
אין איטלאַנד הויז — 130
די ליבע — 131
ניי־צייט — 132
איך — 133
בלוטיקונג — 135
דער נס — 136
אונזער געזונד — 139
מיין מלכות — 140
ביי אונז — 143
פון א בריוו צו א שילעריז — 144
יהואש׳עס פרוי — 145
נאָך אַ רעגן־נאַכט — 146
פערזן — 147
ווען? — 151
מאַך נישט טמא — 152
ווער? — 153

אומקער — 154
אומעטום — 155
טויט — 156
ניצחון — 157
צו מיינע קינדער — 158
צו מיין אינגל — 159
אַרום זיך — 161
צו... — 162
דאָס ליד — 163
אונזערס — 164
פאַרגיב — 165
אַ טאָן — 166
אַזוי־אַ — 167
אין פאָלקסליד שטייט אזוי — 168
גענאָד — 169
אַלטבאַקאַנטע לייט דאַוועגעז — 170
אין אַ הינטערגאַס... — 172
מאָנטרעאַל — 173
ביים שטיין — 174
איינער — 175
ליכטיק — 176

II

אין מיר — 179
אַ ווייסע זאַך — 180
פאַרנאַכט — 181
וואו? — 182
אויך דאָס אינגעלע — 184
צו דיר — 185
דער אוצר פון וויניק — 186
זיין ליכט — 187
בלינדע הינט — 188
מיר פאָרן — 189
בעסער — 191
פאר'משפט'ער דור — 192
צו חיים קרול — 194
איך ווייס — 195
די בני דן קיכאָט — 196
טעסטאַמענט — 199
גרין־גאָלד — 200
הימנע צו אידיש — 206
ויהי — 207
אַקאָרד — 212
וואו פירן די וועגן? — 213
מיין ברודער דורשט... — 215
אַלטוואָרט — 216
מיין חלום — 217
באָבע־לשון — 218
ער — 219
ליד — 221
אָנדענק — 222
אַקאָרד — 224
זילבער־בלוי — 225
דער קאָריצער — 227
די שונאים דיינע — 229
אין ברויטנטאָל — 230
אַ וואָרעם — 231
געחלומט — 232
לידער — 234
אַזאַ היים — 235
איך קאָן — 236
אידיש — 237
חורבן שרייבט מיר — 238
דאָס בוך פון ווידוי — 239
דער טויט — 240
זונגאָלד — 243
און אז... — 244
מיין תהילים — 245
וועלט איין, וועלט אויס — 247
כישוף — 248
ריין — 249
דיין הויז — 250
עס זינגט מיר — 251
אַ ליד — 252
אין זייערע טריט — 253
ראַדירונגען — 254
אַלטע ווערטער — 255
בלוי — 256
זילבערליכט — 258
ליד — 260
מדבר־ליכט — 261
אין אַלטע הייזער — 262
ווייל דעם דאָרף — 264
מדבר — 265
ליד — 266
אַ שפּעט שבת־ליד — 267
מ. ל. האַלפּערן — 271
איך בין... — 272
מיין שוועסטער — 273
איינער, אַ מענטש האָט... — 274
פרעמד — 275
ישו — 276
אַזאַ מענטש — 280
טויט — 285
גן עדן־לייט — 286
פיר לידער וועגן מיין אינגל 288
מיין טשאַרנעלע — 295

די בייזע מינוט — — — 297
אַ טאָג — — — — — — — — 299
דאָ — — — — — — — — — 301
די פּאַן — — — — — — — — 303
נאָרמאַ שירער — — — — — — 306
טריסט — — — — — — — 307
אַ געגנט — — — — — — — 308
ליד — — — — — — — — — 309
דאָן קיכאָט אין מושב זקנים 310
פּאָר בעטלער — — — — — — 312
מיט חיים קרול — — — — — 315
איך — — — — — — — — 317
ניגון — — — — — — — — 320
ערד און זון — — — — — — — 322
בעל שם טוב — — — — — 326
אַקאָרד — — — — — — — — 328
כוועל גיין . . . — — — — — 329
געשיכטע — — — — — — — 330
די סעודה — — — — — — — 337
בעטלער־וועלט — — — — 333

III

מיין ליד — — — — — — — 337
אַקאָרד — — — — — — — 353
ישוב — — — — — — — — 354
דערמאָנונג— — — — — — — 355
זאָג אָן — — — — — — — — 356